STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00618

# ALE VERK

## Eliakum Zunser

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dr. Max & Adah Bakalinsky*
*in memory of*
*The Bakalinsky and Packerman families*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליקום צונזער

אליקום צונזער

# אלע ווערק

אין דריי בענד

—

ערשטער באנד

אבא קאצענעלענבויגען
ניו יארק, 1920

Copyright, 1920
By
Abe Katzenelenbogen, Inc.

# אינהאלט:


זייט

פון אליקום צונזער'ס פאמיליע — — — — — — — 5
פון די ארויסגעבער — — — — — — — — — — 7
אליקום צונזער אין דער אפשאצונג פון אונזערע
ראדיקאלען — — — — — — — — — — — 9
אליקום צונזער אין דער אפשאצונג פון אונזערע
ארטאדאקסען — — — — — — — — — — — 11
ג. זעליקאוויטש
אליקום צונזער אלס מוזיקער — — — — — 15
תשר״ק
דער אלטער צונזער — — — — — — — — — 17
ערקלערונגען — — — — — — — — — — — 20
דער פוסטער פראנט — — — — — — — — — 21
זאגט קדיש נאך דער וועלט — — — — — — — 25
דאס ליעד פון זייגער — — — — — — — — 31
דאס ליעד פון פויגעל — — — — — — — — 38
פון חדר זאגט מען ניט אויס — — — — — — 44
דער זומער מיט'ן ווינטער — — — — — — — 50
דאס ליעד פון אויג — — — — — — — — — 57
דאס ליעד פון רובעל — — — — — — — — — 62
די פערדארבענע בילדינג — — — — — — — — 66
מיר זיינען קינדער — — — — — — — — — 72
דעם רבי'ם שליסעלע — — — — — — — — 78
א טלית — — — — — — — — — — — — 87
דער פראם — — — — — — — — — — — 92
דער אלטער פאטער — — — — — — — — — 96
די פערמאסקירטע וועלט — — — — — — — 100
די געהיימנים פון ערב יום טוב — — — — — 108
דער אייזערנער שראנק — — — — — — — 116
די שטאק־שפיעל — — — — — — — — — 121
דער פאטשטאווער גלעקעל — — — — — — — 125

| | |
|---|---|
| | זייט |
| דער איזבארשטשיק | 130 |
| דאָס ליעד פון אייזענבאהן | 138 |
| די אייזענבאהן | 142 |
| דער וועלט־טעאטער | 147 |
| דער צבוע׳יאַק | 151 |
| די פערשיעדענע וועלט | 157 |
| קלוג, איידעל און שטיל | 162 |
| רבי יעקב משלם | 168 |
| בטוח את באלה | 172 |
| דער חילוף | 175 |
| דער אריסטאָקראַט | 183 |
| די לבנה | 192 |
| צו די שטערען | 195 |
| דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט | 205 |
| דער ענטפער | 213 |
| דאָס אונשטערבליכע פאָלק | 215 |
| טרויער־געדיכט | 226 |
| מיינע געפיהלען | 229 |
| די קאָנטראַסטען | 236 |
| נאָך דעם נייעסטען זשורנאַל | 245 |
| משה מיט זיין דור | 249 |
| קאָלומבוס און וואשינגטאָן | 256 |
| צום פעדלער | 261 |
| פערזעהן — פערשפיעלט | 264 |
| די „דזשואיש אַליאַנס" | 268 |
| דאָס גאָלדענע לאַנד | 274 |
| דער גרינער | 279 |
| זיין מתן חירותנו | 284 |
| צו מיינע פריינד | 286 |
| מיין ליעד און דער איד | 287 |
| בעמערקונגען און אַפּטייטשונגען | 288 |

# פון אליקום צונזער'ס פאמיליע — צו זיינע יורשים, צום אידישען פאָלק.

די צוזאמענקלייבונג און אויסגאבע פון אלע ווערק פון אונזער פאטער. אליקום צונזער, וואס וועט זיכער אויפגענומען ווערען מיט שמחה פון אלע זיינע פיעלע פערעהרער איז זעהר א גרויסע דערלעבונג פאר דער פאמיליע. פרוי און קינדער, פונ'ם פערשטארבענעם.

א חוץ וואס מיר אליין פרעהען זיך אזוי צו זעהן די אויסגאבע פון אלע ווערק פון אונזער פאטער, וואס זיינען געווען צוזייט און צושפרייט, פיהלען מיר דערביי דאס מיט דעם איז ערפילט געווארען די הייליגסטע צואה פון אונזער פאטער.

צו זעהן אלע זיינע ווערק צונויפגעקליבען און ארויסגעגעבען אינאיינעם איז פאר אונזער פאטער געווען דער זיסטער חלום. דערהויפט אין זיינע לעצ־טע יאהרען ווען ער איז שוין אלט געווארען, זיין שטימע שוואך און שוואכער האט ער זיך זעהר, זעהר מצער געווען צו דענקען אז זיין לעבענס־שאפונג וועט פערגעסען ווערען. באזונדערס פלעגט איהם וועה טאן צו טראכטען. אז זיינע מעלאדיען, וואס זיינען אזוי צונויפגעוועבט מיט די ווערטער, מיט די ליעדער, און וואס זיינען אזוי פערשפרייט און בעליעבט געווען ביים פאלק — וועלען פערגעסען ווערען צוזאמען מיט זיין טויט.

נון, אונזער פאטער האט עס ניט דערלעבט צו זעהן, ניט בעשערט געווען, ווייסען מיר אבער דאס זיין הייליגסטער וואונש פון זיין צואה איז מיט דעם ערפילט געווארען.

אונזער דאנק צו מר. אבא קאצענעלענבויגען, וועמען אונזער מוטער האט זיך איינגעגעבען צו פעראינטערעסירען אין דער דאזיגער אויסגאבע. נאך מיט יאהרען צוריק זיינען עס געווען ה' קאצענעלענבויגענ'ס עלטערען וואס

האבען אין ווילנא פערעפענטליכט אייניגע קליינע ביכלעך פון אונזער פאטער.

אונזער דאנק צו ה׳ ב. י. ביאלאסטאצקי פאר דער צונויפשטעלונג פון אלע ווערק.

זאלען עס די אידען פון אלע לענדער, די אמת׳ע יורשים פון אונזער פאטער לעזען און זינגען אין פרעהליכע צייטען, ווי עס איז געוועזן דער איינציגסטער וואונש פונ׳ם פערשטארבענעם.

פאר דער צונזער־פאמיליע,

פ. צונזער

# פון די ארויסגעבער

לכתחילה האבען מיר געהאט בדעה אלס איינפיהרונג צו דער פאל־שטענדיגער זאמלונג פון אליקום צונזער'ס ווערק צו געבען אן אויספיהרליכע קריטיש־ביאגראפישע אפשאצונג פון אונזער גרויסען פאלקס־דיכטער.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז דער פלאן לאזט זיך אונטער די איצטיגע אומשטענדען נים דורכפיהרען.

מיר ווייסען אבער און פיהלען, אז דער נייער דור איז דורך צייט און שטרעמונגען שוין אביסעל צו ווייט פון די צייטען וואס שפיגלען זיך אויף אזא מערקווירדיג־חנבדיגען אופן אפ אין די שאפונגען פון אליקום צונזער.

מיר ווילען העלפען די לעזער פון אליקום צונזער'ס געזאמעלטע ווערק זיך איינצולעבען און די שטימונגען און געפיהלען מיט וועלכע דער ג א נ צ ע ר עלטערער אידישער דור אהן אונטערשייד פון פארטייען און ריכטונגען האט זיך פארהאלטען צום גרויסען פאלקס־דיכטער.

מיר ברייגגען דא דערפאר ווייטער אפשאצונגען פון צוויי ענטגעגענ־געזעצטע ארגאנען פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג: פון סאציאליס־טישען „פאָרווערטס" און ארטאדאקסישען „טאגעבלאט". און עס איז אי־בערראשענד צו זעהן מיט וואס א גלייכע ליעבע און אכטונג זיי באציהען זיך צו אונזער דיכטער.

מיר ברייגגען דא אויך נאך צוויי קורצע ארטיקלען וועגען צונזער'ן. וואס מאכען פאלקאם דאס בילד פון אונזער דיכטער: פראפ. זעליקאוויטש. א באדייטענדער קענער פון מוזיק כאראקטעריזירט צונזער'ס מ ו ז י ק א־ל י ש ע שאפונגען. מיר באדויערן. וואס די צייט און אומשטענדען האבען אונז נים ערלויבט ארויסצוגעבען צוזאמען מיט „אלע ווערק" אויך אלע זיינע

מוזיקאַלישע שאַפונגען. אָבער דאָס וואָס זעליקאָוויטש האָט געהאַפט איז געטאָן געוואָרען: דער באַוואוסטער אידישער קאָמפּאָזיטאָר רומשינסקי האָט אַלע מוזיקאַלישע שאַפונגען פון אליקום צונזער אַראַנזשירט אויף'ן בעסטען קינסטלערישען אופן פאַר געזאַנג מיט פּיאַנאָ באַגלייטונג. און אין אַ קור־צער צייט אַרום וועט אַ פּראַכטפולער באַנד פון צונזער'ס מוזיקאַלישע שאַפונ־גען אַרויסגעגעבען ווערען פון אונז.

וואָס איז שייך תשרק'ס אַרטיקעל ווערט ער דאַ געבראַכט פול צו מאַכען דאָס בילד פון אונזער צונזער'ן אַלס מענש. דאָס בעסטע וואָס מען האָט געקאָנט זאָגען וועגען דעם איז געזאָגט געוואָרען אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, וועלכע די לעזער וועלען געפינען אין אַנהויב פון באַנד צוויי. וויפיעל פּשטות, וויפיעל עניות, עהרליכקייט און גייסטיגע ריינקייט עס פיהלט זיך אין יעדער שורה פון דעם אַלטען צונזער׳ס וועגען זיינע יונגע יאָהרען. תשרק גיט אונז אַ בילד וועגען די פּערזאָן פון אַלטען צונזער, דאַמאָלט ווען ער האָט זיין שאַפונג שוין אויפגעגעבען און מיט אַן אמת העראָאישער זעלבסטפאַרנײַנונג זיך גענומען אויף דער עלטער צו מלאכה, ניט פאָדערענדיג פון קיינעם קיין זאַך, ליעבליך, גוטמוטיג, האַרציג און ריין ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לאַנגען און פרויכטבאַרען לעבען.

די אויסגאַבע איז זיך אויסגעוואַקסען אַ ביסעל גרעסער ווי מיר האָבען אין אַנהויב זיך פאָרגענומען: זי אַנטהאַלט באמת אַ ל ע ווערק פון אליקום צונזער און מיר האָפען אַז זי וועט זיין אַ וויכטיגער בייטראַג צו דעם אוצר פון דער אידישער ליטעראַטור און דיכטונג.

ד י  א ר ו י ס ג ע ב ע ר.

# אליקום צונזער אין די אפשאצונג פון אונזערע ראדיקאלען.

מיט א יאהר פערציג צוריק, ווען אליקום צונזער איז געווען אין רעכטען בלום פון זיינע קרעפטען און טאלאנט, האט ער אליין ניט געוואוסט ווי וויכטיג ער איז. ווען איהר וואלט דאן געזאגט, אז ער איז איינער פון די גרויסע מענער פון אונזער פאלק, וואלט ער איבעראשט געווארען; און אלע זיינע פריינד וואלטען איבעראשט געווארען.

ער איז געווען א בעריהמטער בדחן אין ווילנא, אין מינסק, איבער גאנץ ליטא; אבער אז א טאלאנטפאלער בדחן זאל זיין א וויכטיגער מאן אין זיין פאלק — דאס וואלט דאן נאך געווען א פרעמדער באגריף.

שפעטער אביסעל, ווען עס האט זיך גענומען אנטוויקלען א אידישע ליטעראטור, ווען די אידישע פאלקס־מאסען האבען גענומען לעזען, איז מען ביסלעכווייז צוגעוועהנט געווארען צו דעם געדאנק, אז דער טאלאנטפולער בדחן איז א טאלאנטפולער פאעט, און אז מיט א טאלאנטפולען, עהרליכען פאעט דארף שטאלצירען זיין נאציאן.

אליקום צונזער איז געווען אונזער פאלקס־פאעט. ווארום האט מען זיינע ליעדער געזונגען אין אלע אידישע הייזער פון דער ליטא ביז גאליציען, פון פוילען ביז רומעניען? ווייל די ליעדער האבען גערעדט צום אידישען הארצען, ווייל אין יעדע פון זיי איז געלעגען א סימפאטישער געדאנק. ער איז געווען א דענקער אזוי גוט ווי א זינגער. אהן בילדונג, בלויז א משכיל, האט אט דער פאלקס־קינד פון זיין אייגענעם מוח און פון זיין אייגענער נשמה פערל געשאפען. און די פערל האבען געבליסטשעט און באצויבערט כמעט יעדע הויז וואו אידיש איז געווען די מוטער־שפראך.

די מוזיק צו זיינע ליעדער איז אויך געווען זיין אייגענע. די נגונים

זיינען אויך פון זיין נשמה געבארען געווארען. די נגונים מיט די ווערטער זיינען צוזאמען געגאסען אין איין פראכט, אין איין צויבער־קראפט.

אַט זיצען די אידישע בעלי מלאכות ביי זייערע ווארקשטאטען אין ווילנא, אין ווארשא, אין לעמבערג, אין בוקארעסט און זינגען הארציג ביי דער ארבייט אליקום׳ס „אייזענבאהן״, „דער בלום״, „די אוהר״ אדער „די אויג״; זיי זינגען און זייערע גייסטער טראגען זיי אוועק ווייט אין א הימעל־וועלט און זיי פערגעסען זיך אַז דער שווערקייט פון זייער פראצע. דאס איז שוין געווען מיט א יאהר פופציג צוריק. דעם בדחן׳ס ליעדער האבען זיי דאס געזונגען. דעם געבילדעטען אידען פון יענער צייט האט זיך אפילו ניט גע׳חלום׳ט, אז אידיש איז א שפראך און אז די שפראך האט פאעטען. בלויז בדחנים קאן זי האבען — האט מען געגלויבט. מיט אידיש האט מען זיך געשעהמט.

יאהרען זיינען אוועק; די קלעפ פון פאגראמען האבען אונז די אויגען געעפענט. מען האט זיך ארומגעזעהן, אז מען האט פיעל טעות׳ן געהאט; מען האט זיך ארומגעזעהן, אז אידיש איז א שפראך, און אז אליקום בדחן איז אליקום פאעט. א בעגאבטער מענש, א גרויסער מענש.

פערזענליך איז ער געווען פול מיט א ספעציעלען סארט סימפאטיע און ווארימקייט, וועלכע זיינען געווען דער קוואל פון זיין טאלאנט. עס זיינען פאראן קינסטלער, וואס זייער גאונות קומט פון מארד. אליקום איז געווען איינער פון יענע טאלאנטען, וואס זייער גרויסקייט שטאמט פון זייער הארץ.

ער איז געווען א גוטער, ליעבענדער, הארציגער מענש; אַט דאס האט געשאפען זיינע ליעדער.

יעדער דענקענדער איד, יעדער איד וואס וויים ווי צו שעצען אמת׳ע גרויסע מענער, וועט אפגעבען עהרע דעם אנדענקען פון אליקום צונזער.

„פארווערטס״ ניו־יארק.

# אליקום צונזער אין די אָפּשאַצונג פון אונזערע אָרטאָדאָקסען.

אליקום צונזער איז געווען דער מאן וואס האט באזונגען דעם וויטאג פון גאנצען אידישען פאלק, וואס האט אויך באזונגען זיין נחת, דער מאן וואס האט מיט זיין פעדער אויסגעדריקט אלעס וואס די אידען האבען גע־פיהלט און אלעס וואס זיי האבען געטרוימט אין גאנצע 66 יאהר צייט.

אין די 66 יאהר אין וועלכע אליקום צונזער האט געשריבען זיינע פאר־געקומען גרויסע איבערקערענישען אין דער אידישער וועלט. ווי גרוים איז דער תהום צווישען אונז און אונזערע טאטעס, צווישען אונז און אונזערע זיידעס! וואס פאר א געוואלטיגער אונטערשייד עס איז צווישען די מיינונ־גען, באגריפען און זיטען ביי אונז היינט און צווישען די מיינונגען, באגריפען און זיטען פון מעהר ווי א האלבען יאהר־הונדערט צוריק! אבער אליקום האט אלעס פארצייכענט אין זיינע פשוט'ע, הארציגע ליעדער. איהר קאנט דארטען געפינען אלעס. עס איז ניטא קיין געפיהל, קיין שטרעבונג, קיין בא־וועגונג וועלכע זאל ניט זיין טריי געשילדערט פון דער האנט פון דעם וואונ־דערליכען מענשען וואס האט געהייסען אליקום צונזער.

ווילט איהר וויסען די איינפאכקייט, די תמימות, די גוט־מוטיגע, הארצ־ליכקייט, פון אונזערע זיידעס און באבעס, ווען זיי האבען זיך געלעבט מיט בטחון, האבען געהאט זייער אייגענעם שטילען נחת, נאך איידער די עמיג־ראציע אין אמעריקא האט זיך אנגעפאנגען, איידער די אידישע פאמיליעס זיינען צושפאלטען געווארען, איידער מען האט געשיקט „פיקטשורס" פון דער אנדער זייט ים? ווילט איהר וויסען וואס די רוהיגע פערשלאפענע אידישע שטעדטעל וואו אידישע מיידלעך האבען זיך געשפיעלט אין זאמד כמעט ביז דער התונה, האט געפיהלט אין יענע צייטען? איהר קאנט עס

געפינען ביי אליקום צונזער אין זיינע ערשטע לידער, וואו אלעס איז אזוי איינפאך באזונגען אז אייך דאכט זיך איהר זייט צוריק אוועקגעטראגען געווארען אין יענער וועלטעל וואו מען פיהלט דעם טעם גן־עדן פרייטאג צו נאכט ביי די שבת׳דיגע מאכלים און צו הויז איז לכבוד שבת „פערפוצט“ מיט פריש אנגעשאטענע זאמד אויפ׳ן פלאר...

* * *

נאר די צייטען האבען זיך געביטען. די השכלה האט זיך ארייגעריסען אין דער אידישער גאס, דאס אידענטום האט באדארפט אויסשטעהן א מלחמה מיט די לייט וואס האבען געפרעדיגט אסימילאציע, זיי האבען געזאגט אז אויב זיי וועלען אראפווארפען פון זיך דעם אידישען יאך וועלען זיי ווערען גליקליך, א טייל האבען זיך געלאזט אויף דעם נייעם וועג. דאס פאלק אליין איז אבער געבליבען טריי צו זיינע אלטע אידעען, טריי צו זיך אליין, און גלייך האט אליקום צונזער איבערגעגעבען די געפיהלען פון פאלק פון יענער צייט אין זיין בעריהמטען ליעד „דער נייגצעהנטער יאהר־הונדערט.“

דער מחבר רעדט אין נאמען פון גאנצען פאלק ווי ווייט די נייע נביאים וועלכע האבען געצויגען אהין צו דער גוי׳שער גאס זיינען געווען פאלש. ער שילדערט די פערצווייפלונג פון די וועלכע האבען באמת געגלויבט אין די הבטחות און זיי האבען דערזעהן אז זיי זיינען ניט מקוים געווארען. אין דעם ליעד האט צונזער ארויסגעזאגט אלעס וואס עס איז געווען אויפ׳ן הארצען פון פאלק, נאכדעם ווי עס איז אריבער די ערשטע כוואליע פון אסימילאציע איבער׳ן רוסישען יודענטום און עס האט זיך אנגעפאנגען צווישען די משכילים בעווייזען די סימנים פון צוריקקעהרען זיך צום נאציאנאליזמוס.

* * *

אבער די צייט איז אויף אן ארט ניט געשטאנען. דעם אידישען עולם האט אנגעפאנגען מיאוס ווערען די שטעדטעל מיט איהר דלות. דער אלטער בטחון איז געווארען שוואכער און אונרוהיגקייט האט פארנומען זיין פלאץ. נייע געדאנקען האבען זיך געטראגען אין דער לופט. „ערד ארבייט“ איז געווען דער נאמען פון דער נייער האפנונג. אוועקווארפען דעם ארשין און געהן

איז שוים פון דער נאַטור, לעבעז רוהיג און אהן קאַפּ דרעהעניש, און באַלד זעהען מיר צונזער'ן ווי ער שרייבט מיט גרוים התלהבות זיין ליעד „די טאַבע". און גלייך זיצען קינדער בכל תפוצות ישראל און זינגען מיט זייערע קול-כעלער צונזער'ס פשוט'ען ניט געקינסטעלטען ניגון'דעל:

עס קומט דער פריה-מאָרגען,
איך דאַרף ניט לייען באָרגען,
דער מות דארף ניט זאָרגען,
אויף טאָג הוצאות געלט.

נאַר אַט איז געקומען א נייע כוואַליע פון חבת-ציון און אונזער אליקום זיצט שוין און גיסט אוים זיין הארץ צו ארץ ישראל, און גלייך זינגען אידישע קינדער און אויף אלע חתונות און אויף אלע שמחות און מען זינגט ווי אזוי די אלטע מוטער ציון זאָגט ווען זי זעהט איהרע קינדער לויפען צו איהר פון אלע זייטען.

וואָס זעה איך דורך די שויבען,
עס פליהען אָן ווי טויבען
מיין יעקב, מיין בנימין
קלאַפּען אָן מיין טיהר.

ווארום אזא וואונדערליכען כח האָט ער געהאַט דער מאַן: האַט עטוואס דאָס פאָלק דערפיהלט א צער אדער נחת, האט גלייך א ריהר געטהאָן זיך דאָס הארץ פון דיכטער, און אזוי שנעל ווי עס איז ביי איהם פארטיג געוואָרען א ליעד וועגען דעם דאָזיגען געפיהל, האָט עס זיך פערשפרייט מיט די שנעלקייט פון א בליץ אין אלע שטעדט און שטעדטלעך. עס איז געווען עפעס א בעהאַלטענע „קאָנעקשאַן" צווישען דעם פּאָעט און דעם כלל ישראל, א מין „וויירעלעס" וואָלטען מיר וועלען זאָגען. אויב אזא וואָרט וואָלט זיך געפּאַסט. דאָס הארץ פון פאָלק .און דאָס הארץ פון דיכטער איז געווען איינס.

* * *

און דאָס איז די גרויסקייט פון א פאָלקס-דיכטער, ער דאַרף ניט האָבען

די שבחים פון די קריטיקער, ער דאַרף ניט פון קיינעם קיין אַטעסטאַטען אויף זיין טאַלאַנט. ער איז אויך ניט מחויב צו שרייבען דוקא אין דעם סטיל ווי אַזוי די קינסטלער ווילען. ער האָט דירעקטע פערבינדונגען מיט דעם פאָלק, פאַר איהם איז אָפען די נשמה פון זיין אומה. ער איז דער ליעבעס־קינד. דער בן־יחיד ביי זיין נאַציאָן. ער דאַרף ניט קיין צערעמאָניעס, קיין אויסערליכען שטאַט. ער דאַרף ניט קיין אַנשטעל, ער שעפּט פון דער ערש־טער קוועלע און אַלעס וואָס ער זאָגט ווערט אויפגענומען פון פאָלק מיט ליעבע, ווייל דאָס פאָלק פיהלט אין דעם זיין אייגען פלייש־און־בלוט, זיינע אייגענע האָפנונגען און חלומות. דאָרטען וואו עס שטעהט דער פאָלקס־דיכטער קען קיין אַנדער משורר ווי גרויס ער זאָל זיין ניט צוקומען, ווייל נאָר אַלעמען איז דאָס פאָלק אַליין דער קוואַל פון אַלעס וואָס איז פריש און געזונט. אליקום צונזער איז געווען דעם פאָלקס־תלמיד, דעם פאָלקס־חבר און דעם פאָלקס־לעהרער, ער איז געווען אַן איינגעהער לפני־ולפנים אינווענינג אין די הייליגסטע ווינקלען פון דער אידישער נשמה.

„טאָגעבלאַט", ניו יאָרק.

ג. זעליקאָוויטש

# אליקום צונזער אלס מוזיקער.

א דאָפּעלטע סטרונע האָט געהאַט אליקום צונזער: מיט איין סטרונע איז ער געווען דער גרויסער אידישער פּאַטריאָטישער פּאָעט, מיט דער צווייּ־דער — געווען דער מוזיקער, דער בעשאַפער פון עכט אידישע מעלאָדיען פיר זיינע ליעדער.

צונזער האָט קיין מוזיק שוהלען ניט באזוכט, פונקט ווי ער האָט קיין פּאָעטישע אַקאַדעמיע ניט געזעהן, און דאָך האָבען זיינע פאָלקס־ליעדער, די ווערטער אזוי גוט ווי די מוזיק געשטורמט הערצער פון מיליאָנען אידען אין 19־טען יאָהר־הונדערט. וואָס איז אייגענטליך געווען דער סוד וואָס זיין מוזיקאַלישער קרעכץ האָט געמאַכט דעם טיפסטען קריטץ אין אידענ׳ס נשמה פונקט ווי זיין פּאָעטישער זיפץ? ווייל ר׳ אליקום צונזער איז געווען דער אמת אידישער פאָלקס דיכטער, דער אמת נאַציאָנאַלער איד ביי וועמען דאָס וואָרט און דער געזאַנג זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט. עס זיינען אידישע טענער, אידישע נגונים, אידישע דבקות און א עכט אידישער „יאַ" וואָס דערצעהלען אונז אזוי ריכטיג, אזוי דראַמאַטיש, אזוי אידיש דעם אידענ׳ס ביאָגראַפיע מיט ווערטער און טענער! זיי דערצעהלען אזוי איינפאַך דעם אידענ׳ס קאַמף צווישען פעלקער, זיין ליעבע צו זיין נאַציאָן, זיין בליק צום הימעל, זיין ביסעל שטראַהלען, זיינע סד וואָלקענס, זיין פערצווייפלונג און זיין האָפנונג!

אויב צונזער גיסט אויס זיין נשמה אין א פּאַטריאָטישער ציון־ליעד ווי „די זון האָט אַנגעוויזען אין מעריב־זייט", אדער ער זינגט פון האָפנונג אין זיין „סאַכע, די מזל ברכה", אדער ער קומט מיט א מעסעדזש „דער פעד־לער", אדער ער באַגריסט די ערשטע אייזענבאַהן, אדער ער לאַכט פון ווילנער אַרימען ספּאָרט — דעם פּוסטען פּראַנט — זעהט מען אַרויס דעם אמת׳ן

אידישען פאלק'ס פאעט, וועלכער האט געהאט אין זיין צייט נאר איין איינציגען מעגליכען קאנקורענט — אברהם גאלדפאדען! ווען איהר בלעטערט צונזער'ס ליעדער, איבער 600 אין צאהל, געפינט איהר פון די העכסטע טראגעדיע ווי דער „פאסטיליאן“ ביז די בעסטע בורלעסקע קאמעדיע, ווי דעם „ישובניק'ס המבדיל“, פון עכט אמעריקאניש־פאטריאטישע דעקלאמאציאנען ווי „קאלאמבוס און וואשינגטאן“, ביז די שעהנסטע קאמישע דעקלאמאציאנען צום לאכען ווי „יעקעלע באס“. דער גרויסער אידישער פאעט האט מיט זיין אויג ארומגענומען אלעס, פון גרעסטען זיפץ וועגען דער דראמא פון טויט, אדער די טראגעדיע ווען א טאטע דארף אנקימען צו קינדער, ביז דעם הארציגען וויץ, און אלעם טראגט דעם זיגעל פון עכט אידישער קונסט, ווי געוועהנליך ביי אן אמת'ען פאלק'ס פאעט. די ווערטער פון זיינע ליעדער זיינען גלאט פונקט ווי זיין מוזיק איז איינפאך, און זיין „יא“ האט עפעס יענעם זיסען כשוף אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ דעם אידען'ס שמערץ.

ווי אן אמת'ער פאלק'ס פאעט מיט א ריינע נשמה, האט צונזער קיין מאל ניט געטונקט זיין טינטער אין בלאטע. ער האט קיין געגנער ניט געזידעלט, ער האט קיינע שמוציגע ליעדער ניט פארפאסט. ער האט אין זינען געהאט בלויז צו דערפילען זיין שליחות אלס דער זינגער פון אידישען פאלק. און מיר האפען אז עס וועט נאך אויפשטעהן א אידישער מוזיקער וועלכער וועט צוזאמענוועבען אלע צונזערישע מעלאדיען און נגונים אין איין גרויסע ראספאדיע, א מין צונזעריאריע, וואס זאל בילדען א גרויסארטיגע אידישע סימפאניע, וואס זאל פאראייביגט ווערען פיר אלע צייטען.

תשר״ק

# דער אַלטער צונזער

„עס געהט שוין צו ווינטער״, האָט מיר איינער געזאָגט מיט א וואָד צוריק, „אליקום צונזער האָט שוין אריינגענומען זיין שטוהל.״

דאָס איז געווען א שלעכטע בשורה. איך האָב אזוי ניט ליעב געהאָט די צייט ווען דער אַלטער דיכטער פלעגט אריינגעהמען זיין שטוהל אין הויז, און ניט מעהר זיצען אין גאס ביי זיין דרוקעריי.

אַלע האָבען איהם געקענט, אין דעם געגענד פון ראַטגערס סקוועיר. נור ניט אַלע האָבען איהם געקענט אַלס גרויסען אידישען דיכטער. ביי די „יונג אמעריקא״ איז ער געווען בלויז „דער אַלטער דרוקער פון איסט בראָדוויי״, אָבער אויך אַלס אזעלכער האָט ער געוואונען דעם טיפסטען רעספעקט פון אַלעמען.

ביז די לעצטע קרעפטען האָבען איהם פאַרלאָזען האָט ער געאַרבייט. קיינ־מאָל ניט געוואָלט אָנקומען צו לייטען. „איך האָב קיין פּרעטענזיעס צו קיי־נעם״, פלעגט ער זאָגען. „מען האָט מיר פאַר מיינע ליעדער זעהר שעהן בע־צאָהלט. איך האָב צו קיינעם גאָרנישט.״

דער מאַן וואָס האָט געשריבען „די סאָכע״ און געלערנט אידען צו אַרבייטען מיט די הענד האָט אליין געצייגט דעם ביישפּיעל.

אביסעל אָבגעאַרבייט, פלעגט ער ווידער אַרויסקומען אין דרויסען. און אויב די זון איז געווען צו שטאַרק אויף דער זייט גאַס, פלעגט ער זיין שטוהל אַריבערטראָגען אויף דער אַנדער זייט, און זיך דאָרט אַוועקזעצען ביי א ריעל־עסטייט אָפיס.

אביסעל אַרבייט, אביסעל רוה, אָט דאָס איז געווען זיין סדר היום.

גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטען, באַנקירען, שריפטשטעלער, רעדנער, רבנים, געלעהרטע און כלל טהוער פלעגען זיך אָבשטעלען ביי דעם אַלטען

דרוקער איהם דריקען די האנד און איהם זאגען, דיזעלבע נוסחא, אזוי ווי זיך צוזאמענגערט, אז ער זעהט נאך אויס גאנץ יונג.

דען דער זיסער זקן האט אויסגעזעהן פריש און לעבהאפטיג און פון זיינע אויגען האט געשיינט דער אייביגער פריהלינג.

זיין אידעאל איז געווען פריהלינג. זיין מיסיאן — פריהלינג. ער האט פון פריהלינג געזונגען און געפרעדיגט דעם פריהלינג. ער האט דעם אידישען פאלק כסדר געוועקט צו א נייעם, פרישען לעבען.

און ניט אומזיסט האט מען אין איסט בראדוויי געהאלטען אליקום צונזער מיט זיין אבגעריבענעם שטוהל פאר דעם צייכען פון פריהלינג.

אין א געזעלשאפט איז ער אימער געווען דער איינגסטער מענש. איך האב דעם ליעבען זקן געזעהן זיך אמוזירען אויף א שמחה, אין א געזעלשאפט, ניט בלויז אלס אנטיילנעמער, נור טאקי אלס אנפיהרער פון די פערשידענע שפיעלען. פון שפיעל פלעגט ער גלייך פארוואנדעלט ווערען אין טיפען ערנסט, ווען די עלטערע מענשען אין דער געזעלשאפט פלעגען אנהויבען צו ריידען פון אידישע וויסענשאפט אדער ליטעראטור.

און דא האט זיך דייטליך ארויסגעצייגט זיין קלאהרע השגה, זיין פריי־שער מוח, זיין נשמה פון פריהלינג און זונענשיין.

ער איז געווען א קוואל פון אידישע אנעקדאטען און ער איז געווען א קינסטלער אויף צו דערצעהלען.

ווער עס האט ניט געהערט אליקום צונזער אליין זינגען זיינע ליעדער דער האט נאך אזוינס אין זיין לעבען ניט געהערט.

ער איז געווען ווייט פון א זינגער. זיין שטימע האט אין זיך געהאט ווייניג מוזיקאלישעס. אבער דער טרויעריגער טאן וועלכער פלעגט זיך לאזען הערען, די עכט אידישע, הארציגע נגינה — דאס האט איהם קיינער ניט גע־קאנט נאכמאכען.

ער איז געווען איינפאך אין אויסזעהן, קליין אין וואוקס, ניט געטראַ־גען קיין לאנגע האר, און האט אויסגעמיידעט אלעס וואס ציהט צו די אויפ־מערקזאמקייט פון פרעמדע מענשען.

און דאך, אז איינער האט איהם איינמאל געזעהן האט ער איהם קיינמאל ניט פערגעסען.

אימער מיט זיין זיסען שמייכעל אויפ'ן פנים. אימער מיט א פריינד־ליכעןווארט אויפ'ן מויל, פאר יעדען.

עטליכע מינוטען בעפאר זיין ליכטיגע נשמה איז אויסגעגאנגען, האט דער דיכטער וועלכער האט געזונגען פאר דריי דורות געזאגט:

„דער פראם איז שוין געקומען צום ברעג. עס העלפט ניט דער דינגען זיך."

„דער פראם" איז דער טיטעל פון איינע פון זיינע פאפולערסטע לידער.

זיין פערשטאנד, אימער אזוי ריין ווי קרישטאל, האט איהם ניט פער־לאזען ביז זיין לעצטען אטהעם.

נישטא מעהר אליקום צונזער מיט זיין שטוהל.

דער פריהלינג איז אוועק.

אַלע ליעדער וואָס געהען אריין אין דעם ערשטען באַנד האָבען מעלאָ־דיען צום זינגען. (די מוזיק ערשיינט אין א בעזונדער בוך). אויך די „ציון־ליעדער" וואָס זיינען געדרוקט צום סוף פון דריטען באַנד האָבען אויך מוזיק.

אויף ווי ווייט ס'איז מעגליך געווען, זיינען די ליעדער געדרוקט אין אַ כראָנאָלאָגישער רייה.

---

אַלע דריי בענדער זיינען רעדאַגירט און איינגעטיילט געוואָרען פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וועמען עס געהערען אויך די בעמערקונגען צו מאַנכע ליע־דער און די אַפּטייטשונגען פון די רוסישע, ענגלישע א. ז. וו. ווערטער, וואָס דער דיכטער האָט געברויכט. די בעמערקונגען זיינען געדרוקט צום סוף פון יעדען באַנד.

מיר האָבען אויך געזעהן דורכצופיהרען, אויף וויפיעל ס'איז נאָר מעג־ליך געווען, אַן איינהייטליכע אָרטאָגראַפיע אין אַלע בענדער. די גראַמאַטיק אָבער פון דער שפּראַך איז ווייניג געענדערט געוואָרען.

# דער פּוסטער פּראַנט

א.

איך בין זיך מיר אַ פּראַנט
פון דער נייער וועלט;
מיט האַנדשוה אויפ'ן האַנט,
דאָס הערצעלע אויסגעשטעלט;
אַ רעקעלע, ווי אַ שררה,
מיט גומענע קאַלאָשען,
דאָס איז נאָר די צרה:
וואו נעהמט מען דאָך דעם גראָשען?

ב.

די הערעלעך צו פערקאַמען,
עס בלישטשעט, עס פערבלענדט;
איך געפעל מיר אַלע דאַמען
מיט מיין קאָמפּלימענט;
אַ מנישקעלע אַ קלאָרע,
אַ קעלנערל ווי אַ חתן,
דאָס איז נאָר די צרה:
וואו נעהמט מען פּאָרט דעם גראָשען?

ג.

איך מאַך דאַמען אַ וויזיט,
וועלכע האַבען ניט קיין מאַנען;
איך רעד מיר אין דער מיט

פון ליעבעס, פון ראָמאַנען;
איך דערמאָהן זיי געטהע, שיללער,
כאָטש איך האָב אין דעם קיין ידיעה,
דאָס איז נאָר דער פעהלער:
וואו נעהמט מען די מטבע?

ד.

מיין פּאַפּיראָס איז אויך אַ שפּיצעל,
דאָס נאָר איך אָפּ די קישקע;
אַז די העמד איז ניטאָ אַ פּיצעל,
פערשטעלט דאָס די מנישקע;
אַז די שטיוועל איז[1] צופליקט,
פערשטעלט עס די קאַלאָשען;
עס וואָלט מיר גאַנץ גוט געגליקט,
די צרה איז פאָרט דער גראָשען!

ה.

(וויעגען זיך האָט אַ מעלה,
אָבער אַ חסרון אין דער מיט:
אַז מען וויעגט זיך דורך אַ ווייל
בעקומט מען אַפּעטיט.
איך וואָלט אַ מיטעל קריגען
דעם הונגער צו פערשלאָגען,
ווען ניט וואָס טויג דער וויעגען).

ו.

וואָלט איך נאָר האָבען געלט,
וואָלט איך מיר לעבען אַ פּראַכט;
איך וואָלט ניט דאַרפען ליידען קעלט
און הונגערען טאָג און נאַכט;
איך וואָלט לעבען ווי אַ שררה

און אַלדאָס גוטס געגאָסען;
דאָס איז נאָר די צרה,
וואָס ס'איז ניטאָ קיין גראָשען.

ז.

איך וואָלט געוואָרען אַ מאַן
פון אַ שעהנע פרוי,
זי זאָל שפּיעלען פּאָרטעפּיאַן
און זאָגען „באַן זשור מאסיו״;
איך וואָלט איהר רופען פלאָרע,
דעם וואהרען נאָמען פערשטעלט;
דאָס איז נאָר די צרה:
גוואַלד! וואו נעהמט מען געלט!

ח.

אַ דירה האָב איך געוואָלט
צו וואוינען אין געפּוצטע זאַלען;
אויף פּעטערבורג געמאָלט,
אוי, בין איך אַ בעלן!
אויפ'ן פענסטער אַ גאַרדין,
בראָנזעטקעס אויך געגאָסען;
אָט דאָס איז דער גזר דין,
וואָס ס'איז ניטאָ אַ גראָשען!

ט.

אין אַ טהייערען עקיפּאַזש
וואָלט איך געפאָהרען אין טהעאַטער
און זיצען אין בעל־עטאַזש
לעבען גובערנאַטאָר;
איך וואָלט האַלטען אַ לאָרנעט,
בעטראַכטען שעהנע דאַמען;

דאָס איז נאָר דער חטא,
ווי קלייבט מען געלט צוזאַמען!

י.

אין אָקע וואָלט איך געשפּיעלט,
אין קאָן אַ רובעל געשטעלט,
און אַז אַ קערטעל גילט
איז צוואַנציג ניט קיין געלט;
נאַרוסען וואָלט טרעפען פּעק,
אַמאָל נאָך אויך פאַר קעניג;
נאָר וואָס הרג'עט מיך אַוועק,
וואָס איך האָב נאָך ניט אַ פּעניג.

י"א.

אויף מאַסקאַראַדען וואָלט איך גלאַנצען,
מיט האַנדשוה, מיט אַ פראַק;
מיט דאַמען וואָלט איך טאַנצען
קאַדריל און קראַקאָוויאַק;
איך וואָלט לויפען גרינג און ראַש,
איך וואָלט ווייזען מיין השלמה;
נאָר עס איז ניטאָ אין טאַש,
אַ גראָשען ביי דער נשמה!

1852

# זאגט קדיש נאָך דער וועלט

## א.

מלאכים פון הימעל און מענשען אויף דער ערד,
ווען האָט איהר עס געזעהן, ווען האָט איהר עס געהערט
אַזאַ שלעכטע צייט,
אַז יעדער רק שרייט,
— געוואלד ברידער! די וועלט איז אומגעקעהרט!
האַנדעל און געשעפטען,
ציהען שוין קיין פּראָפיט,
מען האָרעוועט מיט אַלע קרעפטען,
און קיין חיונה ציהט דאָס ניט.
פאַר אַ שאַרף פון אַ מעסער
כאַפּען זיך אָרעם און רייך, —
דער שניט אין האַנד ווערט גרעסער,
און מען טרינקט זיך פאַרט אין טייך.
מען הערט נאַר „אוי" פון יעדען מויל,
מען זעהט נאַר צורות שוואַרץ ווי קויל,
דאָ איז צרות, דאָ איז שלעכט,
דאָ אַ זיפץ און דאָ אַ קרעכץ;
יעדען מענשען רק עס פעהלט, —
דעם — קרעדיט און דעם פעהלט ברויט.
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט,
די גאַנצע וועלט איז טויט.

ב.

דער סוחר, וועלכער האַנדעלט קיין קעניגסבערג, קיין בערלין,
בעקלאָגט זיך אויף דעם טעלעגראַף אויף דעם באַהן־מאַשין.

דען דאָ וויס מען באַלד,
דעם פּרייז ווי דאָרטען האַלט ;
היינט וואָס קען מען פּראָפּעטירען שוין דערפון ?
אַ קרעמער קען זיך היינט ניט קליגען
זיין סחורה זאָל עטוואָס בליהען,
אַז אַ סחורה ווערט געשטיגען,
מען זאָל קענען אויפ'ן מקח ציהען.
דען דער צווייטער לייענט אַ דעפּעש,
קומט שוין מיט דעם באַהן.
עס דויערט נאָר איין מעת לעת —
זיין סחורה איז שוין דאָ פאַראַן,
דער קרעמער געהט דעם נאָז אַראָפּ,
און דער סוחר אָהן אַ קאָפּ.
דער האַנדעל שרייט „לאָז מיך געמאַך",
און קרעדיטען ווערען שוואַך,
יעדען סוחר מאַנגעלט געלט ;
אין פּרייסען ווערט שוין ניט געטרויט,
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט,
די גאַנצע וועלט איז טויט !

ג.

פּאָדראַטשיקעס[1] געהען היינט אַרום מיט הוילע הענט :
עס קומען נאָר צום טאָרג מענשען אומבעקענט,
און לעגט דעם טאָרג אין דער ערד,

מיט זיינעם א קאָנוווערט,
וואַרפט פון סמעטע אַראָפּ פופציג פּראָצענט,
אָבער עס געהט אָפּ עטליכע טעג,
ער רעכענט זיך איבער דעם פּלאַן,
ער פערשטעהט ער האָט געלעגט זאַלאָג,
אויף צו זיין אַן אָרימאַן.
ער לויפט צום אינזשינער,
דעם קאָפּ איהם צו פערשווינדלען
מיט אַלערליי מיטעל צי הין צי הער,
טאָמער וועט ער זיך לאָזען קינדלען.
די גאַנצע צייט דער קאָפּ אַרום דרעהט:
ער לויפט, ער שוויצט, ער פאַלט, ער געהט;
דאָ ווערט די פאַבריקע גערעווערירט,
ווערט אין גאַנצען געבראַקירט, —
און דאָ שמעקט מען מיט פרעמדע געלט.
פון אַלע קאַנטען דריקט דער נויט,
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט,
די גאַנצע וועלט איז טויט.

## ד.

אָבואָוואַטעלעס(2) שרייען: „היינט וואָס איז איצט פאַר
א וועלט! —
פון יעדען שכן קומט שוין פאר צוויי יאָהר דירה געלט,
אַז עס טראָגט איין די ווענט,
קיין הוילע פּינת פּראָצענט,
טאָ וואָס לוינט אונז וואָס מען מידעט זיך, מען קוועלט?“
פאר מלוה׳ס איז די צייט צוקראָכען,
א לוה מוז מען גאַנץ גוט קלערען,
מען צאָהלט איין צוויי דריי וואָכען,

און דער פּרעזענט עסט אויף דעם קערן.
3) פאר דעפּוטאַטען איז דאָס אויך קיין יאָהר,
זיי מוזען מיט אַלעמען שרייען
אַטשערעדנע צו לויפען פון נאַבאָר,
און זיי מוזען אַטוועטשייען4)
דער פּראָסטער עולם זידעלט,
מען וויינט, מען קלאָגט, מען שרייט, מען שילט,
דאָ ווערט דער פּאָליש שבת פול,
מען אַרעסטירט די קריאה אין שול.
מען וואָלט ראַטירען די שטאָדט מיט געלט,
נאָר נישטאָ פון וואַנען, מען לעבט אין נויט;
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט,
די גאַנצע וועלט איז טויט!

## ה.

דער געשעפט פון שפּייז־קרעמלעך זינקט שוין אויך
אין תהום,
וואו מען וואַרפט אַ שטיין געפינט מען דאָרט אַ קראָם,
לייזונג פּליהט ווי פּוך,
נאָר געלט נאָך ניט אַדוך, —
דער סוף איז, אַז מען בלייבט ביים הוילען בוך.
אַ שיינקער ביי היינטיגער צייט,
זיין געלט, כ׳לעבען, איך זשאַלעווע,
די וואַנט ווערט פול מיט קרייט,
די קאָפּעלע ווערט רק יאַלעווע5).
בעטראַכט די רעסטראַציאָנען,
וואו עס שטעהען טישען ברייטע.
מען עסט אָן צעהן פּאַרציאָנען
און מאַכען נעבעך פּליטה.

אין טראַקטירען איז אויך ניט בעסער:
קומען חברה זויפער, פרעסער, — —
מען נעהמט קאָנקלעטען6), בראַנפען, ביער, — — —
מען געהט אַרויס דורך אַ הינטער טהיר,
ווערט אַ דראַקע7) קאָסט שוין געלט,
פאַר יעדער טרעוואָגע שרעקט די הויט.
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט, —
די גאַנצע וועלט איז טויט.

ו.

דער בעל מלאכה ווען ער בעקומט אַרבייט ווערט ער
אויסען זין—
ער האַלט זיך מיט דער ווייב אַן עצה, וואו טהוט מען
דאָס אַהין? —
צי אין קרעמעל עטוואס געבען,
צי שכר לימוד פאַר דעם רבי'ן?
דער קאָפּ דרעהט ווי אַ ראָד פון אַ מאַשין,
עס איז גאָר ניטאָ איז שוין גלייכער:
פערשפּאָרט מען זיך צו מאַטערען;
פאַראַנען פופציג לעכער,
ווענען זאָל מען דאָ פריהער פטר'ען.
דער בעל הבית פון דער דירה שרייט,
ער נעהמט די פערינקע זאַלאָג,
און דאָ איז דאָס ווייב אות דער צייט,
מען ריכט זיך שוין אַלע טאָג,
און די קאַפּאָטקע איז צוקראָכען,
מען טראָגט דעם שבת אום דער וואָכען,
און די קינדער, די קליינע ערבות,8)
געהען נעבעך נאַקעט, באָרוועס;

קיין האַלץ ניטאָ, מען פֿריהרט אין קעלט,
ווי בוריקעס די פּיסלעך רויט.
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט, —
די גאַנצע וועלט איז טויט!

ז.

אַמאָל פֿלעגט אַ לאַנד־שדכן פֿאָהרען אויף דער וועלט,
און פֿלעגט פֿערדיענען פֿון ליגענס, וואָס ער האָט
פֿאַרגעשטעלט;
היינט די ליגענס, די ענינים, — —
זאָגען נאָר מחותנים, —
פֿאַר וואָס זשע קומט נאָך איהם שדכנות־געלט.
אַ סאַרוועך ביי היינטיגע יאָהרען,
איז אויך ניט קיין וויגאָדע,
אַ בעל שמחה אז ער וויל פֿערשפּאָרען,
זאָגט ער „אַ וועטשערע איז היינט אוים מאָדע".
וואָס קען זיך שוין מיין ווייב פֿרעהען,
אַז איך קום פֿון אַזאַ חתונה?
אַז אויף אַ טאַנץ זעה איך נאָר צווייען, —
נאָר אַ מיידעל מיט אַ קרינעלינע,10)
דערצו געהען נאָך צוואַנציג נדבות בעטען,
דאָ בעט דער פֿאַר די בילעטען,
דאָס אַ קעכין שוואַרץ ווי די יושקעס; 11)
און דאָ אַ איד מיט צוואַנציג פּושקעס,
ניט מוזיק פֿערדיענען געלט,
ניט דער בדחן האָט קיין ברויט.
זאָגט קדיש נאָך דער וועלט,
די גאַנצע וועלט איז טויט!...

1852.

# דאָס ליעד פון ווייגער

א.

זאָג מיר דו גאָלדענע אוהר,
מיין פראַגע הער נאָר צו.
וואָס איז ביי דיר פאַר א נאַטור,
וואָס דו האָסט קיינמאָל קיין רוה?
ביזט געזעצט מיט ברילליאַנטען,
דיר טראָגען נאָר פראַנטען;
דיינע איידעלע געווערען
טראָגען מיליאָנערען.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ב.

ווי איידעל זיינען דיינע גליעדער,
ווי דין יעדער צייהנדעלע איז.
די רעדעלעך, די שפּראָנזשינקעס, די פעדער,
געמאַכט, געבראַכט אוים פאַריז.
מיט גאָלד צוגלייך,
ביזטו טייער און רייך,
אַז מען עפענט דיר אויף
פינקעלט דיין גוף.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ג.

מען שעצט גאָר דיר פאר א גליק,
ווער עס טהוט דיר נאָר קריגען ;
אַז ער גיט נאָר אויף דיר אַ בליק
איז דאָס זיין גאַנצער פערגעניגען.
ער געהט ניט אַ טריט,
וואו ער האָט דיר ניט מיט,
ער היט זעהר דיך ;
ער האַלט דיר ביי זיך.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ד.

שטאָלצירסט אויף דער גאַנצער וועלט
ביי אַלע גרעסטע מאַגנאַטען,
מען בעצאָהלט פאר דיר גאָר דאָס געלט,
מען שמועסט פון דיר מיט דוקאַטען ;
מיט מלכים, מיט דאַמען, —
ביזטו צוזאַמען ;
אויף בעלער, אויף קאָנגרעסען, —
ביים טאַנצען, ביים עסען. —
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ה.

אַז מען פאָהרט אָפּ אויף איינינע טעג,
מען לאָזט אין דער היים הויזגעזינד,
דיך אָבער נעהמט מען מיט אין וועג,
בעסער ווי פרוי און קינד.
דו ביזט דער פראוואדיר,1)

מען פאָלגט נאָר רק דיר.
ווען רוהען, ווען געהן,
ווען פאָהרען, ווען שטעהן,
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ו.

מיט'ן דאָקטאָר באַקאַנט,
בשעת ער גיט די מעדיצין,
ער האַלט דעם דופק אין האַנט,
און האָט דיר דערביי אויך אין זין.
געשריבען אויפ'ן רעצעפּט,
וואָס אָן פּלעשעל געקלעפּט:
צו נעמען מיט אַ שטייגער,
צו קוקען אויפ'ן זייגער.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ז.

אַ שידוך איז אויך אָן דיר בעלאַנגען,
אָן דיר אַ פּולע געווענדט.
מען טהוט דיר צום ערשטען פערלאַנגען,
מען שיקט דיר צום ערשטען פּרעזענט.
דו ביזט דער שליח ביי כלה וחתן,
מען שיקט שוין נאָך דיר — ווערט דער שידוך געשלאָסען.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ח.

סוחרים וואָס האַנדלען אויף קרעדיט, —
געשעפטען וואָס בעטרעפען מיליאָנען;

היטען דיין שעה, דיין מינוט
טערמין, — מען זאָל ניט דאַרפען מאַנען.
צו אַלע טערמינען
האַלט מען דיך אין זינען.
ווער עס באָרגט, ווער עס לייהט —
צו בעצאָהלען צו דער צייט.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

ט.

אויפ'ן מאַשין מיט די אייזערנע קאָלעע,
לעבסטו גוט מיט די קאָנדוקטאָרען;
דו זאָגסט וויפיעל מינוט ער זאָל שטעהן,
און ווען ער זאָל ווייטער פאָהרען.
וואו מען פערקויפט בילעטען,
שטעהסטו אויף פּיקעטען.
אַז דו ווייזט, אַז עס איז שפּעט,
איז שוין ניטאָ קיין בילעט.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

י.

בעלי מלאכות — אָרענטליכע לייט —
פאָלגען דיר דיינע פערזאָגען,
דו ווייזט זיי, דו זאָגסט זיי די צייט,
צום שעה די אַרבייט אָפּצוטראָגען.
ביינאכט, ווידער זאָגסטו זיי די צייט, ווען זיי טהוען,
ווי שפּעט צו טהאָן און וויפיעל צו רוהען:
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ,

יא.

ביי בעלער האָסטו צו שאַפען,
אַלע טראָגען זיך מיט דיך.
די גרעסטע קניאַזען און גראַפען, — —
האַלטען דיר אין בוזעם ביי זיך.
מיט גאָלדענע קייטען ווערסטו פערשפּילעט,
דער שנור אויפ'ן האַלז דער קרוטשיק צום זשילעט.
טאָ זאָג זשע מיר, ענטפער מיר דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

יב.

שוין צייט, שוין צייט זאָלסט מיר זאָגען
אויף אַלע פראַגען, וואָס איך פרעג,
וואָס דו ביזט צוטומעלט, צוטראָגען
און געהסט זיך דיר פאר זיך דיין וועג.
ביזט טייער, ביזט איידעל, אַ קוראַנטע סחורה,
וואָס זשע האָסטו אין זיך אַזאַ מרה שחורה.
נו, זאָג מיר שוין, ענטפער שוין דיין זאָרג, דיין שמערץ,—
וואָס איז דיר, וואָס פעהלט דיר, וואָס קלאַפּט דיר דיין הערץ.

## ענטפער פון דעם זייגער.

יג.

איך מוז פעסט ענטפערען דיין פרעג,
אַז מיר איז אויך זעהר שלעכט.
יעדער האָט זיך זיין וועג,
און איז פאר זיך אויך גאַנץ גערעכט.
דרעה מיך ניט אַן, קען איך ניט געהן;
גיב מיר אַ ריהר, בלייב איך שוין שטעהן.

זעה זשע, פערשטעה זשע מיין זאָרג, מיין שמערץ, —
דאָס איז מיר, דאָס פעהלט מיר, דאָס קלאַפּט מיר מיין
הערץ.

יד.

מיינע ווייזערלעך — די צוויי, —
זיי ווייזען מינוטען און סעקונדען,
פיעל מאָל פערדריסט מיר אויף זיי,
אַז זיי ווייזען פאַלש מיינע שטונדען,
אינוועניג געה איך גאַנץ רעגוליר, —
און אַז זיי ווייזען פאַלש איז מען חושד נאָר מיר.
זעה זשע, פערשטעה זשע מיין זאָרג, מיין שמערץ, —
דאָס איז מיר, דאָס פעהלט מיר, דאָס קלאַפּט מיר מיין
הערץ.

טו.

אויף מיר איז מבנים געשטעלט,
יעדער זאָגט ווי ער קלעהרט ;
דער שאַצט מיר אין אַ פולע געלט,
דער זאָגט איך בין גאָר נישט ווערטה.
דער זאָגט איך לויף גיך,
דער זאָגט איך קריך ;
דער געהט אין געוועט,
אַז איך געה עס צו שפּעט.
זעה זשע, פערשטעה זשע מיין זאָרג, מיין שמערץ, —
דאָס איז מיר, דאָס פעהלט מיר, דאָס קלאַפּט מיר מיין
הערץ.

טז.

אַז עס טרעפט אַמאָל אַ צייט,
אַז עס צובּרעכט זיך אַ רעדעל אין אַנקער,
לעגט מען מיך אַוועק אין דער זייט.

איך שטיל שוין, איך ליג שוין אַ קראַנקער;
דרעהט מיך אָן אַ נאַר — צוברעכט ער מיר אָן אבר.
געפינט מיר אַ קינד — אָט דאָ איז שוין מיין קבר.
זעה זשע, פערשטעה זשע מיין זאָרג, מיין שמערץ, —
דאָס איז מיר, דאָס פעהלט מיר, דאָס קלאַפּט מיר מיין הערץ.

יז.

דערביישפּיל פון גילדערנער אוהר, —
איז ריכטיג דער מענש אַליין.
ער האָט אויך אַ פּאָדלע(2) נאַטור,
נאָר אַ האָר בלייבט ער שוין שטעהן.
עטוואָס אַ ווינט פערשאַדט עס געשווינד,
עטוואָס אַ טרענץ(3) איז ער שוין ניט קיין מענש;
דאָ לויפט ער, דאָ פליהט ער אָהן זאָרג, אָהן שמערץ,—
דאָ פאַלט ער, דאָ ליגט ער און פיהלט ניט זיין הערץ.

יח.

ער איז אויך צום זייגער גלייך,
ער רוהט ניט, ער טראַכט אָהן אַ שיעור;
זוכט רק צו ווערען מעהר רייך —
מיט גוואַלד צו ווערען אַ גביר.
עס קלאַפּט איהם דאָס הערץ, ווי טאָג אַזוי נאַכט, —
ער זיצט ניט, ער רוהט ניט, ער איז רק פערטראַכט.
די זאַך וואָס ער ליעבט איז מעהר זאָרג, מעהר שמערץ,—
דאָס האָט ער, דאָס פעהלט איהם, דאָ קלאַפּט איהם זיין הערץ.

יט.

אין הארצען קלאַפּט דער פּולס ביי דעם מענשען,
ריכטיג ווי אין זייגער דער פּאָמפּעדיקעל.

ער ווייזט די געזונדהייט אין גאַנצען,
ער איז דער עדות פון לעבענס־מיטעל.
נאָך זיין גאַנג, נאָך זיין קלאַפּ ווערט ער ערקלערט,
צי איז רוהיג זיין בלוט, צי געזונט, צי פערקעהרט,—
דער פולס וואָס קלאַפּט ווייזט פריידען און שמערץ,—
ווי עס האלט זיין געזונט, אַזוי קלאַפּט איהם דאָס הערץ.

כ.

מען זאָל זיך בערעכענען טעג און יאָהר, —
ווי עס רוקט זיך רק אונטער דער ווייזער.
און אַזוי פליהט אַוועק יאָהר נאָך יאָהר,
און ער ווערט רק עלטער און גרייזער.
עס לויפען די יאָהרען ווי אַן אויגענבליק, —
די טעג וואָס אַוועק קומט ניט צוריק.
די האָפענונג פערזיכערט איהם צו היטען פון שמערץ,
צום לעצט מיט פערדרוס קלאַפּט איהם זיין הערץ.

1854.

# דאס ליעד פון פויגעל

א.

וואָס קוקט איהר מיר פויגעלעך אָן,
וואָס איך קען מיך קיין ריהר ניט טהאָן.
פון שטיפען איז מיר געוואָרען
מיינע פליגלען אָפּגעשאָרען.
איך זעה דאָרטען אַ פויגעל פליהט,
איך זעה דער בוים ער בליהט;

איך זעה מיט די אויגען,
און וואָלט אויך גערען געפלויגען.
איך בין אויך אַמאָל געוועזען פריי,
געפלויגען, געכאַפּט אַ גראָז, אַ מאַי,
אַ גרעזעלע געשמעקט, —
דעם טוי אָפּגעלעקט,
און האָב דעם נחת געהאַט,
צו טראָגען אין מויל אַ בלאַט;
און היינט האָב איך דערלעבט
צו זעהען ווי יענע שוועבט;
אַליין בין איך ווי צוגעשמידט,
איך זעה אַלע צייט
דעם נחת פון דער ווייט
און גרייכען קען איך ניט.

ב.

ווי שעהן דער זומער איז היינט,
ווי פרעהליך די זון שיינט.
ווי פריי עס איז איצט צו שוועבען,
וועמען גאָט האָט נאָר פליגעל געגעבען.
זיי פליהען אויפ'ן פעלד אַרום,
זיי זינגען מיט'ן זיסען שטים;
זיי טהוען דאָס גאָט דאַנקען,
וואָס ער האָט זיי פליגעל געשאָנקען.
ערשט צוריק מיט אַ קורצע צייט
בין איך אויך ביים גליק געוועזען לייט,
געפלויגען אין דער הויך,
און געזונגען אויך
אין דער פריה מיט אַ געזאַנג,

גענעבען צו גאָט אַ דאַנק.
היינט איז מיט אַמאָל
אַראָפּ מיין זיסער קול.
איך בין שוין געוואָרען שטום,
און אַלע קליינע קינדער —
יעדערער בעזונדער
טרייבען מיך הין און הער אַרום.

ג.

איהר פויגעלעך, וואָס איהר האָט פליגעל, —
קוקט אין מיר ווי אין אַ שפּיגעל.
ווי קיינער איז אויף דער וועלט ניט בעגליקט,
ווי דער גליקליכסטער ווערט אונטערדריקט. —
אויף די פליגעל נעמט מיר, פריינד,
טראָגט מיך, וואו די זון שיינט.
שטעלט מיר, וואו די היץ איז גרויס, —
דאָרטען וואַקסען מיר פליגלען אויס.
איך וועל אָנהויבען ווידער אויפ'ן פעלד צו פליהען,
וואו פייגעלעך שוועבען, וואו בוימער בליהען.
איך וועל אָנהויבען צו געניסען
פון דעם טוי דעם זיסען,
און וועל זינגען אויך
מיט מיין שטים אין דער הויך.
אָך, ווי דערלעב איך שוים (שוין)
צו שטעהן אויפ'ן בוים,
און פערגעסען אָן אַלע מיינע לייד.
צו זינגען נאָך אַמאָל
מיט מיין זיסען קול
פאַר מיין צער צו געניסען עטוואָס פרייד.

ד.

אַזוי האָט א פויגעל געקלאָגט,
ווען זי איז געווען פערצאָגט.
פון פויגעלעך אונטער דריק
מיט הונדערט יאָהר צוריק.
איידער איהר דערלעזער איז געקומען,
איי 1) ער שטעלט איהר צווישען די בלומען.
געטהאָן די קינדער פעריאָגען,
ביז זי האָט צוריק איהרע פליגעל געקראָגען.
ווער קען די פויגעל אין געזיכט אַקוראַט,
וואָס דעם נאָמען קייליקע האָט זי געהאַט ? —
מען פלעגט איהר רופען אמאָל
דאָס שעהנע פאָלק ישראל,
און אַז מען האָט איהר צוהאַקט גליעד פאר גליעד,—
האָט מען איהר דערנאָך גערופען „זשיד“.
מיט טרערען דערמאָנט זי איצט,
ווי זיי האָבען איהר פערשמיצט.
געטריבען פון צווייגעל צו צווייגעל,
און היינט איז זי בעגליקט,
אַז גאָט האָט איהר געשיקט
יעם ווירט וואָס האַלט איהר ריין אין שטייגעל.2)

ה.

גלייך ווי איך בין אָהן פליגעל געבליבען,
פון מיין נעסט געוואָרען פערטריבען,
האָב איך מיך געבעטען אין אכסניא
צו זיין אין איטאַליע, אין שפּאַניע.
איך האָב ערשט דערשפּירט מיין פּיין,
ווי שלעכט עס איז אָהן פליגעל צו זיין ;

געריסען מיר פעדער פאַר פעדער,
אז איך דאַרף גאָר בלוט צום סדר —
אַן אינקוויזיציע האָבען זיי אויסגעקלערט,
און האָבען מיט דעם מיין אמונה געשטערט;
מיט רציחה און מיט רשעות
גע׳משפּט מיט ארבעה מיתות, —
מיט׳ן נפש און מיט ממון
ווי אין גלות בבל—המן, — — —
ביז זיי האָבען מיין קאָמפּאַניע
פערטריבען פון אכסניא.
איך האָב דאמאָלס אַלע שלעכטעס אָנגעזעהן;
איך געדענק נאָך אַלע טעג —
יענע וועג —
דאָס איז ביי מיר אַ צווייטער חורבן געוועז.

.ג

— די פויגעלעך, וואָס זיינען מיט מיר אין לאַנד,
האָבען געוואַשען איהר(3 פּנים מיט שאַנד.
זיי דענקען, אז דעם חסרון,
האָט זי צייט איהר געבאָרען.
האָבען פערגעסען איהר מלוכה, איהר כבוד;
האָבען פערגעסען איהר מלכות בית דוד.
זיי מיינען אַז צייט איהר גלויבען
האָט זי קיין מאָל קיין קאָפּ אויפגעהויבען,
און זי האָט געשריען פון צער, פון נויט, — —
— איך געדענק מיינע פליגעל יונגערהייט:
די נבואה מיט די כהונה;
דער משכן פאַר די שכינה;
די מלכים מיט די קרוינען;

ציון מיט לבנון;
מיניסטאָרען און יענעראַלען,
אין שאַרפען שווערד געפאַלען.
מיינע חכמים מיט מיין גאַנץ גרויסען פלאָהר, —
היינט איז מיר געוואָרען
מיינע פליגעל אָפּגעשאָרען —
שוין העכער אַז אַכצעהן הונדערט יאָהר.

ז.

אַז איך בין שוין אין פוילען געקומען —
האָט זי מיר אין אָנפאַנג שעהן צוגענומען.
איך האָב מיר געטרייסט אויף פריהעריגע צייטען,
געהאָפט שוין צו לעבען ווי לייטען.
אָבער דאָס איז אויך געווען צופלייסען, —
זי פלעגט מיר נאָר מיינע פעדערען רייסען.
דעם קערענדעל וואָס זי האָט מיר געגעבען,
האָט מיר געקאָסט מיין גאַנצעס לעבען.
ווי עס האָט איהר דערזעהען דער ווירט פון לאַנד,4)
איהר צער בעמערקט, געזעהען איהר שאַנד, —
האָט ער איהר געשטעלט צווישען בלומען,
געלאָזען די זון צוקומען,
און זיי האָט ער בעצאָהלט געשווינד,
ווי זיי האָבען קעגען איהר פערדיענט.
איך האָף שוין ווידער אויך צו פליהען אין דער הויך,
עס שפּראָצט מיר שוין פליגלען אויס,
איך וועל שוין זיין ביי אייך
מיט אַלע פויגעלעך גלייך,
אַ שפּיעל־פויגעלע ביי דעם ווירט אין שויס.

# פון חדר זאָגט מען ניט אויס

א.

ווען איך בין אַלס קינד אין חדר געגאַנגען,
איך האָב בעטראַכט דעם רבינ׳ס קאַנטשיק מיט זיין טובה,
די כשרה רבּ׳עצין מיט׳ן פאַרטוך פערהאַנגען,
דעם ליעבען בעהעלפער דעם זולל וסובא,
די רבּ׳עצין פלעגט הייסען וואַסער אונז טראָגען,
דער בעהעלפער מיט די מיטאָגס האָט יחדו געמאַכט,
דער רבי פלעגט פאַטשען, שמייסען און שלאָגען,
דערצו נאָך פערזאָגען א הודעה פאַרנאַכט:
קינדער, וואָס געהערט וואָס געזעהען,
געדענקט איך לאָז אייך איצט לויז;
די מאַמע וועט פרעגען וואָס, ווען —
פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ב.

מיט די זעלבע מורא בין איך אויסגעוואַקסען,
איך האָב ערשט דערזעהן, אז די וועלט איז דער חדר,
אונזער רבי איז די צייט דער עקשן,
פון זיין קאַנטשיק ציטערט אַלע גלידער.
היינט נאַרט אויס איינער דעם אַנדערענ׳ס ביסען,
פראַסט אַז מען רייסט שוין מיט גוואַלד פון מויל;
דער שטילער, דער עהרליכער, ווערט אויסגעריסען,
רציחות און עולות, אַז עס נעמט אַן א גרויל.

נאָר די צייט האָט מיר באַלד ערקלערט,
אַז איך בין נאָך פון חדר ניט אַרויס;
ברודער, וואָס געזעהען, וואָס געהערט —
פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ג.

איך ווייס, אַז דער איד האָט זיין עהרע פערלאָרען,
לאָזט זיך רייסען די פאות, נאָר אַ קערבעל דערפאַר;
צייט ער איז אין פוילען פערטריעבען געוואָרען,
ביים משוגע׳נעם פריץ צו זיין אַ ראַנדאַר.
ער רופט דעם אידען „זשיד פּאַרכאַטי״,
און ער רופט איהם „פאַנאַטשיק״ און קושט איהם די האַנט,
און אַלע שרייען נאָך, אַז יאנקעל פוסקאַטע
איז אַ תקיף ביים פריץ, אַ פליגעל אַדיוטאַנט;
און דער פריץ וואַרפט איהם צו דער ערד,
זיין בערדעל צופט ער איהם אויס —
איך האָב נאָך מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ד.

אָט דער זעלביגער איד, וואָס לעבט אין סכנה,
אַז דער פריץ זאָגט איהם „וואָן״,(1) האָט ער שוין אַ זכיה;
קומט ער אָבער אין שול, איז ער אן אתה בחרתנו
און „חמישי״ איז עס שוין אַ קליינע עליה.
צו עליות, צו הקפות, צו אתה הראת,
דאָ ווערט שוין כבוד געוואויגען אויפ׳ן שאָל;
חול המועד צום קלפי(2) פאַר אַ גבאי, מהכי תיתא,
ווען ניט איז זלזולים אין שול אויפ׳ן קול;
דער שילט, דער זידעלט, דער שווערט,
דער שרייט אין שול: ממזר אַרויס!

איך האָב נאָך מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ה.

אַז איך גיב אַ קוק אויף די אידישע קראָמען,
פּלאַצט מיר מיין גאַל, איך האַלט עס ניט אויס;
זעצען אָן קרעמערקעס, עשרת בני המן,
און אַלע פּאָר נומעראַם פון קליין ביז גרויס;
געהט דורך אַ מענש ווערט ליאַרם און יללות,
און דראַקעס, אַז פליהען פייער־טעפּ אין קאָפּ;
עס רוישט די גאַס פון קולות מיט קללות,
ביז מען רייסט דעם סוחר דעם אַרבעל אַראָב.
וואָס קען האָבען דער איד פאַר אַ ווערטה,
אַז זיין האַנדעל זעהט אַזוי אויס?
איך האָב נאָך מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ו.

איך וויים גאַנץ גוט, אַז דער איד האָט ערכות
מעהר פאַר יעדער נאַציאָן אין דער וועלט;
ער צאָהלט פון פלייש, פון מצה, פון ליכט, פון ברכות,
ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, און עס קאָסט רק געלט.
דער קריסט האָט דאָך אויך שפּיטעלער, פּריוטען,
ער האָט(3) אַ באַגאַדעלנע און אַ פּאַרקען אַרום זיין פעלד;
ער האָט אויך לעהרע־שולען, ער גיט אויך רעקרוטען,
און צאָהלט קיין קאַראָבקע און ניט קיין קבורה געלט;
און דער איד איז מיט לאַסטען בעשווערט,
אייביג צאָהלט ער זיך ניט אויס.
איך האָב נאָך מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ז.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פיעלע מענשען
האַלטען טערמין צוליעב קאַנטע אויף ווייטער,
דערהאַלטען די ראַטע איז דוקא מיט קונצען,
דען היינטיגע וועלט איז גוט וואָס געשייטער;
בעקומט מען נאָר איינעם4) אַ וויץ־שטאָק, אַ פרייער,
מאַכט מען איהם ציכטיג, אַז עס קרעהט ניט קיין האָהן,
כאָטש יענעם קומט אויס צו געהן כאָטש אין פייער,
וואָס אַרט דאָס ווער? ווער גערט עס דען אָן?
דרום איז קרעדיטונג געשטערט,
אַז מען גיט פראָסט פון האַנט ניט הערוים.
איך האָב נאָך מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ח.

איך ווייס, אַז דער איד טהוט פערקעהרט גאָר
ווי די גמרא האָט געגעבען אין לערנען דעם סדר;
ניט צו פופצעהן נאָר צו זיעבען יאָהר
לערענט ער תלמוד אין זיין פערשפאַרטען חדר.
אַז ער קען נאָך ניט די וועלט, מיט איהרע רמאות,
צו דיני ממונות איז ער נאָך אַ קינד,
אַז ער ווייסט ניט, וואָס בעטייט די ווייבערשע המצאות,
און צום סדר פון נשים איז ער נאָך גאָר בלינד,
און דאָ איז די עברי געשטערט,
אַ וואָרט רייז געהט ניט אַרויס, —
איך האָב מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

ט.

מען וואַרט נאָר דער אינגעל זאָל דרייצעהן יאָהר ווערען,

בעווייזט זיך שוין אין חדר א מחותנ'ס אַ איד,
אין אַ שלומפּער מיט אַרבעל אַ רויטען נאָז מיט א שטערעז,
דער געלינקער אינגעלע ציטערט גליעד פאר גליעד,
באַלד ווערט אַ ליאַרעם, פּראַסט ביז אַ דראַקע,
דער איד מיט דעם רבי'ן, דער אינגעל דער שאַפעט,*)
די מוטער קוועלט פון די רייד די געשמאַקע,
און צום סוף בעקומט ער אין בעקעלע אַ גלעט,
מען זעהט, אַז די כלה איז בעשערט,
„מזל טוב!" שרייט מען אויס —
איך האָב נאָך דאַרטען מעהרער געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

### י.

מען הוליעט א חתונה, מען פערגעסט אָן שמערצען.
אַז דער זיווג איז גלייך, דאָס זעהט מען בחוש;
ער קוים בר מצוה, זי אַ יאָהר פערצעהן,
זיי קענען געהן שפּאַצירען אונטער'ן טיש.
מען עסט האַרטע קעז, מזל טוב אין גאַנצען,
ווייבערלעך, פּאַטשט, איהר האָט נחת דערלעבט!
ביידע מחותנת'טעס א שעמעלע טאַנצען,
דעם חתן אַ כאָמעט איז דער בעסטער רעצעפּט.
און איך שטעה פון ווייטען, מיר גרוילט,
ווי די דומהייט ביי אידען איז גרויס.
פון... וואָלט איך נאָך דערצעהלט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

### יא.

ווען מיר שיינט מיין גליק האָב איך אַבאָנענטען,
איך האָב שוין קרובים, וואס פריינדלען זיך גאַנץ פעסט,
מען קומט מיט חניפות, מיט פאלשע קאָמפּלימענטען,

אַ שבת, אַ יום טוב האָב איך שוין פיעל געסט.
איך געדענק, ווען איך בין אַ יתום געבליעבען,
בין איך געוועזען עלענד, קיין גואל, קיין פריינד.
אַך, איהר מענשען! איהר זייט ווי פליגען,
איהר קומט צו פליהען, ווען די זון מיר שיינט,
און ווען מיין רעדעל ווערט איבערגעקעהרט,
ענטלויפט מען פון קליין ביז גרויס.
איך האָב מעהרער געזעהען און געהערט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

יב.

הכלל אין וועלט חדר זעהט מען זיך אָן
אַ גרויסען זווערינעץ מיט אַלערליי חיות;
אַ טיגער, אַ פוקס, אַ ווילדען האָהן,
און אָבעזיאַנע אין אַ קאַפּעלוש מיט איהרע הויות,
אייזלען און פערד, וועלף און בערען,
גיפטיגע שלאַנגען, קעץ און מייז,
שלאַפינקע שעפּסעלעך, וואָס לאָזען זיך שערען
און אָפטער צו זיין פאַר די חיות אַ שפּייז —
דער ברומט, דער טאַנצט, דער יאָגט,
דעם דריקט מען די נשמה אַרויס —
דעם נמשל וואָלט איך נאָך געזאָגט,
נאָר פון חדר זאָגט מען ניט אויס!

# דער זומער מיט'ן ווינטער

דער זומער.

דער זומער פאַר'ן מענשען —
ווי ליעב איך בין, ווי טריי,
איך דעק די פעלדער מיט גרינסען צו,
איך מאך די לופטען פריי.
איך ברענג דעם שעהנעם פריהלינג
מיט אַלע פרעהליכקייט,
ווי שעהן עס איז דאָס גרעזעלע
אין מאַיאָווע צייט.
און דער ווינטער דער מערדער —
ווער איז זיינע געסט ?
די שנעען, די טומאַנען
מיט די גרויסע פרעסט.

דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער,
זעה נאָר, גוט בעטראכט
פון די היצען געהט די כוחות אויס —
דער מענש ווערט אָפגעשוואַכט,
די זון ברענט איהם, ווי פייער,
עס איז שרעקליך הייס ;
שוואַך און שלאַף ווי אַ פליג —
עס גיסט איהם טייכען שווייס ;

און ביי מיר איז ער געזונט און שטייף,
ער דאַרף קיין גרויסען קאָסט.
טהוט אָן אויף זיך וואָס מעגליך איז,
שטאָלצירט אין גרעסטען פראָסט.

דער זומער.

דער זומער פאַר'ן מענשען —
ווי ליעב איך בין, ווי בחיר.
אין גערטנער און אין פרוכט־סאָדען —
דער שעהנסטער שפּאַציר;
די פויגעלעך זיי זינגען,
ער ליגט זיך אויפ'ן גראָז;
די בלומען רינגלען איהם אַרום,
דער ריח שמעקט צום נאָז.
און דער ווינטער דער מערדער,
דער פראָסט איז זעהר גרויס,
עס שטערט איהם די פערגעניגען,
קען ניט פון שטוב אַרויס.

דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער
וואָס מאכסטו זיך אַזוי גרויס.
די פליעגען, די קאמארעס, —
זיי בייסען שטיקער פלייש.
די עסען דאַרף מען היטען,
עס זאָל מילבען ניט אַריין.
לבד וואָס טאָטשען ביי נאכט אין שלאָף
מען קען ניט רוהיג זיין,
און ביי מיר איז קיין פליגען דאָ;
דאָס עסען ריין און גוט.

ביי נאַכט ליגט ער איינגעדעקט
און שלאָפט זיך גאַנץ באַרוהט

## דער זומער.

דער זומער פאר'ן מענשען
איז דאָך פאָרט ניט שלעכט,
קיין שויב ניטאָ, קיין האָלץ ניטאָ,
ביי מיר איז אַלעס רעכט.
איך מאַך ניט אָן קיין קאָסטען,
בעלייכטונג לאָז איך צורוה.
איך דאַרף קיינמאָל קיין פוטער ניט
קיין פערענע אויך דערצו.
און דער ווינטער דער מערדער —
ברייגט אוים גאָר די געלט
אַ קאַפטעלע, אַ וועגעלע האָלץ, —
מען היט זיך רק פון קעלט.

## דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער,
בערעכען זיך אַליין.
דער רובעל האָט קיין שפּאָר ביי דיר,
עס מוז ווי זאַלץ צוגעהן.
פערגעניגען און קאָמעדיע
אויב ער נאָר פערזוכט
די שפּעטקען1) מיט די סעדעלעך
מיט די יונגע פרוכט
און ביי מיר איז דאָס אלץ פערשפּאָרט
פון שטוב נאָך ניט אַ טריט;

דער רובעל בלייבט ביי זיך אין טאַש,
אַז מען זעהט ניט ווילט זיך ניט.

## דער זומער.

דער זומער פאר'ן מענשען,
זיין האָפענונג איז גרויס,
דער קאָרען אויפ'ן פעלד
ווי שעהן ער וואַקסט דאָס אויס.
מען שניידט, מען בינדט זיי אין גארבען,
מען טראָגט זיי אין דער הויף
מיט שמחה, מיט גרויס פרייד,
מען זינגט נאָך ליעדער אויך.
און דער ווינטער, דער מערדער
קומט ווי דער העלד
דורכאויס פערוועהט, דורכאויס פערשנעעט,
דורכאויס א ווייסע פעלד.

## דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער
מיט דיין קאָרן וואָס וואקסט אויס.
דו ביזט דאָך אַ בריה נאָר
אַז ער שפּראָצט שוין אַרויס.
אַז דאָס קינד קען שוין זעהן די וועלט
האלט ער שוין גאנץ ווייט,
נאָר די מיהע בעשטעהט אין דעם,
נאָר אין דער יונגער צייט.
און ביי מיר ליגט ער אין ווארעמקייט,
ווערט זיך דיק און גרויס

דער שנעע פון אויבען דעקט איהם צו
ביז ער שפראָצט ארויס.

## דער זומער.

דער זומער פאר'ן רייזענדען
איז ער א גוטער פריינד,
געהט גאנץ ליכט אָנגעטהאָן,
די זון אויבען שיינט.
אויפ'ן גראָז קען ער זיך רוהען,
ווי אויף א ווייכען שטול,
די בוימער פון די זייטען
מיט גרינע בלעטער פול.
און דער ווינטער, דער מעדרער
ביינאַכט די וועג פערוועהט,
ער זעהט קיין וועג, ער זעהט קיין שטעג,
ער זעהט ניט וואו ער געהט.

## דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער,
וואָס גיסט איהם פאר אַ נוץ,
ער קען ביי טאָג ניט פאָהרען,
עס ברענט איהם שטאַרק די היץ.
די רעדער כאפען ברענען,
זיין גומען אויך דערצו,
די פערד — זיי ווערען אָפגעשוואכט,
שרעקליך היים ביזטו.
ביי מיר איז ער פאַלקאָם פריי —
אַ שליטענס וועג געמאַכט.

די לבנה שיינט, דער וועג — ער גלאַנצט,
כאָטש פאָהר אַ גאַנצע נאַכט.

דער זומער.

דער זומער פאר'ן מענשען,
כ'בין דאָך גוט אַזוי!
דער רעגען טרינקט די פעלדער אָן,
ביינאַכט — דער זיסער טהוי.
אויף מיר בעשטעהט זיין לעבען —
ווער נאָר שכל האָט —
אַז עס פעהלט איהם עטוואס רעגען,
שרייט ער שוין צו גאָט.
און דער ווינטער, דער מערדער,
וואַרפט שנעע פון דער הויך.
עס ווערט דערפון געוויסערען,
פערטרינקט די מיהלען אויך.

דער ווינטער.

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער,
אַז דער רעגען געהט אין שניט,
בעט מען ער זאָל אויפהערען,
און ער פאָלגט דוקא ניט.
אַז מען געהט אין וועג אין רעגען,
ווערט מען דורכגעווייקט,
פון די דונערען, די בליצען,
די בוימער — ווערט צולעגט.
און ביי מיר אין פאַראַנען,
וואָס מען שטעלט עס אָפּ
צו קעלערען, צו וואַסערען —
צי צו אַ קראַנקען קאָפּ.

## דער זומער.

דער זומער פאר'ן מענשען
ווי ליעב איך בין, ווי גוט,
דעם גאַנצען טאָג ער האָרעוועט,
פארנאַכט איז ער באַרוהט.
ער געהט זיך אין טייך באָדען
פרעהליך — גאָר אַ בחור,
אַלע נייע פרוכטען
קריגט ער אויך ביי מיר.
און דער ווינטער, דער מערדער,
פערקויפט איהם פאר אַ קנעכט,
ער האָט קיינמאָל קיין אָפּרוה ניט,
האָרעוועט גאַנצע נעכט.

(דער ווינטער)

וואָס ריהמסטו דיך, דו זומער,
מיט דיין פרייע צייט,
דו געהסט אַוועק וויינענדיג,
מען זעהט קיין פרעהליכקייט.
די ספירה מיט דריי וואָכען,
פעריאמערט און פערצאָגט,
אלול, ימים נוראים — —
רק ער געהט און קלאָגט,
און איך דאַרף קיין טרערען ניט,
ביי מיר איז אַלעס רעכט.
חנוכה און פורים
פערברענג זיך גאַנצע נעכט.

1857.

# דאס ליעד פון אויג

## א.

זאָג מיר, דו אויג, איך פרעג נאָר דיר,
דו ביסט דאָך געשעצט אין דער וועלט.
ביסט טייער, ביסט איידעל, ביסט שעהן אָהן אַ שיעור,
ביסט גלייך ווי א פענסטער אין געצעלט.
דו שטעהסט איהם אין קאָפּ ווי א פּיקעט אויפ'ן טורעם,
פון שטיינער, פון גריבער ביסטו איהם אַ שירעם.
ביסט קלאָר ווי קריסטאל, ווי דימענטען פיין,
איידעלער פון די אויג קען שוין ניט זיין.
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר,
אַז ווען דו לאכסט מיט גרויס פרייד רינט פון דיר
אַ טרעהר.

## ב.

ווי שעהן, ווי רייך דו זעהסט אויס אין גאַנצען,
ווי א דימענט אין א גאָלדענעם רינג.
דער שוואַרצאַפּעל אין מיטען טהוט אין דיר טאַנצען,
עס לויפט און בעטראַכט אלצדינג.
קיין פויגעל, קיין קויל לויפט ניט ווי דו,
געשווינדער פון אלע, דו אויג, ביסטו.
אומעטום אַ בליק און גלייך בעטראַכט,
ווער פערמאָגט עס, ווער קען עס, ווער האָט עס
די מאַכט.
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר,

אַז ווען דו לאַכסט מיט גרויס פרייד, רינט פון דיר
א טרעהר.

ג.

פאַר ווען איז טהעאַטער מיט אַלע אַקטיאָרען,
שפיעלען ראָלעס אַ פּראַכט.
פאַר ווען איז זיידענס אין אַלערליי קאָלירען,
אין דעשענעס אין צווייגען געמאַכט.
פאַר ווען איז בלומען וואָס וואַקסען אין גאָרטען,
אַנגענעהמע רויזען, וואָס געפינען זיך דאָרטען.
דעם בלינדען מענשען נוצט דאָך עס ניט,
נאָר פאַר דיר, דו אויג, פאַר דיר איז דאָס גוט.
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר,
אַז ווען דו לאַכסט מיט גרויס פרייד רינט פון דיר
אַ טרעהר.

ד.

די געמאָהלטע פּאָקאיעס אין אַלערליי קווייטען,
פאַר ווען איז מעהר ווי פאַר דיר.
די טייערע בילדער וואָס קאָסטען דוקאַטען,
געזיכטער אויף געגילטען פּאַפּיר.
פייער צום לייכטען, גאַזע צום ברענען, —
אַלע זעהען דיר און דו זעהסט יענעם,
אָהן דיר איז דער מענש געצוואונגען אין פּרעס,
ווען די אויג פעהלט, חלילה, איז ער גלייך צו אַ מת.
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר,
אַז ווען דו לאַכסט מיט גרויס פרייד רינט פון דיר
אַ טרעהר.

ה.

זילבער פּערעל, טייערע בריליאַנטען,
פאַר ווען איז מעהר ווי פאַר דיר.

נייע מאָדישע קליידער וואָס טראָגען נאָר פּראנטען
אין פערגעניגען פון געמיינעם ביז דעם גביר.
פון אַ שעהן ליעב קינד, ווער האָט הנאָה,
דעם שמייכעל ,די מינע, די איידעלע המצאה, — —
אין אַלע תענוגים וואָס קומט נחת צו
ווער קוקט עס, ווער זעהט עס מעהר ווי דו, —
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר,
אַז ווען דו לאכסט מיט גרויס פרייד רינט פון דיר
אַ טרעהר.

ו.

ווי וואָלט דער מענש וויסען ווען טאָג און ווען נאַכט,
ווען דו וואָלסט איהם ניט אָנגעזאָגט
ווען די זון, די לבנה לייכט לויטער אַ פּראַכט,
און ווען זיי א וואָלקען פערשלאָגט.
דער קאָלירטער רעגען־בויגען וואָס וואונדער צו זעהן,
דער פייערדיגער בליץ וואָס גיט פלוצלונג א ברען,
די זון, די לבנה מיט די פרעהליכע שטערען,
פון וואַנען וואָלט ער וויסען ווען ניט דעם אויג'ס
ערקלעהרען.
טאָ זאָג מיר, דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מעהר
אַז ווען דו לאכסט מיט גרוים פרייד, רינט פון דיר
אַ טרעהר.

# דער ענטפער פו די אויג

ז.

מוזט וויסען, דו מענש, ביזט פערנאַרט אין מיר,
אין אַלעס וואָס דו האָסט דאָ געדעדט.
איך דיען דיר, איך לייכט שטענדיג רעגוליר,
איך מוז טאָג און נאַכט שטעהן אויף פּיקעט,
עטוואָס אַ פּול1) איז ביי מיר אַ מניעה,
די עלטערע יאָהרען טונקעלט מיר די ראיה.
איידעל צו זיין איז ניט קיין גרויסע מעלה, —
דאָס קלענסטע, דאָס מינדסטע מאַכט מיר שוין קאַליע,
אָט דאָס איז מיין שמערץ, אָט דאָס איז די זאַך,
דאָס רינט מיר די טרערען, ווען איך האַסטיג לאַך.

ח.

די אַלע פערגעניגען וואָס איך זעה זיך אָן, —
קריינקט מיר נאָך מעהר דאָס הערץ.
פון קליידער, פון ציערונג וואָס יעדער טהוט אָן
האָב איך פערדרוס, קנאה און שמערץ.
דער האָט אַ שעהן קינד, דער אַ גאָלדענע קייט,
דער אַ שעהן ווייב, דער גראַפיש געקליידט;
פון דאָס מינדסטע זאַך וואָס יענער פערמאָגט,
זאָרג איך און טראַכט; ווי ווערט עס דעריאָגט ?—
אָט דאָס איז מיין שמערץ, אָט דאָס איז די זאַך,
דאָס רינט מיר די טרעהרען, ווען איך האַסטיג לאַך.

ט.

די אויג פון מענשען איז קיינמאָל ניט זאַט,
וויי דער שטראָם אויפ'ן ים הין און הער.
פון דעם געמיינעם ביז דעם רייכען גראד,
יעדערען פעהלט רק נאָך מעהר.
דעם פעהלט געזונד, דעם כבוד, דעם געלט,
דעם פרנסה, דעם קינדער, דעם לעבען אויף דער וועלט.
עס טרעפט ניט אַ מענש, ער זאָל שטאַרבען מיט אַ גבול,
און זאָל האָבען זיין פארלאַנג אין גאַנצען פארפול.
אַט דאָס איז מיין שמערץ, אַט דאָס איז די זאַך,
דאָס רינט מיר די טרעהרען, ווען איך האָסטיג לאַך.

י.

די אַלע פערגעניגען פון יעדער מינוט,
איז דאָס צו א חלום געמעלט.
אַז יעדער שעה רופט מיר רק מיט,
עס ווערט מיר רק פינסטער מיין וועלט.
די איידעלע אויג מיט איהר גרויסע שמירה,
וואָס ווערט דערפון פאר ווערמען אַ דירה.
די אויג איז אמת שעהן, זי קליידעט צום גוף,
אָבער מעהר ניט ביז מען לעגט איהר די שערבלאך אַרויף.
אַט דאָס איז מיין שמערץ, אַט דאָס איז די זאַך, —
דאָס רינט מיר די טרערען, ווען איך האָסטיג לאַך.

יא.

על כן דו מענש היט זעהר מיר,
די אויג האָלט פעסט אין צוויק.
היט גאַנץ שטרענג איהר קעהר און איהר ריהר,
היט יעדער קוק, יעדער בליק;

קלעם זיך ניט, בעדויער ניט יענעמ׳ס שטיקעל גליק,
קוק ניט וואָס העכער, נאָר וואָס נידעריג.
בענוגען זיך וואָס דו האָסט, מיט דעם וואָס איז דיין,
זיי רוהיג דאָ, וועסטו דאָרטען רוהיג זיין.
אָט דאָס איינע היט, וועל איך זיכער זיין אַליין,
אז איך וועל לאַכען מיט גרויס פרייד, וועט קיין
טרעהר ניט געהן.
1858

# דאס ליעד פון רובעל

א.

מיט דיר, רובעל האָב איך שוין לאַנג געוואָלט
אַ וויכוח האָבען, ווען איך וועל דיר זעהען.
ווארום ווי פיעל מאָל דו האָסט מיר געפעהלט
און איבער דיר איז מיר ענג געווען, —
האָב איך געוואָלט רק פרעגען דיר,
ערקלעהר מיר דעם יחוס דיין,
נאָר אויב דו ווערסט אין כעס אויף מיר,
קען מיר נאָך ערגער זיין.
אָבער איך מוז זיך שוין בעשליסען,
דו מעגסט שוין אַלעס טהאָן,
איך מוז דיין יחוס וויסען,
וואָס ביסטו פאר אַ האָן.

ב.

פון בערג, פון ערד קומסטו אַרויס,
און ווילסט דעם מענשענ׳ס שטאָלצירער זיין;
דו מאַכסט איהם קליין, דו מאַכסט איהם גרויס,
דו מאַכסט איהם פראַסט, דו מאַכסט איהם פיין.

האָט ער נאָר די מטבע,
שטייגט ער אין הימעל הויך,
עס גילט שוין שטאַרק זיין דעה,
זיין וואָרט, זיין צעטעל אויך;
דעם שפּל ביזטו מיחס,
וואָס דו ווילסט, פיהרסטו אוים.
דער אונגליק און דער נחת
קומט דורך דיר ארוים.

ג.

ווי גליקליך וואַר די פאָריגע וועלט,
אַז דער מענש האָט דיר ניט געקענט;
קנאה און שנאה האָט געפעהלט,
וואָס ווי א פייער אין האַרצען ברענט.
ווי דו ביסט געוואָרען בעקאַנט,
האָסטו גלייך די וועלט צוריהרט;
וועך דיר נאָר האָט אין האַנט,
איז האָפּערדיג און שטאָלצירט.
ניין, ברודער, ניין, —
דו האָסט ביי מיר פערשפּיעלט.
רעגיערסט זעהר געמיין,
ביסט גאָר אַ פאַלשע בילד.

ד.

וואו מען געהט, וואָס מען רעדט,
ביסטו רק דאָ אין דער מיט;
וואָס מען טראַכט, וואָס מען זעהט,
איז אָהן דיר — נאָך ניט אַ טריט.
דו גיסט איהם כבוד פיעל,
יחוס במלואה,
מען גיט איהם שוין אין שוהל
די טייערסטע עליה.
ער איז זיך מתחתן
מיט רבנים שידוכים טהאָן,

ער לייקענט שוין דעם טאַטען,
וואָרום עס שטעהט פאַר איהם ניט אָן.

ה.

און ווער עס האָט ביי דיר ניט קיין חן,
ליפּסטו פון איהם צעהן קלאַפּטער ווייט;
ער ווערט נעבעך אָרים און געמיין,
ניטאָ קיין מוטה און קיין פרעהליכקייט.
זיין כבוד האָט ער שוין פערלאָרען,
זיין צדקה פערגעסט מען שוין;
זיין יחוס האָט ער אָנגעוואָרען,
זיינע רייכקייט און זיין קרוין.
זיינע פריינד טהוען איהם ניט קענען,
ווי אַן אויסלענדער פון פּאַריז,
זיי האָבען איהם אָפּגעקאָסט הונ׳ען,
היינט ווייסען זיי ניט ווער ער איז.

ו.

דאָס מינדסטע קינד, וואָס אָהן פערשטאַנד,
ליעבט שוין אויך דיר זעהר פיעל.
ער ווייס, אַז ער האָט דיר אין האַנט,
בעקומט ער שעהנע צאַצקעס-שפּיעל,
ווי ער עלטער ווערט,
איז ער פערנאַרישט נאָך מעהר.
וואָרום די הוצאה ווערט איהר געמעהרט,
דער יאָך איז איהם גאַנץ שווער.
ער איז פערקויפט אין זיין אייגען הויז,
ביז ער דעם לעבען פערפאַסט,
דאמאָלס ווערט ער ערשט לויז
פון דיין שווערען לאַסט.

ז.

חוץ אלצדינג קען איך ניט פערשטעהן,
וואָס דו קענסט ניט איין זיין אויף אַן אָרט;
שוועבסט אַוועק ווי אַ פויגעל אַליין,

פלינק און גרינג ווי מען רעדט אויס אַ וואָרט.
דו שפּיעלסט די ראָלע געשייט,
פערבלענדסט די אויגען אַלע,
דעם מענשענ׳ס קורצע צייט
בייטסטו אַלע ווײלע, —
דאָ מאַכסטו איהם הויך געשטיגען,
דאָ נידעריג ביז צום ברעג,
וואָס שטערסטו איהם זיין פערגעניגען
פון זיינע געצעהלטע טעג.

ח.

ווען דער פראָסטער טהוט דיך קריגען,
ווייזטו איהם ווער דו ביסט;
גיסט איהם אַזעלכע פערגעניגען,
וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט.
דו ענדערסט איהם זיין פיהרונג,
מאַכסט איהם אַ נייעם שם,
ער קויפט שוין זילבער און צירונג,
וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר איהם.
ער ווערט שוין איידעל אויפ׳ן מאָגען,
אָבער ניט פאַר דער וועלט.
עס איז לייכט יעדערען צו זאָגען,
אַז דאָס מאַכט איהם אָן דאָס געלט.

ט.

אָבער דעם גייץ פון געלט אַז דו מאַכסט אין גביר,
אָט ווערסטו שוין אויסגעריסען;
טיעף אין דער ערד בעגראָבט ער דיר,
אַז זיין ווייב און קינד טאָר אויך ניט וויסען.
אָט פערלירסט שוין גאָר דיין שפּיעל,
דיין ווערדע וואָס דו האָסט.
דו ליגסט דאָרטען שטיל,
ביז דו ווערסט פערראָסט.

איצט זעה איך אויף דיר אַ נקמה,
וואָס דו האָסט מיך געוואָלט,
אָט ליגסטו אין דער אדמה,
אַך! דו פערפלוכטעס געלט.

1858

# די פערדארבענע בילדונג

1

מען לאַכט פון פערצייטיגע דורות,
אַז די דומהייט האָט זיי פערפיהרט,
אַלע ביכער זיינען פול מיט עבירות,
ווי דער שקר האָט עקסיסטירט.
אָבער לײדער טרעפט היינט אַזוינע,
וואָס רופען זיך פון היינטיגער וועלט,
און טהוען אָב מעשיות געמיינע,
ווייל דער שקר איז מיט אמת פערשטעלט.
זיי מאַכען די בילדונג מכלה,
מיט זייער נאַרישען סטראָי[1]
און שרייען נאָך און זאָגען פאר אַלע,
אַז די בילדונג פערלאַנגט עס אַזוי.

2

ביי היינטיגער וועלט אַ אינגעל,
מען לאָזט איהם בילדען עטוואָס,
האָט ער שוין אַ געשליפענעם צינגעל,
ער איז שוין אליין בעל הבית.
דעם פאָטער הערט מען ניט זעהר,
די מאַמען לאַכט מען גאָר אויס,
ווי אַ הון אויף קאַטשקענע אייער,

אַזוי נעבעך זעהען זיי אויס.
אויף „כבד״ דאַרף מען ניט קוקען,
דען אמונה איז שוין לאַנג פערביי;
אויף „כבד״ זאָגט ער נוטריקון,2)
כ׳יאם ב׳אצקע דאוואי.3)

3

וואו א קינד ווערט מיט אדעל ערצויגען,
מען פלאַנצט איהם איין זיטען אין זיך,
זיין טריט און זיין וואָרט ווערט געוואויגען,
טרעט ער נאָך פון וועג ניט אָפּ גיך.
אָבער אַזעלכער, וואָס האָט קיין ערציהונג,
געוואַלגערט זיך אין אַ פרעמדער קיך,
ער איז שוין פערדאָרבען פון בליהונג,
און האָט קיין כאַראַקטער אין זיך;
ברויט פלעגט ער קלייבען אַ ברעקעל,
קיין העמד האָט ער קיינמאָל געהאַט,
און ווערט פלוצלונג אַ פראַנט אין אַ רעקעל,
און איז שוין אַן אַריסטאָקראַט.

4

ווען איך וויל מען זאָל מיר אַכטען,
פאַר אַ גרויסען געבילדעטען מאַן,
כאָטש איך קען געאָמעטריע ניט בעטראַכטען
די מאָס פון אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן,
טהו איך מיר אָן אַ פּאָר ברילען,
כאָטש איך קען גאָר נישט קוקען אויף זיי,
און געשייט די ראָלע צו שפּיעלען,
מיט „פּאַרדאָן״ און מיט „באָן זשור מאסיו׳,״
און דערמאָנען אַ פּאָר גרויסע מענער,
ווי פושקין און לערמאָנטאָף,
דאַן האַלט מען מיך פּאַר אַ קענער,
איך בין שוין אַ פילאָזאָף.

5

וואַרף איך אַן אויג אויף אַ פריילין,
זי מעג זיך פון גרעסטען שטאַם זיין,
האָב איך שוין די ביקסען, די פיילען,
ביז זי פאַלט אין מיין נעץ אַריין.
עס העלפט ניט וואָס עלטערן שטערען,
דען זי איז שוין פערקראַכען צו ווייט.
נדן פיעל איך וויל מוז ווערען,
און אַ זייגער מיט א גאָלדענע קייט.
עלטערען זיינען גענויטע,
זיי מוזען מיט גוואַלד זאָגען „יע״,
אויף מאָרגען בעקום איך אַ צווייטע,
זאָג איך צו די ערשטע „אַדיע!״

6

און די מיידלעך, וואָס ווילען זיין כלות,
און דאָ איז ניטאָ מיט וואָס,
דען אין שטוב סוויסטשעט דער דלות,
דער אביון איז דאָרט בעל הבית,
און דאָ איז זי אַזוי אונגעבילדעט,
פונקט מיט איהר באָבען צוגלייך,
דער כאַראַקטער איז פראָסט און פערווילדעט,
אַז איך שעם מיך צו זאָגען פאַר אייך,
פערבעט מען צו זיך אויף וויזיטען,
אַ שילער פון פערווי ראַזריאַד,[4]
און מאַכט קאָמפלימענטען אין מיטען,
אָט בין איך אַ געבילדעטע מאַד.

7

זי סמאָצקעט דעם פאָטער ווי אַ פיאַווקע,
הויל צוליעב שטאַט און פוץ.
דער שיניאָן[5] מיט די גאַנצע פאַפראַווקע
אַזוינס, וואָס פערליערט באַלד דעם נוץ;
וואָס דער פאָטער צאָהלט דערפאַר וואָכער,
דאָס געהט איהר גאָר נישט אָן,

האַנדשוה מוז זיין מיט א פּאַכער,
און אַ פלעשעל אָדעקאָלאָן,
דערצו דעם אידען אויסלאַכען,
פערהאַסען זיין טריט און זיין בליק,
קאָמפּלימענטען מיט חנ'דעלאך מאַכען,
אָט בין איך אַ פריילין אַנטיק.

8

ווי זי הויבט נאָר אָן רוסיש צו קענען,
לעזט זי שוין באַלד אַ ראָמאַן,
די יונגע בלוט הויבט אָן צו ברענען,
דען זי געפינט דאָרט אַ יונגען סטעפּאן,
זיינע באַקען ווי צוויי שעהנע בלומען,
זיינע אויגען ווי צוויי שטערען לייכט,
„אַך, איך וואָלט איהם בעקומען,
ווער וואָלט צו מיר זיך פערגלייכט!“
זי פערגעסט, אַז דאָס שרייבט אַ פּערפאַסער,
וואָס האָט דאָס פון קאָפּ אויסגעטראַכט,
און זי זוכט איהם אין פייער און וואַסער,
ער קומט איהר צו חלום ביי־נאַכט.

9

ביינאַכט זוכט זי נאָר פּלאַנען,
זי ליעגט און עס הויבט איהר פון אָרט,
ווי אַזוי זי זאָל זוכען סטעפּאַנ'ען
און קוויקען זיך מיט זיינעם אַ וואָרט.
איהרע געדאַנקען און פאַנטאַזיע שוועבען:
„אויב ער וועט אַנטרעפען מיר,
„איך וועל זאָגען: מיין ליכט, מיין לעבען,
„מיין האַרץ איז אין גאַנצען פאַר דיר!“
זי זוכט איהם אויף אַלע בולוואַרען,
אין טהעאַטער און אויפ'ן פּלאַץ,
וואו הערען מוז זי זיך דאָרט שפּאַרען,
און דער הערר הערט איהר ווי די קאַץ.

10

אַז מען דאַרף געהן סטעפּאַנ׳ען געפינען,
מוז מען געקליידט זיין שאַרמאַנט,
אין א רעסטאָנדע פון פּאַריז מאַגאַזינען,
און א הוט און א זאָנטשיק אין האַנט.
זי שטעלט גאָר דעם פּאָטער בדלות,
וואָס פערהאָרעוועט זיין גראָשען מיט שוויים,
און וואַרפט זיך ווי אַ שיף אין די כוואַליעס,
און זי בריינגט עס אויף נאַרישקייט אוים.
אַז די מוטער הייסט איהר בראָקען לאָקשען,
אָדער אָנשאָבען בולבעס אין טאָפּ,
קוקט זי זיי אָן ווי די אָקסען,
ווארום איהר ליגט גאָר סטעפּאַן אין קאָפּ.

11

עס לויפען די טעג מיט די וואָכען,
די בעקלעך איז שוין ניט אזוי שעהן ;
די קליידעלעך ווערען צוקראָכען,
און דאָ מוז מען די מאָרע נאָכגעהן.
דער פּאָטער בעט אָן שדכנים,
ער ווייס דאָך זי איז שוין ניט יונג,
אַז עס קומען אין שטוב מחותנים,
גיט זי אין לופטען אַ שפּרונג,
בכן פרעגט דער פּאָטער מיט תקיפות,
„אַז ניט דעם, טאָ וועמען ווילסטו ?“
ווייזט זי אַרוים איהרע חציפות :
„טאַקיד סאָווסיעם ניע חאָטשו !“(6

12

מען מוז שוין די טהירען אויפמאכען,
פאַר שאַרלאַטאַנעס און שפּור אַלערליי,
מען פלעגט פריהער אַליין פון זיי לאַכען,
איצט מוז מען נאָך חנפ׳ענען זיי.
עס ווייזען זיך פּאַפּיערענע קעלנער,
רעקלעך פון אַלטען טאַלקוטש,(7

רינגלעך געקויפֿט פֿון די זעלנער,
קאַמאַשלעך מיט לאַטעס אַ טוץ,
און איז אַ בריה אויף אַכילה ושתיה,
אַלע טעלער אין קיך לעקט ער אויס ;
אָבער דער פֿאָטער כאַפּט קוים די מציאה,
אַבי די משוגעת זאָל פֿון זינען אַרויס.

13

זי ווערט שוין מיט מזל אַ פֿערדרעהטע,
מען שטעלט חופּה מיט דעם טאַראַקאַן,[8]
צי זי וויל, צי זי איז אַ גענויטע,
אַבי נאָר זי האָט שוין אַ מאַן.
אָבער קען זי דען זיין אַ בעל־הבית׳טע,
אַז זי פֿלעגט גאָר שפּאַציערען אין גאַס,
פֿאַרפֿעל אַז זי קאָכט אויס גאָר פּראָסטע,
איז אויך פֿול מיט רויך און מיט אַש ;
איהרע קינדער ערציהט זי ניט בעסער,
ווי מען האָט איהר זעלבסט ערצויגען אין שטוב,
צום מאַן ווערט די שנאה רק גרעסער,
ווארום פּוסטע פֿאַנטאַזיעס בעגלייט איהר צום גרוב.

14

די בילדונג ווינשט פֿון די פֿרויען,
צו זיין אַ ווירטהין פֿאַר זיך,
האפּטען און שטריקען און נייען,
דערצו די השגחה אין קיך.
געפֿינט זיך היינט גאָר אַ פֿריילין,
וואָס לערנט דעם פּשט גאָר פֿערקעהרט,
אַז אַ קלייד פֿון 28 איילען,
הייסט עס ביי איהר אויפֿגעקלעהרט.
און לעזען אַ צוויי־דריי ראָמאַנען
און בעזוכען דעם טהעאַטער פֿאַרנאַכט,
און מיט וואונקען — ליעבע פֿערשטאַנען,
אָט בין איך אַ פֿריילין — אַ פּראַכט.

# מיר זיינען קינדער

אָבינה באנוש, וזאת חקרתי,
כי כילדים נתהוללה.
אחת היא, על כן אמרתי:
„ילדים נחנו סלה“!

איך בעטראכט דעם מענשען און יעדער סארט,
מיר זיינען דום ווי קליינע קינדער:
דארום בלייב איך ביי מיין שפריך־ווארט:
„מיר זיינען קינדער אלטערהייד.“

א.

דאָס קינד ווי עס ווערט געבאָרען באַלד,
שרייט ער מיט קולות פון דעם געצעלט;
אָבער פרעגט ביים קינד, וואָס איז זיין גוואלד,
מען שיקט איהם דאָך לעבען אויף אַ וועלט.
מיר זיינען אויך ווי קינדער דזשיק,
מען שיקט אונז לעבען, מיר שרייען „ניין“.
דער לעצט רופט אונז צום וואַהרען בליק,
נאָר מיר האָבען מורא צוצוגעהן;
דרום איז דער גוואַלד זעהר קרום
ביי אונזער לעצטע שעה,
דאָס ווייזט אויף אונז, אַז מיר דענקען דום,
אַז השארה איז ניטאָ.
קוקט אייך אום,
בעטראַכט אַ בלום,
אָדער יעדען בוים בעזונדער;
דער ווינטער אראָב,

לעבט דאָס אָב —
נאָר גוואַלד מיר זיינען קינדער.

ב.

פיעל יסורים ליידט אוים דאָס קינד צום יום המילה,
און דאָ הוליען קאָמפּאַניע,
פיעל בלוט קאָסט אונז אמונה לכתחילה
אין פּאָרטוגאַל, אין רוים, אין שפּאַניען,
דאָ קרייציגט מען קעצער אין אינקוויזיציאָן1)
און קנאת הדת איינגעטונקט;
דאָ ברענט מען מענשען פאַר רעליגיאָן,
און דאָ דער עולם מען הוליעט, מען זינגט.
ווי גרוים איז די פרייד אין אַ טאָג צי צוויי,
דאָס קינד ווערט רוהיג, פריי,
און עס טהוט איהם עטוואָס וועה,
לויפט דאָס אויך פאַרביי.
זעה גוטעס צו טהאָן
פאַר דיין נאַציאָן,
געה נישט ווי אַ בלינדער;
לאָך ניט, פּלוט,
דאָס קאָסט אונז בלוט —
גוואַלד מיר זיינען קינדער.

ג.

דאָס קינד ענטוועהנט מען אין אַ מזל'דיגער שעה,
און ער מיט קולות וויינט און שרייט;
איז דען ביי אונז גרויסע דאָס זעלביגע ניטאָ,
מיר ליעבען הבלים, נאַרישקייט.
בשעת מיר האָבען אין מצרים געוואוינט,
האָבען מיר דאָרט הבלים געזויגען געדיכט,
ביים הר סיני האָט מען אונז ענטוועהנט
און דעם נאָפּעל מיט רום איינגעריכט.
נאָר אין דער מדבר רק געשריען,
געבענקט נאָך די נבלות,

און אין שמרון און אין ציון,
און די גאַנצע צייט פון גלות,
און עד היום
איז ווי אַ תהום,
עס ווערט נאָך גאָר ניט לינדער,
נאָר יענע ברוסט,
וואָלט ער געקושט —
גוואַלד, מיר זיינען קינדער.

## ד.

דאָס קינד בעקומט שוין שכל, פערשטעהט און וויס,
ער ווערט מיט מזל אין חדר געבראַכט.
דאָרט ווייזט איהם דער רבי דעם אלף בית,
לעזען און שרייבען וואָס ער טראַכט.
די וועלט איז אַ ספר, וואָס פיעל בעטייט,
מען דאַרף נאָר קענען לעזען גוט,
אונזער רבי איז די צייט,
זי ווייזט די אותיות מיט'ן שטריינגען רוט.
יעדער שעה איז אַן אות,
אַ נקודה — אַן אויגענבליק,
מען דאַרף נאָר לעזען, וויסען וואָס
און לערנען רק פּראַקטיק.
אָבער ער זעהט אַ וועלט
און עס איז איהם פערשטעלט,
געהט רק ווי אַ בלינדער,
זעהט אַן אות
און פערשטעהט ניט וואָס —
גוואַלד מיר זיינען קינדער.

## ה.

דאָס קינד שפּיעלט אין פערדלעך זעהר וואויל,
עס טרייבט איהם רק דער יונגער גייסט,
איינער האַלט אַ שטריקעל דעם צאם אין מויל,
דער צווייטער פון הינטען טרייבט און שמייסט.

וואָס לאַכען מיר פון דעם קליינעם קינד,
בײ אונז הערשט אויך, ווער קרעפטעען האָט
דער הערשט שטרענג איבער זיין הויז־געזינד,
דער נאָך שטרענגער אין קלויז אויף זיין שטאָט, —
רעכענט זיך נאָר פאָר אַ מענשען,
דעם צווייטען פאָר אַ פערד, —
יענעם שילטען, זיך נאָר בענשען,
אוי גאוה איז אַ שווערד!
מען זעהט דאָס רוב,
ער איז גאַטאַוו(2
צו שניידען ווי אַ שינדער;
לאָז איהם צו רוה,
ער איז א מענש ווי דו —
גוואַלד, מיר זיינען קינדער.

ו.

דאָס קינד האָט אמאָל אַ פייפעלע דערטאַפּט,
געפייפט, בעריהמט זיך דעם גאַנצען טאָג;
די קינדער פון קנאה האָבען ביי איהם אַרויסגעכאַפּט
און ער האָט געשריען, געוויינט מיט אַ קלאָג.
דער פאַלשער כבוד איז דער פייפעל'ס קול: —
דער שרייט מען זאָל איהם מפטיר געבען;
דער פאַלשער כבוד מאַכט אַמאָל,
אַז מען וויינט דורך דעם גאַנצען לעבען.
דער זוכט כיבודים, דער גבאות,
דער אין קלויז אויבענאָן אַ שטאָט;
דאָס ברייננגט צו שאַנד אי צו דמאות,
צו טרערען אָהן אַ סטשאָט.
מען איז מקנא איהם
זיין פאַלשען שם,
כאַפּט מען צו די פייפעל געשווינדער,
דער עולם לאַכט אין הייפעל,
ווי ער בלייבט אָהן א פייפעל —
גוואַלד, מיר זיינען קינדער.

### ז.

דאָס קינד שפּיעלט זיך אין קאַמער קאַמער הויז
דעם חבר׳ס אָרט פערלויפט ער די מינוט,
און מיר זעהען עס און לאַכען זיי אויס,
און אַליין שפּיעלט מען, מען פערגיעסט נאָך בלוט;
ווי יענער גיט זיך פון געשעפט אַ ריהר,
פערלויפען מיר דערינען,
מיט יענעמ׳ס אונגליק זוכען מיר
אונזער גליק צו געפינען.
נאָר דיין רובעל האָט גאָר די מעלות,
דיין חבר׳ס איז ביי דיר אומזיסט,
אויף טעפּלער, לעפעל פרעגט מען שאלות,
אויף אַ רובעל קיינמאָל נישט.
יענער שרויפט
און דער פערלויפט,
מען פערכאַפּט דעם שטעל געשווינדער,
נאָר פון געשעפט אַ קעהר,
פערלויפט שוין דער —
נוואלד, מיר זיינען קינדער.

### ח.

דאָס קינד פון זייף מיט וואַסער בלאָזט ער פלעשער,
ער בלאָזט, און עס פּלאַצט. עס ווערט נייע געמאַכט
און ער ווערט ניט מיעד און בלאָזט נאָך גרעסער.
אבער מיט לעדיג קומט ער אַהיים פאַרנאַכט,
אַזעלכע פלעשער בלאָזען מיר אַלע,
פּונקט ווי דער אינגעל דער געשייטער,
כאָטש די צייט איז פון זיי פיעל מכלה,
ווערען מיר ניט מיעד און בלאָזען ווייטער.
דער בלאָזט פלעשער פון פאַלשע פרומקייט,
דער איז אַ פאַלשער פריינד,
דער פערמאַסקירט זיך מיט פאַלשע רייכקייט,
וואָס פון אַ פרעמדען פלאַש דאָס שיינט,

און כאָטש עס פּלאַצען פּיעל,
מאַכט ער דאָס אויף שטיל,
און בלאָזט נייע נאָך מיט מעהר וואונדער,
אָבער אין די גרוב, די קליינע,
ברייננט ער ניט קיין איינע —
גוואַלד, מיר זיינען קינדער.

ט.

דאָס קינד פאַר אַ צאַצקע וויינט ער דעם גאַנצען טאָג,
זיין שמחה איז אויך אָהן אַ געפיהל;
מיר וועגען זיך אויף די זעלביגע וואָג,
אונזער פרייד מיט די לייד איז אַ קינדער־שפּיעל.
אונזער נחת מיט די פרייע מוט
אין דער נאַטור ווערט עס אויסגעלאַכט,
אונזער טרעהר וואָס פליסט מיט בלוט,
ווערט אין דער נאַטור ווי אַ קינד בעטראַכט.
אַז מיר וואָלטען גרינדליך וויסען
דעם סוד פון גאַטעס וועלט,
וואָלט אונז דאָס ניט פרעהען און ניט פערדריסען,
נאָר עס איז פון אונז פערשטעלט.
מיר רעכענען פאַר וואָהר,
אַז די וועלט איז ניט נאַר,
עס איז דאָ אַ וועלט בעזונדער;
דעם מענשען'ס היגע שפּיעל
מוז האָבען אַן אַנדער ציעל —
נאָר מיר זיינען קינדער!

1858

# דעם רבי'ס שליסעלע

(דעם גאַליציאַנער חסיד'ס ליעד*).

א.

קום אהער, מיין זוהן, קום אַהער צו מיר,
איך וועל דיר אַ שליסעלע איבערגעבען;
איך וויל אויף אייביג פערזאָרגען דיר,
זאָלסט האָבען פון וואַנען צו לעבען.
איך בין שוין איצט גרייט צום טויט,
איך זעגען זיך איצט מיט מיין וועלט,
וויל איך דיר פערזאָרגען מיט ברויט,
זאָלסט האָבען אַ קוועלע פון געלט.

ב.

צו ווערען אַ מלמד ביי אידישע קינדער,
ביזטו דו דאָך אַן עם הארץ די והותר;
זאָלסט ווערען אַ קנעטער אָדער אַ שינדער,
ביזטו אַ פוילער און אַ הולטיי אַ גרויסער.
ווילסט ניט לערנען, ניט טהאָן,
טאָ פאָלג זשע איצטער מיך:
איך וועל דיר זעצען אויף מיין טהראָן,
מען וועט דיר רופען במקום איך.

ג.

מיין ניט, אַז דאָ איז רייסען צי ליטאָ,
זייערע חסידים האָבען אַנדערע מנהגים;
ביי זיי האָט אַן עם הארץ ניט קיין שליטא,
זייערע רביים זיינען לומדים מופלגים.

דער רבי מאַכט אַ פּוסק,
דער שרייבט הייליגע ספרים,
מיר פערשפּאַרען דעם עסק,
און מיר לעבען ווי די גרעסטע שררים.1)

ד.

זייער רבי שטעלט זיין נפש אין אחריות,
זיין צורה איז אַ געלע, אַ גרינע;
ער איז אויף בראנפען אַ נזיר און עסט אַ כזית,
ווייל ער קלאָגט אַלץ אויף גלות השכינה,
וואָס זי איז פערפלויגען פון נעסט —
אָט די דאגה מאַכט איהם מאָגער און דאַר,
און ביי אונז — מען טרינקט, מען עסט,
ווענען די שכינה האָבען מיר גאָר קיין צער.

ה.

דער רייסישער רבי איז זיי מיט תורה מהנה
צו שלש סעודות פאר הבדלה,
איז זיך דער פּראָסטער עולם אָן די לומדים מתקנא,
ווייל דער פּראָסטער קען ניט קיין קבלה.
איך דערמאָן זיי דעם וואָרט „בחינה“
און פערקריך אין זייטיגע דרכים,
איז ניטאָ קיין קנאה, שנאה,
ווייל זיי מיינען איך רעד מיט מלאכים.

ו.

אין דעם רייסישען רבי׳ן איז מען ניט אין טעות,
ער לערנט טאָקע יום ולילה;
ער קען אויך, ווי אַלע מורי הוראות,
פּסק׳ענען די גרעסטע שאלה.
פון מיר פערלאַנגט מען קיין תורה,
דאָס איז קיין האַנדעל פאר זיי,
פאר מיינע חסידים בין איך א סחורה,
אָט ווי איך שטעה און געה.

ז.

איך האָב אָבגעלעבט אַ וועלט ווי אַלע נגידים,
פערבראַכט אין אכילה ושתיה;
בין געוועזן אין גאַליציע אַ רב ביי חסידים,
ווארום דאָ דאַרף מען ווענינ יגיע.
קיין תורה הלוואי ווייטער,
קיין עברי נאָך ניט אַ שייטעל,
מען דאַרף נאָר זיין אַ געשייטער
און ציהען ביי יענעם פון בייטעל.

ח.

איך בין דאָך טאַקע אַ פּראָסטאַק בעצם,
ווי קום איך צו זוהר, צו קבלה?
פריהער בין איך געוועזן א יונג אין אַ קרעצעם,
דערנאָך ביים רבי'ן אַ בעל העגלה.
איך האָב געזעהען ווי ער איז מכפּר עונות,
בעטראַכט ווי ער האַנדעלט מיט מלאכים,
קען איך אויך ווי ער מאַכען פּדיונות
און נעהם נאָך גרעסערע מקחים.

ט.

איך וויים גאַנץ גוט, אַז דעם גאַנצען על חטא
האָסטו מקיים געוועזן בשלמות,
ווען איינער האָט דאָס מיר אויסגערעדט,
האָב איך געענטפערט איהר ווייסט ניט קיין אמת:
ער איז אַ בעהאַלטענער צדיק גמור,
נאָר איהר זייט ניט זוכה עס צו פערשטעהן,
מיט דעם וואָס ער טהוט אַן עון חמור
איז ער מכניע דעם ס"ם אַליין.

י.

באַלד וועלען קומען פון שטעדטעל די נגידים,
זיי זאָלען זיין ביי מיינע הסתלקות,
מיין פערצייטיגע דזאסקע וועל איך געבען די חסידים,
זיי זאָלען מיר קלאַפּען אויפ'ן פּערענע מלקות.

איך וועל הייסען שטעלען שטולען אויף קאַטאָוועס,
וועל מיט פליים מיט די אושפיזין ריידען,
בכן זיינען געקומען די אָבות
צו נעהמען מיר אין גן עדן.

יא.

דערנאָך וויל איך אָנהויבען צו דיר צו שרייען:
„שוין צייט זאָלסט ווערען נתגלה" —
דו וועסט זיך מאַכען א צורקע פון יראת שמים,
וועסט זיך שעמען ווי צו באַזעצענס אַ כלה —
„שוין צייט מען זאָל זעהן דיינע שבחים,
„וואָס איז געוועזען בנסתר ביז די ווײַלע,
„איך וועל דיר איבערגעבען די נעמען פון מלאכים
„און מיין דעה אין בית דין של מעלה."

יב.

איך וועל דיר שענקען דעם שליסעל פון הימעל במתנה
און וועל דיר נאָך שעצען אויף צו פלייסען;
איך וועל דיר אָנטהאָן מיין היטעל די האַלבע לבנה,
און מיין אַטלעסענעם בגד דעם ווייסען,
וועט מען שוין אויף דיר דערצעהלען נפלאות,
וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען,
דיינע חסידים וועלען זיך נאָך שווערען מיט שבועות,
אַז זיי האָבען דאָס אליין געזעהען מיט די אויגען.

יג.

וועסט לעבען ריכטיג ווי דער שררה,
וועסט האָבען פאַדאַנעס אַ פולע;
צי ביי זיי איז אַ שמחה אָדער אַ צרה,
האָסטו דערוויל כבוד און גדולה.
גבירים וועלען זיך ווינשען
אַזאַ גליקליכען משא ומתן,
ווארום דו האָסט עס געלערענט די קונצען
פון דיין הייליגען טאַטען.

יד.

דער גביר וועט זיין מקנא דיין דרך,
ווי דו לעבסט זיך שטיל באזאכט,
ווארום ער האָט דאגות אָהן צאָהל, אָהן ערך,
רוהט ניט טאָג און נאַכט,
זיצט אין טהעאַטער, אין לאָזשע,
און דער מוח איהם דרעהט ווי אַ ראָד,
איך האָב מיר מיין עולם הזה
גאָר אָהן שום קלאפּאָט.

טו.

דעם גביר'ס פערגניגען וואָס האָט פאר אַ ווערדע,
אַז אין האַרצען איז ניט ניכר,
שפּיעלט אין אָקע צי אין אַ דערדע,
און די קאָפּ צופּאַלט אויף שטיקער.
שלאָפט אויף אַ טהייערע זאָפע,
און זיין קישעלע דרעהט זיך צוקאָפּען,
איך האָב מיר מיין מנה יפה
און צער נאָך ניט אַ טראָפען.

טז.

ווילסטו זיין גליקליך אויף דער וועלט,
מוז אַלץ זיין פערמאַסקירט:
דעם יראת שמים פּנים'על אויסגעשטעלט,
ווי עס ווערט אין גאַליציע געפיהרט.
קומען צו אַ קאַפּיטאל
מוז מען זיין פון די חכמים;
ביזטו קלוג ווי א פיסקאל,
רופט מען דיר צדיק תמים.

יז.

ווען דו ביזט אין קאַמער פאר זיך אַליין —
דאַרטען טרינק און עס,
דאַרפסטו אַבער נאָר אויף דרויסען געהן,
זעה זשע ניט פערגעס.

מאַך זיך אַ פרומען פנים,
מיט די אויגען גלאָץ נאָר גוט,
וועלען שוין די נאַראָנים
קושען דיינע טריט.

יח.

די שיסעל יויך אַז מען שטעלט אַוועק,
נעהם איך פריהער די פעטע אָפּשעפּען,
דערנאָך לאָז איך מיר אראָפּ צום דעק
די געדיכטע לאָקשען צו שלעפּען,
און אַלע חסידים אַליין
זעהען עס גאַנץ גוט,
און זאָגען: ווער קען עס פערשטעהן,
וואָס דער רבי מיינט דערמיט?

יט.

איינמאָל ביינאַכט האָב איך אין קאַמער געגעסען,
האָב איך מיר געשטעלט האָרכען ביים טהיר,
ווייל פון פאָרענט אין שטוב זיינען חסידים געזעסען
און דערצעהלט די נסים פון מיר;
דער גבאי איז געווען דערריידער
און דער חוזר דערביי א פארשוועכטער,
אַז איך בין אַוועק אין לעצטען חדר
און בין געבליעבען אָהן זייטען פון געלעכטער.

כ.

ער האָט גענומען דערצעהלען פון מיר די שבחים,
דערצו מיט אַ ברייטע הקדמה;
ער האָט דערצעהלט מיינע דראקעס מיט מלאכים
בשעת עלית נשמה,
מיין קנייטשען זיך, מיין בויגען,
מיינע פרעסק אין תפלה בלחש,
אַזוי וואויל איז צו די אויגען,
וואָס זיינען זוכה צו זעהן דעם נחת.

כא.

פויגלעך ווערען פון מיין מויל פערברענט,
רוחות פון מיין שטעקען,
היינט מיינע טראַסקעס אין די ווענט —
שרי מעלה מוזען זיך צושרעקען;
מיין קריעג מיט'ן שר של אדום,
ראש השנה צו תקיעות
געריסען איהם די האָר ווי פעדים,
אַז ער האָט געוויינט מיט בכיות.

כב.

דעם אשמדאי האָט ער דעם קאָפּ אָפּגעגאָלט,
און אַ רוח ביז אין טויט פערשמיסען;
ער האָט אַמאָל פון כעס א מלאך געוואָלט
מיט זודיגע וואַסער אָפּגיסען;
ער פלעגט די מלאכים פעריאַגען,
און זיי פלעגען איהם חנפ'ען,
ווארום זיי קענען ניט פערטראָגען
דעם גרוך פון פראָסטע בראנפען.

כג.

צוויי ווייסע מזיקים מיט הערנער, מיט בערד,
האָבען מזיק געווען פון זיין סעקטע די בעסטע,
ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט,
האָט ער זיי פערשלאָסען „פאַר ארעסטע";
מען איז געלאָפען זעהן די נפלאות,
ווי ער האָט דאָ די רוחות געקריגען;
אמת עס איז געווען א טעות,
עס איז געווען פון דאָרף צוויי ווייסע ציעגען.

כד.

ער האָט זיך פאַר כעס אַנידערגעשטעלט,
אַז עס זאָל זיך אַזוינעס פּאַסירען,
האָט ער געהייסען נבוכדנאצר'ן פון יענער וועלט
ער זאָל זיי מיט אַ פויק דורך דעם גיהנם פיהרען

און זאָל שרייען פאר זיי „ככה״,
ווי מען פלעגט המנ׳ען שלעפּעו.
נאָר עס איז געקומען פון דאָרף די משפחה,
האָט ער ניט געוואָלט מיט פויערים זיך טשעפּען.

כה.

פורים צו דער סעודה האָט ער געטאַנצט מיט חרבונה׳
אַ קאָרעהאָר געפלאָכטען אין דרייען,
און זרש מיט ושתי אָנגעטהאָן אין קרוינען
האָבען געהאָלפען זינגען און שרייען,
און לוט האָט געטאַנצט אויף איין פוס,
אַז אין לספר ואין להגיד,
מען וואָלט עס געזעהען בחוש,
נאָר עס איז געווען דערביי אַ מתנגד.

כו.

אָט זעהסטו שוין נסים, וואָס געהמט אָן אַ מורא,
צונויף געמישט שעטנז מיט כלאים,
זיי פערשטעהען דאָס ניט, אַז איך בין אָהן תורה
און אָהן אַ ברעקעל יראת שמים,
און האַלטען דאָך מיינע ניסים פאר הייליג,
צו דערצעהלען מיינע נפלאות איז אַ מצוה,
איצטער פערשטעה זשע דעם חילוק
פון רוסלאַנד ביז גאַליציע.

כז.

איך האָב אַמאָל אַ ישובניק געטהאָן להכעיס,
וואָס האָט קיין פּדיון געוואָלט דערלאַנגען,
האָב איך אַריינגעשטעקט דאָס קינד אַ האָבער אין... —
אַז דער אינגעל איז זיך פערגאַנגען;
ווי מען האָט מיר דעם פדיון געגעבען,
האָב איך דעם האָבער אַרויסגעצויגען.
אָט זעהט מען פון גאַליציאַנער רבי׳ן
די נסים פאר די אויגען.

כח.

מען ברייננט צו מיר משוגעים,
איך זאָל זיי טהאָן פּעולות;
בין איך דען פון די נאַראָנים
איך זאָל זיי היילען מיט סגולות;
ווען איך זאָל משוגעים היילען,
איז פאַר מיר קיין גוטער סימן;
אז משוגעים וואָלטען פעהלען —
טאָ ווער וואָלט צו מיר געקומען?

כט.

אַ פּאדראטשיק האָט געדאַרפט פיהרען פּראָוויאַנט,
אָבער אין שליטען ניט מיט רעדער און וועגען,
האָט ער מיר געגעבען א מנה יפה אין האַנט,
אַז זאָל אויפהערען דער גרויסער רעגען.
לסוף האָט מען איהם געשמידט אין קייטען,
ווייל דער סראק איז געבליעבען אין מיטען,
און איך האָב שוין אַ תירוץ אַ גרייטען:
מען האָט אין הימעל די שרי מעלה פערביטען.

ל.

אַ אידענע קומט און וויינט פאַר מיר;
זי האָט אַ שלעכטע מערכה;
נעהם איך פריהער דעם פדיון ביי איהר
און בענש איהר מיט המן'ס ברכה.
איך שפּיעל נאָך די ראָלע געשייטער;
איך גיב איהר סגולות אלערליי,
און אויב ער שלאָגט איהר ווייטער —
אָסור אויב מיר טהוט וועה

לא.

צעטלאך נעהם צו פון יעדען בעזונדער,
זאָג זיי נאָך צו עולם הבא;
אָרעמע עקרות, וואָס פרעגען אויף קינדער —
זיי שיק אָפּ צום גבאי.

און קראַנקע... אַהאַ דער עולם איז שוין ניט ווייט —
גענוג רעדען... שטיל... האַלט מויל...
שפּיעל נאָר די ראָלע געשייט,
לעבסטו גליקליך, גוט און וואויל.

1859

# אטלעס

א.

איך אַטלעס דאַרף דאָך קלאָגען
אויף היינטיגע יאָהרען;
אַ חרפּה איז צו זאָגען,
וואָס פון מיר איז געוואָרען.
עס איז מיר נאָך עד הנה
אַזוינס ניט געשעהען,
די צייטען די געמיינע
האַלטען מיר אין פלען.

ב.

איך מעג זיך שוין שווערען,
אַז מען וועט מיר פערהאַסען,
פון מיר וועט אַזוי ווערען
ווי פון ראַצע מארע אין פּאַסען;
גלייך ווי די מאָדע
איז אַריין צו די אביונים,
זיינען זיי פון הכבדה
געבליבען אָהן תחתונים.

ג.

עס פלעגען געהן אין ראַצע מאָרע
גאָר די רייכע פאָן,
איז אַריין דערינען אַן עין הרע,
דער פראָסטער האָט זיך אָנגעטהאָן;
היינט ליעגט זי אין דער ערד
מיט איהרע פאַסען די פיינע,
זי האָט שוין אַזאַ ווערטה
ווי נאָך סוכות אַ הושענא.

ד.

אַז איך דערמאָהן זיך די פאָריגע צייט,
ציטער איך ווי אַ בלאַט;
מיך האָט געטראָגען דער גרויסער לייט,
פאר מיר האָט מען בושה געהאַט.
אַז איך בין אין שוהל אַריין,
אַלע, גרויס און קליין,
האָבען זיך פאר מיר געשטעלט,
איז געווען צו זעהן אַ וועלט.

ה.

פילצטוך, פראס און וואָל געוואַנט
האָבען זיך אייביג געשעמט פאר מיר,
איך בין געשטאַנען אין מזרח־וואַנט
ביים רב אָדער ביים גביר;
היינט בין איך אין גלות
ביי דעם אָרימאַן;
פרופט זוכט מיר אין פּאָליש,
בין איך שוין אויך פאַראַן.

ו.

פילצטוך, פראס און טוך,
איך דאַרף זיך היינט שעמען,
נעהמט אייך אַ ראיה פון מיר1)
ווי מען דאַרף זיך ניט איבערנעהמען.
איך האָב אויך אמאָל געשטיגען,
אַטלעס איז געווען קיין שפּאַס;
אויב איהר ווילט היינט אַטלעס קריגען,
טאָ זוכט אין שוסטער גאַס.

ז.

צו מיר האָט געהאַט גוסט
אַ מענש מיט אַ קאַפּיטאַל,
האָט מען מיך ניט געמישט
מיט אַן אַנדער מאַטעריאַל;
און איצט איז אַראָפּ די פּרייזען,
איז מען מיך מנבל;
אַז מען דאַרף מיך וואָלוועל לייזען,
מישט מען מיך מיט באַוועל.

ח.

אַז דער פּראָסטער וויל מיך קויפען,
זוכט ער נאָר בחנם,
עס קומען אַריין צו לויפען
אַלער האַנט מבינים,
ווער עס געהט אַ קאַצובייקע
קראַצט אויף מיר די פּאָה,
ווער עס געהט מיט אַ קרייקע
זאָגט אויף מיר אַ דעה.

ט.

די, וואָס פערקויפט באָב,
מאַכט פון מיר אַ מאַרק,
אויב איך בין אין גאטונג גראָב,
זאָגט זי, אַז דאָס איז שטאַרק;
וואָס מען טהוט מיך מיט באַוועל מישען,
דאָס קען זי ניט פערשטעהן,
היינט פון וואַנען זאָל זי וויסען,
אַז זי האָט מיך קיינמאָל ניט געזעהן.

י.

ווייל זי איז פערבלענדט,
גיט זי מיר צום נאָז אַ שמעק,
זי גראַבעלט מיר מיט די הענט,
ביז עס ווערט אַ פלעק;
היינט ווי זאָל זי מיך ניט ציהען
מיט די נעגעל וואָס שטעכען די נאָדלען,
אַז זי האָט דאָס געלט געליהען
ביי אַ מלוה אויף אויסצוצאָהלען.

יא.

באמת בעט איך אייך,
קוקט ניט אויף מיינע חסרונות;
קוקט בעסער אויף אייך,
אויף אייערע חורבונות.
איז דאָס ניט אַ שטראָף,
אַז אַזוי אַן עדעל צייג
טאַפען זיי ווי אַן עוף,
וואָס זיצט פערשפארט אין שטייג.

יב.

העננעז ביי איך אין חדר
איז געווים פאר מיר אַ שאַנד,
איך פּאַס צו אייערע קליידער
ווי אַרבעס צו דער וואַנד.
איך מעג אייך דעם סוד אויסזאָגען,
אַז דאָס געלט וועט אייך צוקוועטשען,
וועט איהר מיר אין קורצען טראָגען
אין גוטען אָרט פערזעצען.

יג.

אויף דעם טהייערען זייד
וואָס די ווערים שפּינען,
דאַרפט איהר האָבען מיטלייד,
וואו ער טהוט זיך היינט געפינען.
דאָרט וואו עס שמעקט דער דלות,
וואו מען וואוינט אין פּוסטינעס,
מאַכען זיך דאָרטען
זיידענע בודינעס.

יד.

אַז אַ חכם פאַלט אַריין
צווישען נאַראָנים,
אַז אַ קצין פאַלט אַריין
צווישען אַ חברה קבצנים,
אַז ס׳פאַלט אַריין אַ בר מעלה
צווישען גראָבע יונגען,
מעגען זיי גלייך אַלע —
דאָס ליעד פון אַטלעס זינגען.

1860

92

# דער פּראָם

### א.

דאָרט ביים ווילדע גערה איך שפּאַצירען,
זעה איך דעם פּראָם אויפ'ן טייך,
הין און צוריק טהוט ער איבערפיהרען,
זאָג איך: ברידער, דאָס מיינט מען אייך.
די וועלט איז דער טייך, טיעף און שטרענג,
דער פּראָם דאָס איז די צייט;
אינעווענינ מענשען אָנגעשפּאַרט ענג,
און ער שיפט עס צו יענעם זייט.
די שטראָמען מיט די גאוות
איז די וועלטליכע תאוות,
וואָס זיי טרייבען דעם פּראָם;
מעהר ניט די ליניע,
דאָס איז די אמונה,
לאָזט אונז ניט פערטרינקען אין תהום.

### ב.

די מענשען, וואָס זיינען אָקאָרסט פון ברעג,
האָבען ניט קיין מורא פאר'ן שטראָם;
און די, וואָס זיינען שוין באַלד אַריבער די וועג,
לאַכען אויך אויס דעם וואַסער, דעם תהום.
ײַ ער איז נאָך אַ קינד
שרעקט איהם ניט קיין ווינט,
ביי איהם איז אַלעם גלייך;
ווערט ער ווידער אַלט

איז ער ביי זיך קאַלט,
ער איז שוין באַלד אַריבער דעם טייך.
נאָר וואו דען שרעקט דאָס האַרץ
און איז פול מיט שמארץ?
אַז דער פּראָם איז אין מיטען געשטעלט
אין די מיטעלע יאָהרען
מוז ער לאַנגזאַמער פאָהרען,
ניט צו בלייבען אין מיטען דער וועלט.

ג.

די געניטע מאַטראָזען טהוט גאָר ניט אַרען,
וואָס אַלע שרייען: ציהט גיכער די שטריק,
וואָס דאַרפען מיר דעם פּראָם מיט גוואלד איהם שפּאַרען,
אַז מיר מוזען באַלד פאָהרען צוריק.
אונזערע מאַטראָזען איז דער ווינטער, דער זומער,
זיי אַרט ניט דעם מענשען'ס פערלאַנג;
וואָס דער מענש טרייבט די צייט האָבען זיי גאָר קיין קימער,
און זיי געהען זיך דעם רעגולאַרנעם גאַנג.
בערעכענט אויף מזומן,
אַז איהר וועט שוין דאָרט קומען,
צי וועט מען אייך דאָרט לאָזען ליעגען;
עס קען נאָך אונז טרעפען
צוריק זיך צו שיפען,
איבער־נייס אין אַ וויעגעלע זיך וויעגען.

ד.

לעבען יעטווידער ברעג שטעהט דאָרט אַ בריקעל,
וואָס דער פּראָם שטעלט זיך דאָרט אָפּ,
עס קומט נעט ניט צו, עס בלייבען אָפען אַ שטיקעל,

און יעטווידער איינער שפּרינגט אַראָפּ;
דאָרט אויף צו שפּרינגען דאַרף מען זיין אַ גבור,
אַ שפּרונג און ווייטער אַ לויף;
מיר דאַרפען אויך די צוויי בריקלאך אַריבער
פון אָנהויב און ווייטער צום סוף.
בשעת געבאָרען שרייט ער
און צום סוף איז איהם שווער,
ער וואָלט אַוועקגעגעבען דעם גאַנצען פערמעג;
וואָס העלפט דיר דיין דינגען,
דו מוזט דאָך שוין שפּרינגען,
דו זעהסט דאָך דער פּראָם שטעהט דאָך ביים ברעג.

ה.

ווי גרויס איז דער פּחד פון פאָרענט און פון הינטען.
אין מיטען טייך דער פּראָם טהוט טראָגען,
די וועלען, די שטראָמען, די שטורמס, די ווינטען—
איטליכער וויל נאָר די שיף צושלאָגען.
ווי טהייער, ווי וויכטיג, דאַרף אונז זיין די ליניע,
זי פיהרט אונז זיכער צום ברעג;
ווי וויכטיג איז אונז די אמונה,
מען געהט זיך מיט אַ גאַנץ גלייכען וועג.
ווער עס וויל זיך בעריהמען,
אַז ער קען גוט שווימען,
די ליניע איז איהם צו גראָב, צו גרויס —
קען מען זעהן פון דער ווייט
דעם סוף פון די לייט,
אַ טויזענדער קומט קוים אַרויס.

ו.

דער פּראָם וואָלט געגאַנגען וואו די וועלען איהם שלעפּען,

ווער ווייס וואוהין זיי וואָלטען איהם פערשמיסען;
אַז דער מענש וואָלט וועלען זיינע תאוות נאָכגעבען,
וואָלט דער מענשליכער בונד ווערען צוריסען.
ווי וואָלט געהאַלטען א בונד פון אַ מדינה,
ווען ניט פון רעליגיע דער צייכען?
ווער צאמט א פאָלק, ווען ניט די אמונה,
וואָס די אויג פון פּראַוויטעלסטוואָ1) קען ניט גרייכען;
היט דיין אמונה,
געה מיט דער ליניע,
און אַ מענש מיט אַלעמען גלייך;
זיי אַ איד צו גאָט
און אַ מענש אין שטאָדט,
וועסטו בשלום אַריבער דעם טייך.

ז.

די מאַטראָזען שטעהען דאָרט ביי א קאנט
זיי האַלטען אַ רודער, זיי האָבען צו טהאָן.
די צייט האַלט אונז אויך די האָפענונג אין האַנט,
בעשערט איהם, בעשיצט איהם ווי א ווינט קומט נאָר אָן.
ווי דער רודער איז געגעבען אונז צו ראַטירען,
אין שרעק גיט ער אונז אַ מוטה.
אַזוי די האָפענונג טהוט אונז פיהרען,
ביז אונזער לעצטער מינוט.
זי ווייזט פון דער ווייט,
די קינפטיגע צייט
לעבען מיר אָפּ אויף דאָס נייע;
עס ווערט פאָרגעשטעלט
אַ קינפטיגע וועלט —
אָט איז זי אונז ממש מחיה.

# דער אלטער פאטער

## לעזער!

אויב איהר לייענט אין ביכעל מיינע ליעדער,
און די מעלאדיע האט מען אייך ניט איבערגעגעבען,
איז דאס ווי א פאטאגראפישעס בילד, ליעבע ברידער!
דאכט זיך אלעס ריכטיג, נאר עס פעהלט — לעבען.

אַ ביישפּיעל קען איך אייך מענשען געבען,
דעם סוף פון מיר בעטראַכט אצינד,
עס איז בעסער אויף דער וועלט ניט צו לעבען
איידער אָנקומען צו אַ קינד.
איך האָב אָפּגעלעבט יאָהרען,
מיט כבוד און מיט געלט;
געהאַנדעלט און געפאָהרען,
געפיהרט גאַנץ שעהן מיין וועלט;
פערדיענט כשר מיין גילדען,
מיט קרעדיט, מיט עהרליכקייט;
געלאָזט קינדער בילדען,
זיי זאָלען ווערען לייט.
מיין גביר'עשאַפט,
מיין גאַנצע קראַפט,
דורך מיינע קינדער ווער איך אָן.
היינט איז פאר מיר

פּערשפּאַרט די טהיר,
איך האָב זיך ניט וואו אַהין צו טהאָן.

ב.

מיינע מעבעל האָט ווי גאָלד געלויכטעט,
מיינע בעטגעוואנט איז געווען ווי זילבער פיין,
די פּאָקאיעס געמאָלט מיט שעהנע פרוכטען,
איך האָב געמיינט עס וועט אויביג אַזוי זיין;
און היינט שלאָף איך מיט דוחק,
ביים זוהן אין די קאַלטע קיך,
טשאדנע איז דאָרט און רויכיג,
אַז דער הוסט דערשטיקט שוין מיך,
אין זאַל וואו עס שטעהן די שטולען,
לאָזט די דיענסט מיך ניט אַריין,
— „ער וועט איינריכטען די דילען,
אָט דער אַלטער שוויין!"
איך שטעה ביים קיך,
און וואַרעם מיך,
קומט אַריין די שנור און מאַכט מיר דול.
זי שרייט שוין באַלד,
מיט קולות — „גוואלד,
אין אַלע טעפּ איז שוין דער אַלטער פּול."

ג.

פאר קינדער האָב איך מיין האַלז געשניטען,
געוואָרען גראה און אויסגעדאַרט;
ברידער! גאָט זאָל אייך בעהיטען,
אַזוי אַן עלטער ווי איך האָב זיך דערוואַרט;
איידער איך האָב ערצויגען,
מיין קינד מיין בכור אַליין,

האָב איך צופוילט די אויגען,
פון טרעהרען, פון געוויין.
רובעלס איז געשוואומען,
און קרעפטען ווערט מען אָן,
איידער זיי בעקומען,
אין מויל דעם ערשטען צאָהן;
די פּאַקעלער,
די מאָזעלער,
דער טאַטע שטעלט זיין לעבען איין אין קאָן,
היינט טרייבט מען מיך
אַרויס פון קיך,
איך האָב זיך ניט וואו אהין צו טהאָן.

ד.

מיין זוהן, אַז איך גיב אַוועק אין חדר,
מיט פערגעניגען בין איך געווען זאַט.
מיין טאָכטער אז זי פלעגט אָנטהאָן נייע קליידער,
וואָס פאַר אַ נחת דער טאַטע האָט געהאַט;
פלעגט זיי וועה טהאָן אַן אבר,
טהוט מיר נאָך מעהרער וועה,
געוואונשען זיך דעם קבר,
נאָר אַן אויסבייטונג פאַר זיי,
געלאָפען צו דאָקטוירים,
ווי אַ פער׳סם׳טער פיש,
אין בית עולם אויף די קברים,
דערוועקען דאָרט אַ זכות.
— זוהנינקע!
— טאָכטינקע!
ווי קענט איהר זיין צו מיר אַזוי פיעל פרעמד? —

זעהט! פערשטעהט!
ווי דער טאטע געהט,
אהן א פיצעל שוך און אהן א העמד.

ה.

מיין פריהלינג האב איך פערבראכט וואס פרייער,
אין מיין זומער האט מיר אויך די זון געשיינט;
אין מיין הערבסט ברענג איך אריין אין שייער,
אך, ווי שלעכט מיין ווינטער געהט מיר היינט!
מיינע טייכען איז פערפרארען,
דאס בלוט אין די אברים שטעהט;
דאס פעלד פון מיינע יאהרען,
איז גראה און וויס פערשנעעט;
די בלעטער פון מיין עלטער,
איז געל פון ליסטאפאד; 1)
מיין קינד איז מיר וואס קעלטער,
א פראסט פון צוואנציג גראד,
איהר יונגער דור!
בערעכענט נאר,
איהר וועט אויך אמאל ווערען אלט,
דער פראסט ער ברענט,
איהר וועט הייכען די הענט,
און אייערע קינדער וועלען אויך זיין קאלט.

ו.

מיין זוהן שיקט מיך צו די טאכטער,
נאר ביים איידעם בין איך אויך ניט קונה שם,
דעם גאנצען טאג זידט ער און קאכט ער,
אך, ווי איבעריג בין איך עם! 2)
די יונגען אויך מיר האלטען,

ווי דער אײדעם האַלט דעם שווער, —
מען וואַרפט זיך מיט דעם אַלטען,
דער אַהין און דער אַהער.
פערטריקענט איז מיין גומען,
פער'חלש'ט ביז זייגער צוויי,
שווער איז צו בעקומען,
פון יונג אַ גלעזעל טיי.
איך בעט, גאָט, דיך,
ערבארעם זיך,
נעהם שוין מיין נשמה צו דיר אַריין;
שיק דיין טויט,
צו מיר אין נויט,
איך זאָל ניט בעדאַרפען ביי די קינדער זיין.

1861

# די פערמאסקירטע וועלט

## א.

דער שטאַט, די מאָדע, דער פיהרונג דער ברייטער,
דאָס האַקט אונז, דאָס קירצט אונזער פרייע וועלט.
מען קריכט, מען קלעטערט מיט כוחות אויפ'ן לייטער,
מען פיינט־זיך, מען פוצט זיך ווי אין מאַסקאַראַדען
פערשטעלט.
די מאָדע איז דער רוצח,
זי בריינגט אונז אום נאמנות,

זי איז דער מזבח,
מיר זיינען די קרבנות.
די וועלט פליהט ווי רויך,
פון כבוד בלייבט קיין דוך,
אַז דער האָהן זיצט ווי הויך,
בלייבט ער אַ פּעטוך...
אַז וואויל איז געווען
פּערצייטען צו זעהן
ניט געפּוצט, ניט געבאָרגט,
אויסגעפיהרט די וועלט
מיט כבוד, מיט געלט,
און קינדער אויף אויביג פערזאָרגט.

ב.

איהר אויגען, איהר פערפיהרער, מיט אייך האָבען מיר
אַ טענה:
איהר פערלאַנגט אַלץ, איהר ווילט אַלץ, איהר פיהרט
פון נאמנות אַראָפּ,
די שפּיגלען, די מעבעל, די דירות די פיינע —
דאָס קנייטשט אונז, דאָס בויגט אונז צו די בעלי חובות
דעם קאָפּ.
דער וואַנט איז לעדיגע ציגעל,
אַ שפּיגעלע ווערט שוין באַלד,
ווארום ער דאַרף דאָך זעהן אין שפּיגעל
ווי דער קאָפּ פון דאגה שפּאַלט;
עס פּאַסט דאָך וואַזאָנען
און א פענסטער מיט שטאָרעס ;(1
דער מלוה קומט באַלד מאָהנען,
אָט דאָ איז גאָר די צרות ;

ווייל ניט וואָס זיס,
ניט די האָניג, ניט דעם ביס,
ניט דעם צער, ניט די טובות:
איבער הונדערט יאָהר.
וועט דער קאָפּ זיין קלאָר,
זיינע יורשים וועלען ניט צאָהלען קיין חובות.

## ג.

ווי ווייס מען, ווי דערקענט מען פון רייכען ביז דעם
גמיינעם,
אז א זייגערל מיט א קייטעל טראגען ביידע גלייך,
טרינקענדיג די סעלצער וואסער לויפט מען אויך אין
איינעם,
היינט ווי ווייס מען, ווי דערקענט מען פון אָרים ביז רייך.
ווי דער מאַי גיט אַ פּאַטש,
רודערט דאָס ווי רעדער,
אַ ליאַדע דאָרט אַ סמארקאטש
פאָהרט שוין אין די בעדער.
זי הויבט זיך אָן דאָקטירען
מיט מאַנגעל און מיט נויט,
איהר פעהלער קען מען קורירען
מיט אַ לעבעל ברויט,
און דינגט צום פּאָהיבעל[2]
אין פאָרשטאָדט אַ שטיבעל,
היינט קען זי שוין די צורה פערקרימען,
און איהר קרעמערקע האָט אויך אַ פעהלער,
אַז זי טרויט ניט אויף אַ העלער,
וואו מען ברענגט איהר ניט פריהער אַ סימן.

ד.

יענער שפּיעלט אַ ראָלע ווי דער גרעסטער קצין,
אַ קראַם מיט אַ פענסטער מיט דריי זנאַקעס אַרויס,
און מלוה'ס, ווי די ווערעמלעך, קריכען און טאַטשעו,
און ער לויפט עס, ער פליהט עס אין אויסלאַנד אומעטום.
אין שטוב לעבט מען בשלוה,
מען פיהרט זיך גרויס די הוצאה,
ווארום מען פיינט זיך פאַר'ן מלוה
צו קריגען נאָך אַ הלואה.
כ'לעבען, האַלט אַ קרעמעל
מיט גרויפען אָנגעשטעלט,
ניט פאָהר קיין מעמעל,(3
און ניט עס קיין פרעמדע געלט;
זיין מיהע ווערט פערשווענדט
אויף הוילע פראָצענט,
דער קרן איז לאַנג שוין יאכלוהו,
עס שטעהט שוין אויפ'ן קרן
צוויי פייען ווי די בערען(4
אַט געהסטו אויף אַן עולם התוהו.

ה.

דאָרט געהען שפּאַצירען אַ העררי מיט אַ דאַמע
געפוצט, געאַרעמט, איך לויף פון לאַווע אַראָפּ,
איך פרעג דאָס, איך דערגעה דאָס, זאָגט מען מיר מן הסתמא,
אַז זי איז אַ נאָהנטע קרובה אין קיך מיט דעם טשיגונענעם טאָפּ.
איך לויף אונטערהערען קלאָר,
וואָס עס איז דאָרט פאַר אַ נייסען,

האָב איך געטראָפֿען אַ ראזגאָװאָר
װעגען אַ מאָרגענדיגען איבערבײסען:
„איך װײס ניט װאָס מען טהוט,
„צי פֿערזעצען װאָס איז פֿאַראַן,
„צי איז גלײכער דער װײסער הוט,
„צי דעם רױטען סאראפאן.“
איך האָב געװײנט און געלאַכט
און בײ זיך געטראַכט:
טאָ װאָס טױג דיר דער אָנשטעל פֿון ר ו י ף?
איך האָב זיך געגרײט,
די אביונים בעלײט
אַהײם אין אַ בלאָטיגען הױף.

ו.

װער געהט ניט, װער װײס ניט, פֿון קײטען, פֿון בראנזעלעטען,
אַ געמײנע אַזױנע, װאָס האָט קײן קלײד אױפ'ן לײב;
פֿון פֿריצטעס, פֿון גביר'טעס, ברײנגט די אױג שטאָפּעטען
און גרױסט זיך און בלאָזט זיך װי דער אינדיק קעגען דער װײב.

די װײב פֿון אַ מלמד,
װאָס פֿערמאָגט קײן גראָשען,
געהט אין באָטשיקעס פֿון סאַמעט
מיט גומענע קאלאָשען;
אין זיעבען טוך אַ קלײד,
אַן אײל שלעפּט זיך אױף דער ערד;
אַז קומט אױס אין אַ לײד —
װאָס האָט עס פֿאַר אַ װערטה?
אַ פֿאַסטערקע, אַ הוט,
עס קאָסט עס אָפּ בלוט,

ווערען בדילי הדל;
די נייע וויזיטקע
ווערט איהר שוין ברידקע,(3
ווארום זי היט פון פאַריז דעם זשורנאַל.

ז.

אַ געמיינער האָט אַ מיידעל, וואָס זי שטעהט אין שידוכים,
מען גרייט רק, מען נעהט רק, אַ גארדעראָבע פאר איהר,
מען פערבעט איהר צום חתן, מען זעהט בגדי מלכים,
נאָר אַ מנין טענדלערקעס שטעהט אונטער'ן טהיר.
קינדער קענען אפילו
ביי קעסט ווערען לייט,
נאָר איבער די חובות די שטילע
זיינען זיי פון תכלית ווייט.
זיי אַ בעל־הבית'טע,
ווי דיין באָבע איז מה טוב;
צו דער חופה אַ קלייד אַ פראָסטע,
אַבי ניט קיין בעל חוב.
אַז ביים פונדאמענט
וואקסט שוין פראָצענט,
טאָ וואו איז נאָך דער גאַנצער געצעלט?!
וואָס טויג אייך די פיהרונג,
וואָס טויג פערמאַסקירונג —
גוואַלד, וואָס איז היינט פאר א וועלט!!!

ח.

אַ פּאָר פאָלק אַ געמיינע, וואָס האָבען קיין חיונה,
און מען דאַרף שוין, מען האַלט שוין אַ דינסט מיט אַן אַם;
ווי שוטים, ווי נאַראָנים, זיי פערשטעהען ניט די בחינה,
אַז דאָס בינדט מען זיך, דאָס שפּאַנט מען זיך ווי דער
פערד אין צאַם.

אַ קרעמערקע איז זי דאָך,
איז דען מיט איהר אַ שפּאַס?
אויף פינף גילדען אַ וואָך
און קעהרט דערצו די גאַס,
און וואָלט זיך וועלען פיהרען
מיט א לאקיי, מיט א בעדיענטען,
און אַז זי געהט שפּאַצירען,
געהט נאָך די אַם פון הינטען;
איהר קליידעלע דערצו
האָט קיין מאָל ניט קיין רוה,
אין מיטען וואָך טראָגט די בעל־הבית׳טע;
ווי עס דערלעבט שבת קוים,
טראָגט דאָס די אַם
אָדער די דיענסט־מויד די פּראָסטע.

ט.

זעהט יענעם, ער סטרויעט אַ מויער מיט המצאות,
ער האָט ניט, ער פערמאָגט ניט, וויפיעל אַ נאָגעל איז
גרויס,
פון פונדאמענט ביז די טהירען איז נאָר דורכאוים הלואות
און פערכאַפּט נאָך ביי שכנים אויף דריי יאָהר פאָראויס.
די פּראָצענט איז אָבער פלאַטשיג,
עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג,
ניט ער א פאדראטשיק
דעם מויער איז זאַלאָג;
יענער פיהרט ניט אוים,
נעהמט מען צו דעם בטחון,
ער געהט מיט ביוש אַרויס
און ווערט אליין א שכן;

די שכנים שרייען — „אַי!“
מען מוז צאָהלען אויף דאָס נײַ,
פערפאַלען די פריהערדיגע געלט,
און דאָ סטייען ניט פענעס4)
פאַר מלוה'שע פּראַשעניעס —
גוואַלד, וואָס איז היינט פאַר אַ וועלט ! ! ! !

י.

אַ קאַפּעלוש אויף נײַ־געלט לייהט ער אויף אַלע ימים־
טובים,
דאָס קאָסט איהם דאָבעלט פיעל ער איז אין גאַנצען ווערט,
די פּוצט זיך מיט ציערונג פון שכנים, פון קרובים,
מען וויים דאָך, מען דערקענט דאָך, אָן ווען די
ציערונג געהערט.
דערזעהן אַ נײַע צאַצקע,
דאַרף מען זיך כאָטש טויטען,
דאָס טאַנצט מען אַ קאָזאַצקע
איינער קעגען צווייטען;
פון זיין געלט, זיין פּרנסה,
איז ניטאָ קיין מזל ברכה;
אַז מען לעגט צו פיעל משא
פאַלט דער אָקס אין סאָבע.
אַזוי וואויל איז געווען
פערצייטען צו זעהן,
ניט געפּוצט, ניט געבאָרגט,
אויסגעפיהרט די וועלט
מיט כבוד, מיט געלט,
און קינדער אויף אויביג פערזאָרגט.

1865

# די געהיימנים פון ערב יום טוב

## א.

די דאגות, מכאובים,
פון די ימים טובים
איז היינט שטארק אין דער מאָדע;
נאָר פאר אזוינע,
פאר די געמיינע
איז דאָס א גאַנצע הכבדה.
ווי עס קומט דער קוריער
מיט פיער וואָכען פריהער
פאר פסח, פאר שלש רגלים,
לויפען און שמייען,
טומלען און שרייען,
מאַכען זיך ווי די טייוואָלים.

## ב.

דאָס איז אַ שפעקטאַקעל,
ווי זי מאַכט אַ סך הכל
און שיקט איהם אַרוים די התראה
פון פלייש, פון שמאַלץ,
פון צימעס, פון זאַלץ —
ווי קען מען דאָס זאָגען אַ הוצאה;
ביי היינטיגע יאָהרען

קען מען ניט שפּאָרען,
קנייפּ די באַק כאָטש עס איז אַ וועהטאָג,
בפרט איך דאַרף דאָך נאָך געהן,
זאָל ניט אויסגערעדט זיין,
וואָס דו דאַרפסט עס אויך זעהר נויטיג.

ג.

עס גילט שוין די ראָליעס,
די ווייבערשע קללות,
פון מאַן דעם פּאַטש דעם גוטען;
מען זעהט די מחותנים
פּנים אל פּנים,
ער ווערט מיט איהר באַק א מחותן,
זי שרייט מיט טומעל
קולות אין הימעל,
עס זאָלען לויפען מענשען צום וואונדער,
אָבער מען זעהט ניט קיינעם,
ווייל אנטקעגען, די שכנים
שלאָגען זיך דאָרטען בעזונדער.

ד.

גאָר די פּראַצע
ביי באַקען די מצה
מיט'ן אָפּשיטען מעהל איז אַ גרויל,
ווי די קאַלעקאָטקעס פון המן
שרייען זיי ביי די קראָמען
און האַלטען קייקעלאך אין מויל,
דערנאָך טהוט זי אויס דעם יאַק
און טהוט אָן אן אַלטען לייפּסערדאק
און געהט אויסווייגען אין שטיבעל א צעטעל,

דערנאָך פּוצט זי זיך אויס, ווי אַ בלאַט,
און געהט אַריין אין פּאָדריאַד,
ווי אַ קרעטשמערקע פון אַ קליין שטעדטעל.

ה.

לעבען די יאטקעס
פליהען די שאַטקעס,
אין דער הויך אַ ציפּיק, א סטיינגע;
שרייט ווי אַ קראָע
מיט די ליפּען די בלאָהע,
און קללות דערביי אַ מענגע;
אַז זי גיט איהר ניט פּיעל,
וויפּיעל זי וויל,
פערקרימט זי די שעהנע צורה;
און אַז זי רעדט נאָך אַ וואָרט
איז גלייך אויף אַן אָרט
מאַכט זי איהר דאָרטען א קבורה.

ו.

די קצב׳טע אין יאטקע
איז אַ פּאַניע מאַטקע,
זי בריהט זיי ווי מיט זודיגע וואַסער,
זי שמארכעט זיי מיט די פלייש
די צורות אויס,
אַזוי ווי מיט גוטע מאקאשער;
אין פיש־מארק דער געשריי
איז אויך אזוי.
די ווערט אָן אין בלאָטע אַ שלורע
און דאָ שרייט איינער — „אַוועק!“

און האַלט אַ העכט פאַר'ן עק
און פלאַסקעט אַ ווייבעל די צורה.

ז.

אויף די געמיינע,
די בעל הבית'טעס די קליינע,
ווער קוקט עס ערב יום טוב אין יאטקע ?
שטעהט ווי אַ שמייגער
צוויי שעה אויפ'ן זייגער,
אַז עס ווערט איהר שוין מיאוס און האדקע,[1]
מען לאָזט איהר ניט קלייבען
און פון טיש טרייבען[2]
זלזולים מוז זי נאָך הערען,
מען וואַרפט צו דעם פונט,
ווי פאר אַ הונט,
נאָר פון איהר פטור צו ווערען.

ח.

זי קומט קוים שוין
אַ לעבעדיגע אַהיים,
מאַכט זי אַ פרעהליכע מינע ;
זי ווייזט איהם דאָרט,
אַז זי האָט אָבגעשפּאָרט
פון פלייש אויף אַ קרינאָלינע.
ער נעהמט קאַלופּען דעם חלק,
געפינט אַ ביין מיט אַ ביילּיק,
ווערט דאַן אַ וועלט מיט צרות,
מען לויפט אָן אויפ'ן סיפּור,[3]
מען מיינט, אַז עס איז ערב יום כיפּור,
אַז מען שלאָגט שוין בעצייטען כפּרות.

### ט.

וואָס האָט אַ געמיינע פאר א דעה
אין פיש מארק ביי'ן באלייע ?
זעהען אוים ווי די זשאַבעס אין די בלאָטקעס.
צו העכט און צו לעשטשען
קען זי זיך ניט פאַמעשטשען,—4)
פאַר איהר איז נאָר א סחורה פלאָטקעס,
זיינען ווייך ווי פוך,
עס הערט זיך אַ גרוך,
ביינערדיג און שוואַרץ ווי קוילען —
האָבען זיי צו צופען
ד ביינדלעך, די שופען,
און ציהען די גייצען אויף קנוילען.

### י.

וואו עס וואוינען אין איינעם
זעקס פאָר שכנים
און קינדערלאך אזוי ווי אין מצרים,
און באַקען עס אַלע
אין איין אויווען חלה,
פון אנטקעגען אויך בינתים ;
די גיסט נאָך ערסט הייווען,
די טראָגט שוין צום אויווען,
דאָ שרייען דריי קינדער מיט אַמאָל ;
די שמיערט, די קוועטשט,
די טראָגט, די זעצט,
און די קולות ווי אין באָד אויפ'ן פאָל.

### יא.

מאַכט נאָר אַלע

סימנים אויף די חלה,
מען זאָל ניט פערבייטען ווי פאַראַכטאָגען;
די לעגט שאָלאַכץ פון איי,
די שטעקט אָן שטרוי,
מען לעגט אָן ווי האָלץ אין אַ וואָגען;
מיט אמאָל האָט מען דערקענט,
אַז די זאַסלינקע ברענט,
האָט מען מיט וואַסער קוים איינגעלאָשען;
אז ער איז שוין געוואָרען שטיל,
איז איבער־ניים אַ שפּיעל,
מען האָט די פרורעמניצע׳ס חלה פערגאָסען.

יב.

מען נעהמט די חלה אַרויס,
ווערט דער ליאַרם גרויס,
און איינע דאָרט ווישט שוין די אויגען:
איך וואָלט די דירה ניט קענען,
וואָלט די חלה ניט ברענען,
עס וואָלט ניט זיין די קעפּעל פערבויגען;
די שרייט: אוי!
די חלה איז רויה,
די פלעכטעל איז ווייך ווי פּוטער;
די ברעכט די הענט,
די חלה איז פערברענט,
ווי, ניט דאָ געדאַכט, אַ ניטגוטער.

יג.

עס האָט געקויפט אַ בריאה
קישקעס פאר א מציאה,
און איז זיך געקומען אַהיים בתמימות,

זי האָט אָבער פערגעסען אויסצומאַכען
די אינעווענינגסטע זאכען,
אוּן האָט עס אַזוי אַריינגעלעגט אין צימעס;
ווי דער מאַן האָט זיך צוגעשטעקט,
האָט ער דעם ריח דערשמעקט.
שרייט ער: גוואַלד, עס איז ניט פריש!
זי ענטפערט איהם: נאַר,
שרעק זיך ניט דערפאַר,
דאָס הערט זיך די פעפער געווירץ.

יד.

ערב יום טוב פארנאכט,
האָט מען איהר אַ קלייד אָפּגעבראַכט
אַ בעל מלאכה פון די אייביגע קליידער;
פון הינטען מיט הארבעס,
פון פאָרענט מיט טאָרבעס,
עס קליידט איהר ווי דער קיטעל צום סדר.
היינט געהען זיי קלייבען
ערב יום טוב הויבען,
געפינען זיי שוין אַלטע שמאַטעס;
די באַנד איז אַלט,
די בלומען צופאַלט,
אָט בענייען זיי דעם קאָפּ מיט לאַטעס.

טו.

אז עס טראגט ניט דאָס גליק
אויף אַ נייעם פאַבריק,
עס איז שוין לעדיג און לויז די בייטעל;
נעהמט מען דעם אַלטען, דעם געלען,

מיט שמאַלץ אָפּמעלען,
און פערקאַלכען מיט קרייט דעם שייטעל.
דאָ פעהלט נאָך שיך,
לויפט מען אויף גיך
בענייען דעם הייליגען רגל;
איין מאָל איבער'ן שטוב
קריכט אַרוים די לוב,
דורך די לעכער בלישטשען די נעגעל.

טז.

לעבען די וועגעלאך עפעל
איז אַ קאָפּ איבער אַ קעפעל,
מען מעסט עס אויף אַלערליי מאָסען;
מען צוצוקערט די בערנעס
אַזוי ווי אין צוקערניעס,
מען כאַפּט עס אויף צוואַנציג אַ גראָשען.
לכבוד דעם הייליגען רגל
לויפט זי מיט האַסט פון וועגעל,
פאַלט אַריין אין קרעמעל מיט אַ יעלה,
כאַפּט זאַלץ אַ קווערטעל,
ליכט אַ פערטעל,
לויפט און קייט דערווייליע.

יז.

אַז מען דערלעבט די נחמות
פון הזכרות נשמות,
טראָגט זי אַלץ אַרוים אין פירהויז אויף גיך;
קומען גנבים,
צי קעץ, צי כלבים,
און מאַכען יום טוב פאר זיך.

אַזוי דרעהט עס די קאָפּ
ביז מען פּטר'ט עס אָפּ
און בלייבען אויף אסרו חג — הייל;
און דאָס ניט גע'פּטר'ט,
מען איז נאָך גוט פערמאַטערט,
קומט שוין אַן יוריע, צו מיכייל*)

1865

# דער אייזערנער שראַנק

1

צייט חכמה איז געוואָרען געמעהרט,
האָט מען אונז אַ נייס פאָרגעשטעלט,
אַן אייזערנער קאַסטען ערקלערט,1)
וואָס דאָרט זאָל זיין זיכער דאָס געלט;
מיט אייזערנע שלעסער
פערשלאָסען וואָס בעסער,
זיכער ווי אין קייזערליכען באַנק,
פערוואָרענט צוזאַמען
פון גנבים, פון פלאַמען —
דאָס רופט מען אַן אייזערנעם שראַנק.

2

געווים איז אַ שכל א וואוילער
פאר היינטיגע נייע קאַנטאָרען,
זיכער פון פייער, פון שטוילער,2)
זיכער אויף אייביגע יאָהרען;

איך בין אייך אַלץ מוחל,
נאָר ווען איז דאָס א שכל,
אַז עס ליגט נאָך דאָרט עטליכע פראַנק,
אָבער היינט איז אַ צרה,
עס איז גאָר א סברה —
אַ קאַנטאָר מיט א לעדיגען שראַנק!

3

מיין פּלאַן איז בעסער פון אַלעם,
איז דען זייער שומר אַ שלעכטער?
זייער אייגענס היט דאָך דער דלות —
וואָס דאַרף מען אַ בעסערען וועכטער?
נאָר דאָס קען מיר פערדריסען,
אַז איך זאָל ניט וויסען,
מיין טעות טהוט מיר נאָר באַנג,
איך וואָלט זיך געשוואָרען,
דאָרט ליעגען לואידאָרען(3,
לסוף איז אַ לעדיגער שראַנק.

4

דער שראַנק איז אַ ביישפּיעל אַ גוטער
קעגען די היינטיגע וועלט:
די געשעפטען געהט זייער און ביטער,
דער פּנים מיט א מאַסקע פערשטעלט.
פון היינטיגע פּרנסות
איז רק ווענינ הכנסות,
קרעדיט ווערט אַלץ שוואַכער און קראַנק;
מען פּוצט די בנינים,
די קליידער, דעם פּנים, —
און די קעשענע איז אַ לעדיגער שראַנק.

5

דאָרט קענט איהר זעהן ווי אין אַ שפּיעגעל,
איינער רופט זיך אַבוואָקאַטעל פון אַ הויף,
און ניטאָ שוין אַזוי פיעל ציעגעל,
פיעל ער איז אויף איהם אַ בעל חוב.
אַ בעל חוב אויף די מויערן
איבער די אויערן,
מען רופט איהם אַבוואָקאַטעל איבער דאַנק,
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר אַ שמייכעל —
אַט דאָס איז אַ לעדיגער שראַנק.

6

דאָרט שטעהט אַ פּאָדריאַטשיק ביים טאָרג,
אַ פּולאַרעס[4] האַלט ער אין די הענט;
נאָר ער האָט עס גענומען אויף באָרג
און צאָהלט דערפאַר גוטע פּראָצענט;
ער נעהמט אַטסטופּניע,
ווייל מען קען ניט די בריה,
דען ער זעהט אויס ווי באַנקיער דע־פּראַנק,
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר אַ שמייכעל —
אַט דאָס איז אַ לעדיגער שראַנק.

7

ווינטער אין פראָסט געהט איינער,
אַ פראַנט, אַ גאַלאַנט מיט'ן שטעקעל,
פון קעלט טרייסעלט איהם זיינע ביינער,
דען וואָס קען איהם וואַרעמען זיין רעקעל,

און זיין תירוץ איז א גוטער,
אַז ער ליעבט נישט קיין פוטער,
זאָגאַר מען זאָל איהם שענקען א געשאַנק.
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר א שמייכעל, —
אָט דאָס איז א לעדיגער שראַנק.

8

דאָרטען זיצט איינער ביי'ן גמרא,
אַז פייגלעך פערברענען זיך פון פלאַם,
אין א טלית מיט א זילבערנע עטרה
און תפילין פון רבינו תם,
און יתומים, אלמנות
רייסט ער אָהן רחמנות,
וועלכע יענע זיינען שוואַך און קראַנק.
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר א שמייכעל —
אָט דאָס איז אן אייזערנער שראַנק.

9

דאָרט פאָהרט א מגיד איבער שטעדטלעך,
זאָגט זיינע מוסר און תורה,
לסוף איז דאָס געליהענע פשט'לעך ;
ער נעהמט אויף קרעדיט זיינע סחורה,
איז א בור דאורייתא,
איך וויים קלאָר די מעשה,
אידישקייט איז אויך ביי איהם קראַנק.
עס געפעלט מיר דער שכל,

איך גיב מיר אַ שמייכעל, —
אַט דאָס איז א לעדיגער שראנק.

10

דאָרט זיצט א רבי געבויגען
און זינגט א פערגעטערטען ניגון,
פּלאסקעט און גלאָצט מיט די אויגען,
אַז מלאכים פּאַלען ווי פליעגען;
איך זעה נאָר זיין גבאי,
ווי ער זאָגט צו עולם הבא,
דערפאר טראָגט מען פּדיון מיט דאַנק.
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר אַ שמייכעל —
אַט דאָס איז אַן אייזערנע שראַנק.

11

דער קויפט די גרעסטע עליות,
מצוות קאָסט איהם א רעכטע מטבע,
איז קיין מאָל ניט שווער אויף יציאות,(5
וואו ער איז נאָר צו כבוד נוגע,
און אַ פּאָטער אַן אַלטען
וויל ער ניט אויסהאַלטען,
וואָס יענער איז עלענד און קראַנק.
עס געפעלט מיר דער שכל,
איך גיב מיר א שמייכעל, —
אַט דאָס איז אַ ליידיגער שראַנק.

1871

# די שטאָק שפּיעל*)

א.

ווער נאָר די שפּיעל בעטראַכט,
די שטולען מיט דעם שטאָק,
ווי איינער געהט זיך גאַנץ בעזאכט,
אַזוי איז שוין דער חק,
פּלוצלונג זיצט ער אויף אַ שטול,
זיין שטאָק בלייבט שוין שטעהן,
די שטולען ווערען מיט מענשען פול,
נאָר איינער בלייבט אַליין.

ב.

דער איינער נעבעך, וועלכער בלייבט,
די שאַנדע איז זעהר גרויס,
דער פון איהם קאַטאָוועס טרייבט,
דער צווייטער לאַכט איהם אויס.
ערקלעהרט מיר נאָר די זינד פון איהם,
זיין בלוט וואָס מען צאפּט,
וואָס האָט ער פאר א שולד אין דעם,
אַז מען האָט זיין אָרט פערכאפּט.

ג.

עס ווערט די שטוב מיט קולות פול,
צו זעהען איז דאָס געשמאַק.
ווי צוויי זעצען זיך אויף איין שטול

ווי צוויי קעץ אין איין זאַק,
קוק זיך איין פון זיי דעם סוף,
בעטראַכט אויף זיך אַליין.
וויביידע נעבעך בעצאָהלען שטראף,
און ביידע בלייבען שטעהן.

ד.

די זעלבע זאַך ביי אונז אויך טרעפט,
אַ רחמנות גלויבט נאָר מיך,
ווי צוויי פאַלען אָן אויף איין געשעפט,
יעדער ציהט צו זיך.
איינער וויל דעם צווייטען דריקען,
יענעם מאכען גוט,
ברידער הערט זיך אויף צו פליקען,
זעהט איהר בלייבט אָהן ברויט.

ה.

די שפּיעל פון שטאָק איז אַקוראַט,
ווי די מענשען אויף דער וועלט,
ווער עס קען כאַפּען, זיין א כוואַט, — — —
יענעם קומט דאָס געלט.
קען ער נאָר ניט לויפען שנעל,
וויל נאָר עהרליך געהן,
פערלויפט דער צווייטער אויף זיין שטעל,
ער, נעבעך, בלייבט שוין שטעהן.

ו.

די שטולען איז די טעג פון דער וועלט,
מיט דעם שטאָק געהט די צייט,
גליק און אומגליק, דלות און געלט, —

טאַנצען זיך ביי דער זייט;
היינט איז ד ע ר מיט פריידע פול,
דו, נעבעך, מיט געוויין,
מאָרגען זיצסטו אויף זיין שטול,
יענער בלייבט שוין שטעהן.

ז.

פון גרויסע פּאַלאַצען קומט מען אָפּ,
פון קעלערען שטייגט מען אויף;
דעם טרייבט די צייט פון שטול אַראָפּ,
דעם צווייטען זעצט זי אַרויף.
שטאָלציר ניט ביי דער גוטער צייט,
ביי דער שלעכטער שריי ניט „וועה!"
פון גליק צום אומגליק איז גאָר ניט ווייט,
נאָר מיט דעם שטול אַ דרעה.

ח.

נאָר פרעגט ביי גאָט קיין קשיות ניט,
פאַר וואָס האָט יענער צרות פיעל;
ער פיהרט זיין וועלטעל קלוג, געניט,
אַזוי געהט צו די שפּיעל:
איינער מוז שוין אויסען בלייבען,
אַזוי מוז עס געהן.
נאָר פון יענעם קאַטאָוועס טרייבען,
פוי, דאָס איז ניט שעהן!

ט.

נאַפּאָלעאָנ'ס נאָמען קלינגט ווי אַ גלאָק,
ביי אַלע קיסרים פול,
פיעל מאָל די צייט האָט געשריען „שטאָק!"
כאפּט ער רק זיין שטול,

פרייסען קומט פלוצלונג צוגעהן:
„שטאָק!“ שרייט זי אויס,
נאַפּאָלעאָן בלייבט אין ביוש שטעהן, —
די וועלט לאַכט איהם אויס.

י.

די נאַטור געהט אַרום די יאָהרען,
די וועקסלונג האלט זי אין האַנט,
דער זעלבער שטאָק, וואָס איז היינט אַ קאָרן,
איז מאָרגען אַ העלפאַנד.
איצט איז ער אַ מענש, דאָ ווערט ער ערד,
און דערפון אַ בוים אין פעלד.
פון די פרוכטען ווערט אַן אָקס, אַ פערד, — —
און ווידער אַ מענש א העלד.

1870

# דער פּאָטשטאָווער גלעקעל

(ערב ראש השנה לשנת תרל"ב)*

אויפ'ן גאַשטשינעץ, דער פּאָטשטאָווער גלעקעל קלינגט גאַנץ הויך,
בריעף פיהרט אונז דער פּאָטשטאַליאָן,[1]
די בריעף זיינען פערזיעגעלט און די סומקע אויך,
פרעהליך, לוסטיג פאָהרט ער אָן.
ווי מען צוטהיילט די בריעף כשורה,
הערט זיך שוין נייס אין שטאָדט,
דער בעקומט א גוטע בשורה,
דער צווייטער אן אונגליק האָט,
דער בעקומט אַ ידיעה,
ער האָט געוואונען אין לאָטעריי,
דער צווייטער רייסט שוין קריעה,
גוואלדען און געשריי.
דער נייער יאָהר איז אויך אַקוראַט,
פרעהליך פאָהרט ער אָן מיט זיין פערד און שפּאַן,
נאָר די סומקע איז מיט אַ פּעטשאַט,[2]
גאָט ווייס וואָס איז דאָרטען נייס פאַראַן.

2

איהר יאָהרען! קענט איהר מיר ניט זאָגען דעם אָרט,
פון וואַנען פליסט אייער שטריינגער טייך?

און וואוהין געהט איהר אַלע אוועק אַט דאָרט ?
אַ שרעק נעהמט אָן צו בעטראַכטען איך !
די צייט ווערט אַלט מיט יאָהרען,
און די אייביגקייט איז רק יונג,
אַקאָרשט איז דער יאָהר אַוועקגעפאָהרען,
דער צווייטער גיט שוין אַ שפּרונג.
צי אַ גוטען טאָג, צי אַ שלעכטען,
צי עס טונקעלט מיר, צי עס שיינט,
אַבי דער טאָג ווערט א נעכטען
און דער מאָרגען ווערט אַ היינט.
די זייגערס רק,
זיי קלאַפּען טאַק,
דאָס גיט מען אונז א וואונק, אַז דער לעבען פליהט,
דער פּאָטשטאַליאָן
זאָגט אונז אָן :
ברידער ! די צייט איז קורץ, פערטראַכט זיך ניט !

3

איהר יאָהרען ! ווי שטריינג איהר שטראָמט, ווי שטאַרק איהר פליעסט !
איהר שלעפּט נאָך מיט זיך וואָס איהר טרעפט אָן,
און גאַנצע דורות איהר פערפלייצט, פערגיעסט,
און פאַלט מיט זיי אריין אין תהום,
איהר פערפלייצט אַזעלכע דורות
וואָס קינסטליך געווען געמעלט,
און אויף זייער בית הקברות
פערבויט איהר אַ נייע וועלט.
נייע מענשען פרייע,
חכמים און גרויסע לייט,

באַלד ווערען אייך אַלט די נייע,
מאַכט איהר מיט זיי אויך אַ בייט!
מיר שלאָגען פּאַליעס
אין אייערע כוואַליעס,
און איהר רייסט זיי אויס און טראָגט זיי אַוועק.
דעם אַלטען דור
פערפלייצט איהר גאַר —
נוואלד, דער נייער דור שטעהט אויך אין שרעק!

4

וואו זיינען די מענשען פון אַ דור צוריק?
וואו איז זייער שטאָלץ און הערליכקייט?
וואו איז זייער קלוגער אויגענבליק?
פערפלייצט, פערשטראַמט האָט אלץ די צייט.
דער האָט אַ קרוין געוואונען,
דער האָט פערוויסט פיעל שטעדט,
דער האָט אינזלען געפונען,
דער אַ קינסטלער, דער אַ פּאָעט;
דער בעטראַכט די גרויס פון די זון,
דער האָט די גאָטהייט דערקאָנט —
וואָס האָבען זיי יעצט דערפון,
אז עס ווערט זייער נאָמען דערמאָנט?
און ווער קען דערמאָנען
די העלדען מיליאָנען,
וואָס די צייט פערשיט שוין לאַנג אויפ'ן קבר דעם שטיין;
דער נאָמען מיט די ספרים
איז מיט זיי אין די קברים,
און מיט אונז וועט זי זיך אויך בעסער ניט בעגעהן.

5

ווי פיעל מאָל האָט שוין די ערד געביטען איהר הויט,
פערטרונקען, צו פערשאָטען א גאנצע וועלט,
און פון אויבען א צווייטען מאָל א וועלט פערבויט,
און די פערגאַנגענהייט פון אונז פערשטעלט.
זעהט מען דען היינט די חיות,
אַזעלכע ווי אין דער ערד מיר זעהען, —
דאָס דיענט אונז נאָר פאר ראיות,
עס איז אַן אַנדער וועלט געווען.
ווי גרויס איז זייערע ביינער,
אַ פויגעל גרויס ווי אַ פערד,
געפּאַרמירט אין שוואַרצע שטיינער,
מיילען טיעף אין דער ערד.
פון די סעקונדען,
ווערען שטונדען,
טעג און יאָהרען און דורות האָט גיך געפעהלט,
די ערד דערהיצט,
און פייער שפריצט,
— אַראָפּ! — און בויט פון אויבען אַ נייע וועלט.

6

דו נייער גאסט! דו תיו ריש למד בית! (3)
ווייז מיר די סומקע, וואָס דו פיהרסט מיט,
אויב גוטס, טאָ מאַך זשע גיכער די סומקע (4) לויז;
אויב שלעכטס, איז גלייכער עפען ניט;
דען דער תיו ריש למד אלף,
לויטער צרות זאַט,
געקוילטע מיט זיין חלף
פיעל קינדער איך האָב געהאַט.
איך ענטלויף, שוין עטוואָס פרייער,

איך ווער שוין אין מינסק אַ גר,
און ער מיט זיין קויל און פייער
דער יאגט מיר נאָך ביז אַהער.
דו נייער יאָהר,
דיר בעט איך נאָר,
זיי כאָטש דו ניט שלעכט אַזוי ווי ער,
אין דיין פליגעל שויץ
ברענג וואָס גוטס,
טרייסט, און זאָג מיר שוין: „ווישׁ אָפּ דיין טרער!“

1870

# דער איזבאָרשטשיק*)

בן אדם הנבא על רעי ישראל וגו' הוי רעי ישראל אשר היו רעים אותם הלא הצאן ירעו הרעים: את החלב תאכלו ואת הצמר תלבשו הבריאה תזבחו הצאן לא תרעו: את הנחלות לא חזקתם ואת החולה לא רפאתם ולנשברת לא הבשתם ואת הנדחת לא השבתם ואת האבדת לא בקשתם ובחזקה רדיתם אתם ובפרך: וגו'. כה אמר ד' ה' הנני אל הרעים ודרשתי את צאני מידם והשבתים מרעות צאן ולא ירעו עוד הרעים אותם והצלתי צאני מפיהם ולא תהיין להם לאכלה. (יחזקאל ל"ד).

(אין קהל שטיבעל ביי א כנופיא פון דעם איזבארשטשיק מיט די גאנצע כאפטע שטאדט בעלי טובות.)

**1**

דער איזבארשטשיק.

וואו קענען מיר קריגען היינט
אַ גוטען פריינד,
מיר זאָלען קענען אונזער האַרץ אויסקלאָגען,
אַז אַלע מיט איין הסכמה
זעהען אויף אונז נקמה.
עס איז אָבער ביטער, מיר מוזען שוין זאָגען,
אַז צייט עס איז געוואָרען
דער סיסטעם פון די נייע סאָלדאטען

און עס מישען זיך שוין ניט צו נאַבאָרען
מיר איזבאָרשטשיקעס און דעפּוטאַטען,
איז פון אונזער כנופיא כסדר,
פון דעם גאַנצען קהל'שען חדר
איז געוואָרען הויל אַ פּוסטינע,
מען פרעגט שוין ניט קיין דעה
אויף נפשות און אויף מטבע,
עס איז אַראָפּ אונזער גאַנצע חיונה.

די גאַנצע כאַפּטע.

גוואלד די נייע גזירה
האָט אונז דעם שטאָלץ געשלאָגען,
מען לאַכט אונז אויס אין פנים,
אוממעגליך צו פערטראָגען.

2

דער איזבאָרשטשיק.

אַז מיר דערמאָנען זיך די יאָהרען,
די פערצייטיגע נאַבאָרען,
די פרעהליכקייט פון קהל-שטיבעל ווינטער,
פון די געשרייען מיט די טרעהרען
פלעגט זיך די שטיבעל שיער אומקעהרען,
און מיר זיינען נאָך געווען געזינטער.
דאָ טורקעט מיר אַ וויבעל בעזונדער:
„וואָס גזל'ט איהר ביי מיר מיין שפּייזער ?!“
און די שרייט: „מיין טאַטע פון קינדער,
מיר קומט אויס כאַטש געהן אין די הייזער!!“
און איך פלעג איהר זאָגען אַ סוד:
„מאַך דאָ נישט קיין באַר,

דיין מאַן איז ניט קיין סאָלדאַט, כ'לעבען!"
מיט'ן אויג דערוויל צום שרייבער אַ קעהר:
„דעם פּריגאָוואָר אַהער!"
און אויף מאָרגען איהם געפיהרט אָפּגעבען.

די כאַפּטע.

גוואלד, איהר יעקב'ס עופות!
איהר זייט דעם איזבאָרשטשיק'ס גליקען,
ער גיט אייך קיין מאָל פאר דעם קוילען קיין טרונק,
און ווי גרינג איהר לאָזט זיך פון איהם פליקען.

5

דער איזבאָרשטשיק.

פיעל האָבען מיר צושוועכט
אין די ווינטערדיגע נעכט,
אַז מיר פלעגען אין קהל־שטיבעל זיצען;
מיט געגזלאך פון די שענקען,
מיט אַ ווישניקעל פּערטרינקען,
אַז דער שטערן פלעגט פון חדוה שוויצען.
מיר פלעגען ביי נאַכט יונגע לייט הייסען וועקען,
וועלכע דאַרפען גאָר נישט זיין קיין יונים,
נאָר די שטעדטעל כדי צו דערשרעקען
מען זאָל אונז טראָגען די מזומנים.
ביז דעם לעצטען סראָק1) דעם ריינעם
פלעגען מיר נישט אָפּגעבען קיין איינעם,
נאָר זעהן רק דעם גראָשען צו מאכען,
לסוף פלעגט פּאָליציע נעהמען
און אָפּגעבען אַבי וועמען,
מיר פלעגען שטעהן פון וויטען און לאַכען.

די כאַפּטע.
גוואַלד, וואו זיינען די יאָהרען ?
פערשוואונדען ווי די וואָלקען,
בשעת פּאָליציע — פאַר די הערנער
און מיר האָבען געמאָלקען.

4

דער איזבאָרשטשיק.
שמחת תורה ביי דער נאַכט,
בשעת דער עולם איז פערטראַכט,
און דאָ פלעגט דער אוקאַז אָנקומען ;
געשיקט נאָך חברה באַלד,
מען איז שוין בעפאַלען מיט אַ גוואַלד,
מיר האָבען שוין אַ גאַנצע קאַזאַרמע אָנגענומען.
דער עולם פלעגט מיר אום יום טוב טראָגען
די נייאינקע הונדערטער פאַר מורא,
זיי פלעגען צו הקפות קלאָגען
און איך האָב נאָך געקויפט חתן תורה.
צו הקפות הויך געשפּרונגען,
אַ התקבצו אויך געזונגען,
איך האָב געוואוסט עס געהט אַ פרעהליכער ווינטער,
פריהער די געלט געצאַפּט,
דערנאָך דעם נפש אליין געכאַפּט,
איך בין דאָך אַ קהל'ס מאַן אַן אַלטער, אַ געדיענטער.

די כאַפּטע.
גוואַלד, מיר קענען קיינעם
דעם טעם ניט איבערגעבען,
אויף קהל'שען חשבון,
ווי גוט עס איז צו לעבען !

5

דער איזבארשטשיק.
די איסקלאַדען און נאַלאָגען
פלעגט מען צו אונז טראָגען,
מיר האָבען דעם איספּיסאָק געשריעבען,
פלעגען מיר אַ מעשר דערפון, כ'לעבען,
אין דומע אַוועקגעבען,
אונז איז נייך חלקים פערבליבען.
דעם איזבאָר פון רעקרוטאָווע
פלעגען מיר מאַכען די חלוקה אין איינעם,
דעם קורצען ספּיסאָק פון גלאָווע
פלעגען מיר נישט ווייזען קיינעם;
לייכטער, וועש און גרעט,
אויך קישעלאך פון בעט,
איז אין קהל שטיבעל פול געלעגען.
אפילו אָרימע אלמנות
פלעגען טראָגען אונז משכנות,
און קיינער פלעגט קיין חשבון פרעגען.

די כאפּטע.
גוואלד, איהר צאן קדשים!
איהר האָט דאָך אַ גרויסע מעלה,
אַז מען שערט אייך ווען מען וויל,
און מען מעלקט אייך אַלע ווײלע.

6

דער איזבארשטשיק.
אונזער א נכתב אין דער וועלט,
אַז ער פלעגט אונז צושיקען געלט
מיר זאָלען איהם שיקען אַ פּאַס וואָס גיכער,

פלעגען מיר דעם גראָשען פערשטיקען,
און קיין פּאַספּאָרט ניט שיקען,
וואָס יענער איז מיט דעם לעבען ניט זיכער.
אויף די בריעף וואָס ער פלעגט אונז שרייבען,
פלעגען מיר איהם קיין מאָל קיין תשובה זאָגען,
ביז מען פלעגט איהם פּאָ עטאַפּאָם טרייבען,
און פלעגט אויסמעסטען אלע אָסטראָגען.
דער פאָטער גיסט מיט טרערען,
די ווייב וויל ניט אויפהערען,
מיר הערען זיי ווי אין „פּוחאָוויץ די מגילה"‏;
די געלט פלעגען מיר פערטייען,
און אַז זיי פלעגען גאַנץ שטאַרק שרייען
פלעגען מיר זיי הייסען איך בעט אייך מחילה...

די כאַפּטע.

גוואלד, דו אומה אידען!
דו קליאַטשקע פון פערצייטען!
פאר אַ צאמעלע פון א פאָדים
קען דאָך יעדערער אויף דיר רייטען.

7

דער איזבאָרשטשיק.

אַז מיר דערמאָנען זיך דעם גליק
מיט דרייסיג יאָהר צוריק,
בשעת די פּאַימענעס פלעגען עקסיסטירען,
אַז ווען מען כאַפּט אין גאַס,
אבי נאָר אָהן אַ פּאַס,
פלעגען מיר איהם צום פריאם גלייך פיהרען.
מיר זיינען געפּאָהרען און געלויערט אויף די טראַקטען
מיט קלאַטשוואָיטען, מיט אַן אַסעסער,

געכאפּט און געוואָרפען אין די פּראקטען,(1
כאַטש מיט יאווקעס און כאַטש מיט פּעסער;
מיר פלעגען גאָר ניט הערען
די געשרייען מיט די טרערען,
ער מעג זיך זיין אן עילוי, אַ חתן,
געפיהרט איהם צום פּרייאם,
פערפאַלען ווי אין תהום,
און ביי אונז פלעגט בלייבען דער גראָשען.

די כאפּטע.
גוואַלד, מיר האָבען דאַמאָלס געשלאָפען!
דאָס בין איך זיך יעצט מתודה,
אַז מען האָט דאָך אונז געלאָזען ווי די וועלף
פריי אין דער גאַנצער סטאַדע.

8

דער איזבארשטשיק.
אַז איך ליעג איצט ביי דער נאַכט
אומעטיג פערטראַכט,
הויבט מיר אָן דער בעל חלום צו קריינקען;
ער שטעלט מיר אויף להכעיס פאָר
אַ פּארצייטיגען נאַבאָר,
ווי מען טראָגט אונז נאָך בלינצעס פון די שענקען,
און מיר מאַכען זיך אין קאמער א צעטעל,
וועמען מען זאָל מאָרגען שטעלען,
און משרתים דאכט זיך טראָגען געלט פון שטעדטעל,
עפּעס מיר זיצען ווי אין גן עדן און קוועלען,
און ביים טיש האָט זיך אַ ווייבעל געשטעלט
און צעהלט מיר א פּאַק מיט געלט —
זי וויל דאָס איהר מאַן אויסקויפען —

נאָר פון איהר געשריי און פון דעם טומעל
כאַפּ איך זיך אויף פון דרעמעל
און געפין — אַ ליידיגען, אַ פוסטען הויפען...

די כאַפּטע.
גוואַלד, דו נייע גזירה!
איך וואָלט קענען וואָלט איך דיר צורייסען,
אַז פארביי מיר לויפען די יונגע טרוסעס
און קען ניט כאַפּען בייסען!

9

די גאַנצע כאַפּטע איז איינעם.
רבונו של עולם, נאָר דו זאָלסט צורייסען
דעם סיסטעם מיט די נייע זאַקאָנען,
ווי קום איך צו פריזיווען ? וואָס דאַרף איך די נייסען ?
אז קיין זשערעבע[2]) וויל איך גאָר ניט קאָנען.
אָט קעהר אום די וועלט ווי פארצייטען,
נאַבאָרען זאָל זיין פון טויזענד צעהן,
כדי מיר זאָלען ווידער אויף דער קליאַטשע רייטען,
פרעהליך אין קעשענע ווי עס איז אַמאָל געווען.
אליקום ברחן זאָל זיך קלעמען,
וואָס זינגט אַ ליעדעלע פון אונזער קונץ, —
דערנאָך וועלען מיר ערשט נקמה נעמען
פון די וואָס לאַכען אויס פון אונז.

1874

# דאס ליעד פון אייזענבאהן

1

אַ גאנצע וועלט מיט אייזענבאַהנען איז אין
אונזער צייט געוואָרען,
וועלכע פיהרען פּאַסאַזשירען, אָרים און רייך,
לויפט זעהען דעם חידוש, נאָר האָט בזכרון,
אז דאָס איז אַ משל פּונקט קעגען אייך.
מיר זיצען דאָס אין די וואַגאָנען,
דער לאָקאָמאָטיוו איז די צייט, —
זי שלעפּט מיט זיך מענשען מיליאָנען,
און פליהט ווי די קוילען אין שטרייט.
יעטווידער רעלסע איז אַ סעקונדע,
יעטווידער סטאַציע — א יאָהר,
יעדער קאָסאַרקע איז גלייך ווי א שטונדע,
אַ פּאיעזד איז אין גאַנצען אַ דור.
און דעם בילעט וואָס ער האַלט אין טאַש,
דאָס איז זיין מזל, זיין רייזע פּלאַן,
ווי ווייט צו פּאָהרען און אין וואָסער קלאס,
בעשטימט פון גאָט, דירעקטאָר פון באַהן.

2

די קאָנדוקטאָרען בעקוקען די בילעטען
און צווזעצען די פּאַסאַזשירען, יעדערען אין זיין קלאַס,
ווענען אין ערשטע, מיט דיוואַנען געבעטע,

און וועמען אין דריטען, וואו ענג און וואו נאַס;
אונזערע קאָנדוקטאָרען זיינען די שלוחים,
פון דער השגחה געשיקט,
וועמען מען גיט גליק מיט רוחים,
און ווער עס זאָל זיצען געדריקט;
וועמען געזונד, עשירות און אלעס,
און קינדער ווי עפּעל אויפ'ן בוים,
און וועמען עלענד און קראַנקהייט און דלות,
און פערוואָגעלט נאָך זיין פון דער היים.
אויף די קאָנדוקטאָרען זעהט ניט רעדט.
די וועלט פיהרט זיך ניט אָהן אַ פּלאַן,
מען זעצט יעדערען נאָך זיין בילעט,
ווי עס איז בעשטימט פון גאָט, דירעקטאָר פון באַהן.

3

ביי די וואַקזאַלען, ווי מען קלינגט מיט דעם גלעקעל,
די קאָנדוקטאָרען שפּרינגען אַראָפּ,
עס לויפען פּאַסאַזשירען, יעדער מיט זיין פּעקעל,
פיעל קומען צו און פיעל קומען אָפּ.
אונזערע סטאַציעס זיינען די יאָהרען,
ראש השנה צייכענט מען אָן,
וועמעס בילעט איז ווייטער צו פאָהרען,
און ווער עס מוז געהן פון וואַגאָן;
אונזער קאַסיר איז בית דין של מעלה,
דער בילעט ווערט פערקויפט נאָך דעם דין,
ווער עס פאָהרט פיעל, און ווער אויף אַ ווײלע,
און דער פערזאמט גאָר די מאַשין,
אַז מען הייסט אראָפּ, טאָ דינג זיך נישט,
כאָטש ביסט נאָך ניט קיין אַלטער מאַן,

אָבער דיין בילעט איז אויס, דו וויינסט אומזיסט,
אַזוי איז בעשטימט פון גאָט — דירעקטאָר פון באַהן.

4

דער מאַשיניסט שטעהט אויף פּיקעטעו,
און קוקט אויף דעם צילינדער, פּיעל היץ און פּיעל זשאַר,
זיין איין פערזעהן קען פון וועג אָפּטרעטעו,
און וואַגאָנען מיט מענשען זיינען אין געפאַהר,
אונזער מאַשיניסט איז דער שכל, די געהירן,
ער איז אונזער פיהרער ביים לעבען,
נאָר דער שכל אליין קען צייטענווייז פערפיהרען.
האָט מען איהם אַ צילינדער געגעבען;
אָט האָסטו אַ צילינדער, אַ תורה פון אויבען.
וואו ענגליך — גיב איהר נאָר אַ פרעג,
אמונה מיט שכל, אי חקירה, אי גלויבען, — —
ועסטו געהן בשלום דיין וועג,
ווילסטו אָבער פיהרען מיט דיין דולען קאָפּ,
לאכסט פון צילינדער, פון גאַנצען פּלאַן,
זעה! אָט דו פאַלסט פון רעלסע אַראָפּ,
און ווערסט נאָך בעשטראָפט פון דירעקטאָר פון באַהן

5

אַז צוויי פּאַיעזדען זאָלען זיך ענטקעגען ניט ווסטרעטשען,(1
איז דאָס נאָר בעלאַנגען אָן טעלעגראַפּיסט,
חלילה, אַז ניט, קענען זיי זיך קאַלעטשען,(2
און וואַגאָנען מיט מענשען ווערען שוין צונישט.
אונזערע טעלעגראַפּיסטען זיינען די פּערדאַגאָגען,

די לעהרער פון אונזערע קינדער,
היט אייך, איהר לעהרער! דאָס קינד'ס מח ניט צושלאָגען,
מיט צוויי דעות קאָנטראַסטע בעזונדער;
דער אַלטער דור לויפט און פיהרט די אמונה,
דער נייער ענטקעגען שרייט: „שטעה!“
טאָ לאָזט זיי ניט, לעהרער, קאָנטראַסט אויף איין ליניע,
גוואלד, האָט רחמנות אויף זיי!
מיט איין שלעכט וואָרט פערדולט איהר זיין קאָפּ,
פערליערט אמונה, האָפנונג, און ווערט אַ טיראַן,
און שפּרינגט אַ צובראָכענער פון ליניע אַראָפּ,
קעגען דעם ווילען פון דירעקטאָר פון באַהן.

6

די שוטים די ווילדע, די פערשטאָפּטע מוחות,
שרייען ווי לויפט עס אַ וואָגען אָהן פערד? —
ווי קען לופט און פּארע האָבען די כוחות
צו שלעפּען וואַגאָנען מיט מענשען אויף דער ערד?
אונזערע שוטים קוקען אויך בלא ראיה,
גלויבען ניט און ווילען ניט פערשטעהן,
אַז די געטליכע קראַפט ליעגט אין יעדער בריאה,
און דאָס איז איהר פּאַרע אליין,
און שטיינער און בוימער און חיות און קוועלע,
און פייער און וואסער און ווינט,
און אין דעם מענשען א פערבאָרגענע זעעלע,
נאָר זעהען — דאָס זיינען מיר בלינד,
פרעמדע מענשען וועלכע אונבעקאנט,
ניט זיי איז צו זעהען פון מאַשין דעם פּלאַן,
אויסער דעם וואָס האָט פערשטאַנד
צו פערשטעהן די חכמה פון דירעקטאָר פון באַהן.

7

ווי גרויס איז דער טומעל ביי די וואקזאלען,
ווען איין פּאַיעזד געהט אָפּ, דער צווייטער קומט אָן,
צו זעהען פון דאָרט די מענשען וואָלט איך זיין א בעלן,
פערשווינדעט דער פּאַיעזד ווי דער לופט־באַלאָן.
די באַהן איז די צייט, אין וועלכער מיר לעבען,
און פּאַיעזדען לויפען אַ שרעק,
אַ דור נאָך אַ דור פליהען און שוועבען,
דער קומט אָן, דער געהט אַוועק;
איך וויל מיט מיין קינד כאָטש צוויי ווערטער רעדען,
אָבער פלוצלונג פייפט אוים דער סוויסטאָק.3)
מיר שרייען: „האַלט!“ אָבער מען לאַכט אונז אוים ביידען,
דו הערסט דאָך, דער טויט קלינגט, דער גלאָק, —
די מינוט איז טייער, ניטאָ קיין צייט,
זי ווערט געוואוויגען אויפ׳ן גראַן,
דער שוטה, דער פּאָטער, אומזיסט גאָר שרייט,
אַזוי איז בעשטימט פון גאָט — דירעקטאָר פון באַהן.

# די אייזענבאהן *)

בעטראַכט די נייע וועלט, דעם שכל און דעם זינען,
בעטראַכט דעם נייעם קונץ פון די אייזערנע מאַשינען.
עס קאָכט אין קעסעל וואסער, די פּאַרע ווערט פערשטיקט
דורך א שמאָלע רורע — ו׳ערט עס פעסט געדריקט.
עס דרעהען זיך די רעדער
גרינג, ווי א פעדער,

עס שווינדעלט פאַר די אויגען,
ווי אַ פייל פון בויגען.
עס לויפט גאַנץ געשווינד,
עס טראָגט ווי אַ ווינט
אָהן מאַטערניש און אָהן מיה,
און הונדערט טריט,
געוועהרט אַ מינוט,
קיין פערד דאַרף מען דערצו ניט.

ב.

גלייך ווי דער מאַשין קומט אָן צום וואַקזאַל,
עס פייפט, עס רוישט, עס טומעלט איבעראַל,
די קנעכט פון די האָטעלען מיט עקיפּאַזשען, מיט
קאַראַטען,—
לויפען מיט די פּאַסאַזשירען, ווי די פויגעל מיט איהר
שאָטען.
פון קאָוונא, פון פּרייסען,
הערט מען אַלע נייסען,
וואָס פּאַסירט זיך אין אַ שעה
וויס מען גלייך דאָ.
און אין וואַקזאַל
איז גרויס דער צופאַל,
זשאַנדאַרען מיט געוועהר אויפ'ן ציעל.
דער נאַראָד איז גרויס, —
אַריין און אַרויס —
עס קאָכט אַזוי ווי אין אַ מיהל.

ג.

זומער אין ווילנא, שבת נאָכ'ן שלאָף,

א שפּאַציר ביים ציגונקע — מענשען אָהן א סוף
בעקוקען דעם וואקזאל, דעם זייגער אין דער הויך,
בעטראַכטען די מאַשינען ווי פון קוימען געהט דער רויך.
און דער מאַשיניסט, דער קוריער,
וואָס ער לויפט אַפריהער,
ער שפּירט אויף יעדער פּאָרט,
צי איז אַלץ אויף אַן אָרט.
און אין מיטען דערין
קומט אָן די מאַשין.
עס הערט זיך פון וויטען זי לויפט;
עס געהען פּאַסאַזשירען
אַרויס דורך די טהירען —
זי האָט אַלעמען אָנגעפּייפט.

ד.

פאר קופּטשעס, פאר גילדעס, פאר קרעמער —
איז דאָס גוט,
די פרייזען פון אויסלאַנד וויים ער די מינוט.
סחורה, אָדער תבואה, האָט ער דאָ געקריגען,
וויים ער גלייך פון אויסלאַנד, אויב דאָרטען איז געשטיגען.
שטעהט דאָ צו פּערדיענען, —
לויפט ער מיט די מאַשינען;
ער קומט שוין גלייך אַהין,
און אין איין אויגענבליק
איז ער שוין צוריק,
האָט דאָרטען גאָר נישט פערבראכט —
אַ שפּרונג און אַ פליה,
און איז שוין ווידער הי,
ווי אין מארקויז אַ שנאַפּס געמאַכט.

ה.

ווען איינער פלעגט צו דאַרפען אין דער וועגענס פאָהרען
פלעגט ער אויסגעריסען ווערען אויף זיין בינטעל יאָהרען.
די בעלי־העגלות, די פורמאַנעם פלעגט ער מוזען חנפ׳ען,
צו אַ קרעטשמע, צו אַ סטאַציע — קויף זיי רק בראנפען.
דאָ איז א טאָל זעהר טיעף,
און דאָ איז באַרג אַרויף, —
דאָ פויעט[1] מען די פערד,
דערווייל האָט אַלץ געווערט,
אָבער די מאַשין
לאַכט אויס דערפון,
אַ באַרג, אַ קרעטשמע פערשפאַרט.
דער קויפט אַ בילעט,
און גלייך ווי ער זעהט
איז ער שוין אויף אַן אָרט.

ו.

ווי ער קויפט נאָר דעם בילעט איז ער שוין פרעהליך,
אין מאַשין זיצט ער אויפ׳ן זאָפע ריכטיג ווי אַ מלך,
ער מעג זיך זיין אָרעם און זיצט אין דריטען קלאַס,
מוז זיין דער ציגאַר אין מויל און ביים זייט דער רייזע־טאַש.
די וועלט ווערט איהם פריי,
עס לויפט איהם אַלץ פאַרביי,
וויאַרסטען און פעלדער,
בוימער און וועלדער.
דאָ הערט אַ פייף,
ווערט ער ביי זיך שטייף;
דאָס איז אויף אַ סטאַציע אַ ראיה,
און דאָ האלט ער אין טעשעל

בראנפען א פלעשעל
און איז די נשמה מחיה.

ז.

היינט חוץ די מאשינען בעטראכט די טעלעגראפען,
אין איינע פינף מינוט ווערט א בריף בעשאפען,
עס שטעהען הויכע קלעצער פון אויבען געהט א דראט;
אויף דעם רעדט מען געשעפטען, סעקרעטען אהן
א שטשאט.

א רעדעל זעהען מיר,
מיט א פאסיקעל פאפיר,
אין איין אויגענבליק
ענטפערט מען צוריק.
דער קלאפ, דער טראף
פון דעם טעלעגראף
איז ווערט גאר די געלט.
היינט קען מען פערשטעהן
די וואונדער, ווי שעהן,
די חכמה פון היינטיגע וועלט.

ח.

למשל משיח דארף דא קומען אויסלעזען אידען,
אזא א מהלך צופוס וואלט מען ניט געווען צופריעדען,
און קיין פערד וואלט ניט געסטאיעט,
און בעלי העגלות וואלטען שטאלצירען
יעדערענס געזינטעלע מיט הויז־ראט
אין ארץ ישראל צו פיהרען.
א טישעלע, א קאמאד
צו לאזען איז א שאד
אנ׳עמער, א טשעבערציק,

אַ פלעשעל, א מאקעטערציק, —
היינט פערשטעהט מיט אַ זין,
דעם נוץ פון מאַשין.
אָט נוצט עס פאר אידישען קהל,
אָט מאַכט מען אַ וועג,
אַז אין איינע דריי טעג
זיינען מיר שוין אין ארץ ישראל.

1870

# דער וועלט־טעאטער

1

אַ שעהנער טעאַטער, איז די וועלט,
די מענשען זענען אקטיאָרען,
און די קארטינעס, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט —
דאָס מאָהלט די צייט אונז אויס די יאָהרען.
אַמאָל שטעלט זי אונז פאָר א סצענע,
לוסטיג און ליכטיג אַ פראַכט;
אַמאָל איז גאָר אַנדערש ווי יענע:
טראַגעדיעס און פינסטער ווי נאַכט.
אַמאָל איז דער יאָהר אונז א גרינגער,
געזונד און פרנסה און זול;
אמאָל איז נאָר קראנקהייט און הונגער,
ווען געשעפטען האַלט אויך זעהר שמאָל.
דען די צייט איז דער דעקאָראַטאָר
פון אונזער וועלט טעאַטער,

אויף דער סצענע טרעט יעדערער אַרויס,
איינער שפּיעלט טראַגעדיעס, —
דעם גליקט און שפּיעלט קאָמעדיעס,
און אַלעמען גלייך טראַגעדיעס לאָזט זיך אויס.

2

אַ שעהנער טעאַטער איז די וועלט,
די מענשען זענען די אַקטיאָרען,
און דער שופלאָר, וועלכער זיצט פערשטעלט —
דאָס איז דער שיקזאַל, זיין גליקס־שטערן.
יענער שפּיעלט זיין ראָליע גרויסארטיג,
דאָס פּובליקום פּאַטשט בראַוואָ ביז גאָר,
אַ בוקעט איז שוין אויך פאַר איהם פאַרטיג,
ווייל דער גליק איז זיין סופלאָר.
עס געפעלט זיין קאָמיק, זיינע דרכים,
זיין נאָמען שיינט טעגליך אין פלאָר,
מען דערלאנגט איהם א בוקעט פון שבחים,
ווייל דער גליק איז זיין סופלאָר.
וואָס ער זינגט שעהן די סאָלאָ,
וואָס ער שפּיעלט גרויס די ראָליע,
דאָס לייענט דער סופלאָר איהם אַלץ אויף פריהער;
די קלוגע רייד די פיינע,
מיינט ניט דאָס איז זיינע,
דאָס לייענט פאַר דער גליק איהם פון פּאַפּיער.

3

און ווען איין מינוט דער סופלאָר שטעלט זיך אָפּ,
בלייבט שוין דער אַקטיאָר אין ביוש שטעהן;
דער פּובליקום פייפט איהם אויס, ער פאלט פון טראָפּ,
ער וויל דער אַקט זאָל פאַלען, אָבער דוקא — ניין!

אין אונזער טעאַטער דעם גרויסען,
די סבות זעהט מען איבעראַל,
אַז דער גליק, דער סופלאָר לאָזט איהם אויסען,
פאַרלירט פּלוצלונג זיין קאַפּיטאַל,
ווי עס לאַכען אויס קינדער פון די וויעגען,
מען באַפלעקט איהם זיין כבוד ווי קויט,
בעלי חובות בעפאַלען ווי פליעגען
און מען בעראַבעוועט איהם ביז די הויט.
ער וואָלט דאַן געוועזן אַ בעלן
זיין פאַרהאַנג זאָל גיכער פאַלען,
דער טויט זאָל שוין מאַכען זיין שפּיעל אויס,
פון מויל נעבעך שלאָגט איהם פיענע
און מוז שטעהן אויף דער סצענע
און מוז צוזעהען ווי דער פּובליק פייפט איהם אויס.

4

דער בעריהמטער שוישפּיעלער, דער פיינער אַקטיאָר,
קומט אין אַ קאָמעדיע אַלס דיענער פאָר,
און דער געמיינער, וואָס שפּיעלט זיין ראָליע שלאַף,
דער שיינט אויף דער ביהנע גאָר אַלס גראַף.
ביי אונז דאָס רוב זעהט מען דאָס גלייכען:
די ראָליע גראַף שפּיעלט נאָר אַ פערד,
דער קלוגער מוז דיענען ביי'ן רייכען,
אַזוי שפּיעלט די קאָמעדיע אויף דער ערד.
דער קלוגער, וואָס בעזיצט כל המעלות
דאַרף דיענען פאַר גאַנץ קליינע געלט
און האָט גאָר דערפון קיין התפעלות,
ער פערשטעהט די קאָמעדיע פון דער וועלט.
אַזוי פיהרט די השגחה,

דעם נאַר גיט זי הצלחה,
זאָנסט וואָלט ער פאר הונגער גיך אויסגעהן;
ווער עס קאן פון שכל לעבען
וויל זי דעם קיין געלט ניט געבען,
זיין שטעטעל — זאָגט זי — וועט ער זיך זעלבסט באַשטעהן.

5

אַ שעהנער טעאַטער איז די וועלט,
די מענשען זענען די אַקטיאָרען;
אויף פיער קארטינעס ווערט עס איינגעטהיילט
דעם מענשענס לעבען פון געבאָרען.
שוידערהאַפט איז זיין ערשטע קאַרטינע,
דער אַקטיאָר וויל פאַר קיין פאַל ניט געהן,
זי טרייבט איהם מיט גוואַלד אויף דער סצענע
און ער טרעט אויף איהר אַרויס מיט געוויין.
ווי ליעב איז די מוטער זיין ברומען,
זיין בראַווא פון פובליק איז גרויס,
מען פערוואַרפט איהם זיין סצענע מיט בלומען
און שפיעלט זיין אַקט גאַנץ גליקליך אויס.
דערנאָך שפיעלט ער ראָמאַנען
אין פערשידענע אַרטען, פלאַנען,
ביז עס העננגט שוין א פאמיליע אויף זיין קאָפּ,
ווערט אַלט און געהט געבויגען
ביז ער פערשליסט די אויגען
און דער אַקט זיינער אין גאַנצען פאַלט אַראָפּ.

6

יעדער מענש איז אן אַקטיאָר,
יעדער שפיעלט זיין ראָליע רק פערשטעלט,

ער ווייזט זיך אויס פערקעהרט ווי אויפ'ן וואהר
און נאָר צוליעב דעם כבוד און צוליעב געלט.
דער שפּיעלט פרום, שרעקליך פערווילדעט
און אין הארצען ווערט ביי איהם גאָט אויסגעלאכט,
און דער שפּיעלט זיין ראָליע געבילדעט
און האָט מורא פאר שדים ביי נאַכט.
פאר די פריילין שווערט דאָרט איהר חתן,
אז ער שטעלט איהר זיין לעבען אין קאָן
און מיינט נאָר צו בעקומען דעם גראָשען,
דען ער ליעבט גאָר אן אנדערע פערזאָן.
און ביי דעם העגגט טויזענד שלעסער
און דער דלות איז נאָך גרעסער,
און אין דעמ'ס טראַנטעס, איז איינגענעהט פיעל געלט.
נאָר דאָס איז דער חסרון,
וואָס מיר טרויען די אַקטיאָרען,
מיר פערגעסען זיך, אז עס איז דורכאויס פערשטעלט.

·1874

# דער צבועַ'יאַק

## 1

עושים מעשי זמרי
ומבקשים שכר כפנחס (סוטה)

זיי מיר מודה, ווייב, דעם פסק;
ביז איך דען ניט פון די חכמים,
אז איך בין באמת א צבועיאק

און ווייז זיך אויס פאר א צדיק תמים,
איך צאַפּ דאָך שטענדיג פרעמדע בלוט,
אין בעריים יתומים און אלמנות,
איך עס מיר טרפות גאַנץ בערוהט,
איך טהו בשתיקה אלע פסלנות,
מיין הויקער דארף נאר זיין געראָטען,
די אויגען פערגלאָצט געהן אין גאַס,
די ציצית מיט דעם טלית קטן,
די פּיאותלעך פון מקוה נאַס,
די נייע וועלט רופען זיי פּוילעס[1]
צו שילטען — זיי ניט ווערען מיד,
דאַן שרייט די וועלט שוין מיט קולות,
אז איך בין א צדיק א איד.

2

אלע שלישית געלט, מיט אלע נדנ׳ען,
און פון שותפים אלע בטוחות,
און וואָס וועיבער גנב׳ענען פון די מאַנען
טראָגט מען צו מיר פון אלע רוחות;
פאָהרט וער אָפּ אויף יענער וועלט,
ביי מיין קרעטשמע מאַכט ער אַ פּאָפּאָס,[2]
איבער די יורשים׳ס גאנצע געלט
מאַכט מען מיר פאר אן אפּוטרופּוס;
ווי איך ווער שוין אין פעדערען ווארים
מאַך איך מיר מיין קונץ בעזאַכט,
אין דער פריה פלוצלונג מאַך איך אַ לאַרם,
אז מען האָט מיך בע׳גנב׳עט די נאַכט;
עס קלאָגען שוין יתומים, אלמנות,
און מיר כלומר׳שט ווארפט אויך אין קעלט,

אידען האָבען אויף מיר נאָך רחמנות;
ווי דעם צדיק געהט שלעכט אויף דער וועלט!

3

ווען איינער איז מיר מיט א וואָרט נוגע
איז ער שוין גלייך מקבל נזיפה,
ווארום ביי קהל איז מיינע די ערשטע דעה,
מיין שטול איז אויבען צו יעדער אסיפה;
אלע געלטען פון די נאַבאָרען,
וואָס מען צאָהלט מיר וואָכער נאָך די סדרות פון לוח,
פון אַלע נאַלאָגען פון סוועטצניע סבאָרען,(3
בין איך דער צדיק, דער גאנצער בטוח;
איך וויז קיינעם ניט קיין חשבונות,
ווער סמייעט ביי מיר פרעגען שטשאָט(4
דען אויף יענעם זוך איך שוין עונות,
איך זאָג, אז ער לייקענט אין גאָט;
זיין הויז, זיין געזונט געהט פערלאָרען,
זיין פּרנסה נעהם איך צו פון האַנט,
דערנאָך מאַך איך איבער די יאָהרען
און באַקלייד איהם אין סארע געוואַנט.(5

4

די שטאָט מוז טאַנצען נאָך מיין ניגון,
קיינער רעדט ניט אויף מיין סחורה,
ווארום ארום מיינע מילכיגם טאַנצען זיי ווי פליגען
און דער וואָלט שוין רעדען, האָט ער מורא;
מיין סחורה ווערט קיין מאָל ניט פערלעגען,
עס שיינט עם לייכט מיין שילד, מיין דגל;

ווען איך קוילע מענשען גלאָז איך מיט די אויגען,
איך דארף נאָר קרעכצען, ווען איך צערייס מיט די
נעגעל;

מיין סחורה האלט איך שטענדיג אָפען,
סיי שבת סיי יום טוב סיי וואָך,
קיין רב וועט מיר דערפאר ניט שטראפען,
דען מיט אַטלעס פערדעק איך די מאָך;
שלישי קומט מיר מ״ט גבאות,
מיט הקפות מוז איך פריהער געהן,
פון הכנסות פון שול מיט הוצאות
דער נאמן בין איך נאָר אַליין.

5

פון אַלע קצבות מאַך איך די סמעטע,
פאר געפאלענע בעלי בתים יחסנים
נעהם איך פריהער פאַר זיך אַראָפּ די פעטע
און די פאדאנקעס[6] פאַר די קבצנים;
אויף די נייע לעהרער, וואס לערנען שרייבען,
מאַך איך אסיפות פון מיינע דעפוטאַטען,
איך דריק זיי, איך שטיק זיי, פון שטאָט צו פערטרייבען.
דען צו מיינע קונצען קען עס גרייליך שאַטען.
דו קענסט דאך אָט דעם עזות פנים,
געוועזן א לעהרער ביי׳ן היגען בעל הבית,
האָב איך אָנגערעדט ביענלע יונים
און געמאַכט איהם א פאַלשען דאַנאָס;[7]
דער ווייב׳ס גיסען טרערען איז בלאָטע,
וואָס זיי זיצען שבתים אָהן ברויט,
איהם פערשיקט אַרעסטאַנסקע ראָטע
און די קינדער צו שטאַרבען פון נויט.

6

מיין נישט, מיין ווייב אז דאָס גילט נאָר איצטער,
דאָס האָט נאָך געגאָלטען אין ירושלים,
דער פאַלשער נביא דער פערשפּיצטער
האָט פערדעקט זיין טומאה מיט יראת שמים,
זיי האָבען דעם עולם בע׳גזל׳ט, בערויבט
מיט פאַלשע נביאות, מיט ווערטער טרייע,
און דער המון האָט אין זיי געגלויבט
אפילו מעהר ווי דעם נביא ישעיה.
מכיה׳ן פאַטשט מען אין פנים,
ירמיהו׳ן געזעצט אין אָסטראָג,
זכריה׳ן פערגיסט מען די דמים
מיט די פאַלשע נביאים׳ס פערזאָג;
צו רעדען ווער וועט עס סמייען,
אז דער וואָלף געהט אין א שעפּסען פעל,
און כל זמן די וועלט וועט זיך דרעהען
איז די סחורה ביי אידען ראַיעל.

---

1

אָט האָט איהר אייך א ריינעם שפּיגעל,
ווי שכל געהט צו שטראַנד,
זילבער ווערט געפּרובט אין טיגעל,
מענשען אין פערשטאַנד.
זעהט איהר יענער גלאָצט די אויגען
ווייכלעך ווי א בלום,
געהט דעם קאָרק צו דר׳ערד געבויגען,
מיינט ניט דאָס איז פרום;
ניט אלץ איז גאָלד וואָס שיינט פון ווייטען,

זעהט זיין האַנדעל נאָר מיט לייטען,
קען ער מיט רובעלס זיך שטראַפירען.
אָט דאָס איז ניט פערשטעלט;
וויל מען מענשען ריין פּרובירען,
די פּראָבע איז נאָר ביי געלט.

2

ווער האָט דעם אידענס בוך געלעזען
און עס האָט איהם ניט געאַרט
פיעל משיחים איז געוועזען,
וואָס האָבען אונז גענאַרט;
געגאנגען ווינטער אין אייז מקואות
מיט מופתים אונז פערטויבט,
דער עולם האָט געהאט א טעות
און אין זיי געגלויבט;
מיר האָבען דעריבער פיעל געליטען,
מען האָט אונז פיעל געברענט, געשניטען —
היט אייך שוין פון דער סכנה,
פון מענשען וואָס פערשטעלט,
דען זייער ציעל און די כוונה
איז כבוד אדער געלט.

3

די צבועיאקעס מאַכען קאַליע
דעם שם פון פרומע לייט,
מען פרעגט שוין היינט א נייע שאלה,
אויב פרום איז עהרליכקייט;
ווייל דער צבועיאק איז פול חטאים
און בעט נאָך געצאָהלט דערפאר,

ווי זמרי טהוט ער מעשים רעים,
ווי פנחס בעט ער שכר.
און ווייל דער עולם איז ניט זיכער,
דארום פערלאָזט מען פרומע גיכער,
קוקט אייך אום פון אלע קאנטען,
צי זייט איהר ניט פערקויפט,
שעצט דעם פרומען ווי בריליאַנטען,
פון צבועיאק אנטלויפט!

374

# די פערשיעדענע וועלט

1

איין ערד טראָגט אונז אלעמען אויף איהרע פליגעל,
איין זון בעלייכט ארים און רייך,
די איין שטיקעל וועלט איז גלייך צו א שפיגעל,
ניט אלעמען זעהט זי אוים גלייך.
פאר דעם פרומען איז א יריד יעדער טאָג,
ער האַנדעלט סחורה און שלעפט אין הויז,
פאר דעם אומגליקליכען איז די וועלט אַן אסטראָג,
ער האָפט פון איהר צו ווערען לויז;
פאר דעם גליקליכען איז דאָס אַ גאָרטען, אַ סאָד,
ער האָט פערגעניגען פון יעדער גראָז;
פאר דעם נאַרען איז דאָס א באד,
ער הערט א טומעל און וויים ניט וואָס;

און פאר דעם רשע, דעם דיעב,
איז דאָס א שחיטה שטוב,
דעם מילדען זעהט די וועלט אויס
פונקט ווי א חתונה הויז;
פאר דעם געדריקטען זעהט זי אויס קלאָר,
ווי די שטרייט פון די פיש דאָרט אין טייך —
הכלל די וועלט איז איינע נאָר
און ניט אלעמען זעהט זי אויס גלייך.

2

פאר דעם פרומען איז די וועלט א יריד,
פיעל ער טהוט איז איהם רק קארג,
ער לערענט, ער דאווענט, קיין שלאָף נעמט איהם ניט,
דען מאָרגען איז שוין נאָכ'ן מארק;
ער גלויבט, אז דער לעבען איז ערשט נאָך דעם טויט
פאר דעם, וואָס האָט גוטס מיטגעבראכט,
און ווער עס האָט פרייטאג ניט אָנגעגרייט,
ביי יענעם איז שבת די ליפען פערשמאַכט;
דען נאָך דעם מאַרק איז שוין די קראמען פערשלאָסען,
דעריבער כאַפּט ער ווי ווייט ער קאָן,
די אייגענע ציצית וואס דאָ קאָסט א גראָשען,
קריגט ער דאָרטען ניט פאר א מיליאָן;
אויף יעטווידער שטראם, וואס עס פליהט,
שווייגט ער און רעדט נעבעך ניט
וואָס האָט ביי איהם געלט פאר א ווערטה,
אז ער דארף קיין קארעטען, קיין פערד,
ברויט מיט וואַסער, אויב ער נאָר האָט,
איז ער שוין א גליקליכער איד —

הכלל פאר דעם פרומען, דעם דינער פון גאָט,
זעהט אויס די וועלט א יריד.

3

פאר דעם קלוגען איז די וועלט א יריד,
זיין רבי איז דאָס די צייט;
ספרים ליגען איהם אָפען כסדר,
דאָס זענען די מענשען, די לייט;
און אָפענער ספר איז איהם די וועלט,
וואָס יעדער מענש איז דארטען א בלאט,
ווער עס פיהרט גוט און וועלכער עס פעהלט,
און דער קלוגער לערנט עס פון ביידען דעם פשט.
ער זעהט מענשען מען לויפט, מען פליהט,
דער נאָך בערלין, דער נאָך פאַריז,
דער קלייבט קאַפּיטאל און דאָ לעבט ער ניט,
דער קלוגער בערעכענט אלץ ווי נאַריש דאָס איז;
דער וויל ווערען רייך אין איין טאָג,
ווערט ער פערפוילט אין אָסטראָג;
דער מאַכט זיין קינד פאר א גביר
אויף דער עלטער צו שטעהן ביי זיין טהיר.
און דער האָט ניט פון זיין גאַנצען אבמאן
לסוף אויף זיינע אייביגע קליידער —
הכלל פאַר דעם חכם, פאַר דעם קלוגען מאַן
זעהט אויס די וועלט א חדר.

4

דעם שוטה, דעם נאַר, זעהט אויס ביי איהם
די וועלט מיט איהר פריראָד,
די זון מיט די שטערען, מיט זייער סיסטעם,

זעהט דאס ביי איהם אויס א באד;
אז ער זעהט אין הימעל שטערען אָהן צאָהל,
וואָס יעדערער שרייט: „גאָט! ווי גרויס ביזטו!"
מיינט דער נאַר, אַז ער הערט עס פון פּאָל
ווי מענשען שרייען: „דאַוואַי פּאָרו"...1)
אז ער זעהט דעם ים, וואָס גאָט האָט בעשאַפען,
וואונדער אויף דער ערד אויף יעדער טריט,
חכמות פון מענשען, מאַשינען, טעלעגראַפען,
האַלט ער עס פאַר א בעזים, וואָס מען שמייסט זיך דערמיט,
האָט קיין פערשטאַנד צו פערשטעהן
דעם געבוי פון זיין קערפּער אליין,
ווי קינסטליך יעדער גליעד איז געבויט,
און די זעלע, וועלכע בלייבט נאָכ'ן טויט,
פון הכמה, פון בילדונג, שטעהט ער גאַנץ ווייט,
געהט ארום נאַקעט דורכאויס,
אז ער זעהט מען שטאַרבט, מיינט ער אַז מען שרייט:
„נאַראָנים פון באָר געהט ארויס!"

5

פאַר דעם אומגליקליכען איז די וועלט אן אַסטראָג,
וואָס די צייט האָט איהם אין קייטען געשמידט,
דעם פרייען טויט בעט ער, ער האָפט אלע טאָג,
נאָר דער טויער ווערט דאָ שטאַרק געהיט,
אין אונזער וועלט־אסטראָג זעהט מען פיעל ארעסטאַנטען
וואָס יעדער זיצט פאַר אן אנדער חטא,
דעם האָט דער דלות פערצאַמט פון אלע קאַנטען,
מען משפּט איהם טעגליך מיט א נייעם דעקרעט;

בײ דעם האָט פלוצלונג די געשעפטען געפּלאַצט,
פון זײן גאַנצע עשירות אז ער נאַקעט ארױס,
זײן כבוד, זײן יחוס, האָט מען שױן אויך אָפּגעשאַצט,
די וואָס קערען די גאַסען די לאַכען איהם אױס;
דער האָט רק קראַנקהײט אין הױז,
ער וואָלט וועלען פון דער וועלט שױן זײן לױז,
און דער איז פון שונאים פערהאַסט,
אז דער לעבען איז איהם שױן צו לאַסט;
דער האָט זײנע קינדער פאַר די הענטלעך געפיהרט
און ווערט עלענד אין אײנע פינף טאָג — 2)
הכלל פאַר אזעלכע, וואָס די צײט ארעסטירט,
זעהט איהם אױס די וועלט אַן אסטראָג.

6

נאָך פאַר דעם גוטהערציגען ווערט זי בעטראַכט
פונקט ווי א חתונה געוויס,
וואָס אין זעקס טעג האָט עס גאָט די סעודה געמאַכט
און געלאַדען דעם עולם צום טיש,
און דער מילדער מענש בעדיענט דאָ דעם קעניג,
אז עס זאָל ניט פעהלען קײן פיש, קײן געבעק,
אז מען זאָל ניט בערײדען, אז די סעודה איז וועניג,
גיט ער פון זײן חלק דעם צװײטען אװעק;
ער זיצט ניט בײ׳ן טיש זיך פרעהליך צו מאַכען,
סאַרווערט ער פאַר אלעמען ווי ווײט ער קאַן.
ער איז שטענדיג עוסק אין קהל׳שע זאַכען
און איז נאָך א פאָרשטעהער פון זײן נאַציאָן,
און צום סוף, אז ער דאַרף אהײם געהן,
בעשײנקט ער די כלי זמר גאַנץ שעהן,
משרתים און אזוי אָן דער זײט,

אוּף הקדש, אויף ארימע לייט,
דרשה געשאנק מיט גרויס מילדיגקייט,
אויף וואהלטהאטען עולמ'שע געלט,
זעגענט זיך אָב מיט די חתונה לייט
און געהט רוהען אין זיין געצעלט.

1878

# קלוג, אידעל און שטיל

1

אונזער היינטיגער דור, וואָס פאר א קלוגע מוחות,
עס שטייגט דיין שכל אָהן אַ שיעור ;
די נאַטור דיענט דיר מיט איהרע כוחות,
עס קלינגט רק אין צייטונג נייעס פון דיר :
דו מעסט אויס די גרויס פון פּלאַנעטען,
ווייזט זיי, ווי געלערענט דו ביזט,
עלעקטריע און מאַגנעטען,
דיענען ביי דיר פאר אומזיסט.
פון ווינטען זוכסטו אויף די קוועלען,
א טעלעגראַף אויף דעם וועלט־אָקעאַן,
דורך בערג גראָבסטו טונעלען,
און אונטער די ימים א באַהן,
און דער פיהרונג מיט לייט,
איז אויך קלוג, געשייט, —
איך מאַג מיר טהאָן אלץ וואָס איך וויל :

געוואָרגען, געריבּעט,
מיר איז אַלעס ערלויבּט, —
נאָר קלוג און איידעל און שטיל...

2

ווי אָרעם דאָס לעבּען פערצייטיגע יאָהרען,
מעהר ווי אַ רענדעל וואַר דער גראָשען געשווינט;
ווי האָט מען געלעבּט, ווי איז מען געפאָהרען,
ווי האָט מען געהאַנדעלט, ווי האָט מען געוואוינט.
אָבּער היינטיגער דור איז אַ פרייער,
איך ווייס ווי צו לעבּען אויף דער וועלט,
סאַמעט איז מיר ניט צו טייער,
טעאַטער ווערט קיין נאַכט פערפעהלט;
אויף בּעדער פאַלט גרויסע הוצאות,
צום אויסשטעלונג פאָהר איך אין פאַריז,
מיך אַרט ניט די אַלע הלואות,
זאָל זאָרגען דער, וועמעס דאָס איז...
און אז עס קומט אוים ענג,
מען נעהמט מאָהנען שטריינג,
געפינט זיך וועקסלען צעהן מאָל אַזוי פיעל;
דער וועהטאָג איז זייער גרויס,
און איך לאָך זיי אויס, — —
און קלוג און איידעל און שטיל...

3

אַמאָל איך פלעג וועלען מיט איינעם זיך קריגען,
פלעג איך מיר צורהרען פון געשריי, פון כעס,
און יענער צוריק האָט אויך ניט געשוויגען,
פלעגט זיין בּזיונות אין שול און אין גאַס;

אז איך וויל היינט א מאָרדע אָנרייבען,
און יענער זאָל ניט זידלען צוריק, —
בעט איך דאָרט א מאַבער זאָל שרייבען,
אין צייטונג אויף איהם א קריטיק.
ער שילדערט איהם אָפּ מיט די ביינער,
מיט וויצלעך בעפלעקט ער זיין שם,
עס דערקאָנט איהם יעדער איינער,
— אַהאַ! אָט דאָס מיינט מען דעם!
ער פערליערט שוין זיין טאָן,
קרעדיט ווערט ער אָן, —
עס ווערט שוין פון איהם א ווינט־מיהל,
היינט טראכט דאָרט און קלער,
אז מען ווייסט גאָר ניט ווער, —
און קלוג און איידעל און שטיל...

4

וואָס פאַר א נאַרישע שותפים אמאָל האָט געגעבען,
דום און עהרליך ווי אַ קאַלב.
א שותפות פלעגט האַלטען זייער גאַנץ לעבען,
נאָכ'ן טויט פאַר די קינדער דער געשעפט אויף האַלב.
אז איך וויל היינט א שותפות אָנציהען,
אזעלכע פונקטען אין קאָנטראקט שרייב איך איין:
אז איידער דער בוים הויבט אָן בליהען,
זאָל דער וואָרם אין עפּעל אריין;
אז מיר נעהמען פון מלוה אָפּ די וועקסלען,
וואָס מירביידע האָבען געליהען אויף פריהער,
זעה איך אַזוי אויסצודרעקסלען,
אַז זיינער זאָל בלייבען ביי מיר.
איך נעהם צו אויף גיך,

דאָס געשעפט צו זיך,
און איהם הייס איך געהן וואו ער וויל;
דאָס געשעפט בלייבט ביי מיר,
אין מיין בוזים זיין פּאַפּיער, —
און קלוג און איידעל און שטיל...

5

אַ קרעמער אַ בטוח, איך לייה אין הלואה,
ביי מיר זיין וועקסעל האָב איך דאָך,
טהו איך מיר דערביי אַ ניי־וועלטיגע המצאה,
איך מאַך זיין חתימה אויף א וועקסעל נאָך;
ווי נאָר די צייט לויפט אריבער,
ער בעצאָהלט מיר מיין געלט ביז א לעק,
דעם גוטען לאָז איך ביי זיך איבער,
דעם פּאַלשען — גיב איך איהם אוועק;
ער צורייסט איהם (וויל ער קאָן ניט דערקאָנען),
ער פרעהט זיך, אז בעצאָהלט האָט ער מיר,
דעם גוטען גיב איך אן אויפצומאָהנען,
נעהם אַרויס אַן „ערפילונגס־פּאַפּיער", —
אז די חתימה איז ריין,
איז ער מודה אליין,
און ווייטער פרעגט מען ניט פיעל;
און פאר דער וועלט בלייב איך פיין,
איך מאָהן דאָך נאָר מיין, —
און קלוג און איידעל און שטיל...

6

דאַמען־עהרע איז היינט געשטיגען,
דאָס ווערט געוואויגען אויפ'ן האָר,

מיט דאַמען צו ריידען מוז איך זיך קליגען,
דען איך בין א מאַן פון דעם נייעם דור;
עטיקעטע קעגען זיי מוז איך שפירען,
און ריידען מיט'ן טאַקט, מיט'ן טאָן.
א דאַמען־קלייד איך זאָל בעריהרען,
מוז איך גלייך זאָגען „פארדאָן"!
איך האָב מיר שוין מיינע בעקענטע,
מיר טרעפען זיך אָפט אויף אן אָרט,
מיין ווייב ווערט דערפון א פערברענטע,
און טאָר נאָך ניט ריידען א וואָרט;
זי זעהט און פערשטעהט,
וואו איך בין פערדרעהט, —
און איך טהו מיר אלץ וואָס איך וויל;
זי וויל טהאָן א כליפּ,
פארבייס איך מיט'ן ליפּ, —
און קלוג און איידעל און שטיל...

7

וואָס פאר א נאַרישע וועלט עס וואַר פערצייטען,
צו דערקענען מענשען איז געווען גאנץ לייכט,
דעם גנב האָט יעדערער דערקאָנט פון ווייטען,
דער עולם האָט פון איהם די גאַס געווייכט;
אָבער היינטיגע וועלט איז פיעל קליגער:
דער גנב איז ביי מיר פערשטעלט, —
איך מאָג זיין דער גרעסטער בעטריגער,
וועט פון מיר ניט וויסען די וועלט!
געקליידעט אויפ'ן גביר'ישען שטייגער,
מיט א מאַרדערנעם פוטער אין גאַס,
א גאָלדענע קייט מיט א זייגער,

אויפ'ן באַהן פּאָהר איך אין ערשטען קלאַס!
דערוויייל טרעף איך אָן,
א פריץ אין וואַגאָן,
זיין געלט בעקומען האָב איך פאָרטלען פיעל;
דעם קונץ מאַך איך אָפּ,
אויף א סטאַנציע אראָפּ, —
און קלוג און איידעל און שטיל...

8

די אמונה האָט אייביג געדריקט מיט צוואַנגען,
זי פּלעגט זיי רק ווייזען א קינפטיגע וועלט,
וואָס דעם מענשענס האַרץ פּלעגט וואָס פערלאנגען,
האָט רק די אמונה דעם וועג פערשטעלט;
אָבער איך קען מיר אַלעס ערלויבען,
וואָס מיין האַרץ געלוסט דאָס דאַרף איך טהאָן;
פריי פון גאָט און פון גלויבען,
פריי פון דעם בונד דער נאַציאָן;
פריי מוז איך זעהען צו לעבען,
פריי איז מיין חבר'ס געלט,
צו דעם ציעל מוז איך אייביג שטרעבען,
נאָר צו געניסען די וועלט.
מיין האַרץ איז גאָט,
איך האַלט איהר געבאָט,
קיין זאַך האַלט ניט אָפּ וואָס איך וויל!
געוויסען — איז אַ שפּיי, —
נאָר קלוג און איידעל און שטיל...

1880

# רבי יעקב משלם

„הכבשה הזאת חולבים את חלבה
וגוזזים את צמרה בחייה, ופושטים
את עורה במיתתה".
(מדרש יקמוא"ל).

1

## דער איד

אין שוהל אַ שטאָט מוז ער דינגען צו קויפען,
בה"ב אין די פּושקעס — ווי קען זיין פערפעהלט ? !
אויף די אַלע ראַסקלאַדקעס,1) זיינע רובעלער לויפען,
חזנים, שמשים, שיק רגל־געלט :
היינט פּורים — מגילה־געלט, מחצית השקל,
שבת, יום־טוב, — גאַר אַ טאָרג פאַר דער קריאה,
דער שמש אויף דער בימה (ווי דער מאקלער מיט'ן
שטעקעל),
צאָהל „גילדון" און „גילדון" פאַר דער קלענסטער עליה;
אַן אנדערער ווען ער וויל געהן אין קירכע,
האָט ער פריי זיין וועלט, —
עס קאָסט איהם נאָר אַ האַלבע שעה טרחה,
אָבער ניט קיין גראָשען געלט ;
און דער אָרעמער ישראליק'על מוז קויפען בילעטען,
אויף דעם פרעמדען טעאַטער דער וועלט,
ווילסטו, איד, דאַווענען, ווילסטו גאָט בעטען, —
טאָ גיב־זשע ברודער ג ע ל ט !

אָה !
שמאָקטשעט חברה, שמאָקטשעט דעם אידען !

אויף דערויף זייט איהר נישט פויל!
דאָס איז א ווייכינקער ביינדעלע, פול מיט זאַפט,
וואָס צוגעהט דאָך פראָסט אין מויל...

2

## דער איד

אז ער וויל נעבעך קויפען א פונטעלע פלייש,
דען ער האָט שוין קיין קרעפטען פון די טרוקענע ברויט,
מוז ער צאָהלען קאָראָבקע מיט זיין ביטערען שוויים,
ער גריזשעט די ביינער און איהם שינדט מען די הויט,
דער גוטינקער חוכר, מיט די ליעבהאַרציגע נאמנים,
מיט די גראָבע בייכער, מיט די קערקלעך די דיקע,
מען בערייסט דעם געמיינעם, ער האָט דאָך שוין קיין פּנים
איבער די שעפּסעלעך לומען זיך די חיות די דזשיקע;
אן אנדערער פאר פינף צי זעקס קאָפּייקען,
בעקומט ער פלייש דיק און פעט,
פערשפּאָרט נאָך אויך זאַלצען פלייש און ווייקען,
אַ געשמאַק איהם אין מויל, און אין בויך אַ זעט.
און דער איד, ווען אין זיין הייזעל פלאַקערט א שׂרפה...
וואַרעמט זיך נאָך יעדערער פון קעלט
ווילסטו פלייש עסען, און דוקא ניט טריפה, —
טאָ גיב־זשע, ברודער, געלט!

אָה!

פּיטערט אייך, חוכרים, אויף דער אידישער לאָנקע, —
פאר אייך איז דאָ א גליק,
דאָ איז א גרינע פּאַשע, און א הויכער גראָז,
אָקסען ווערען דאָ פעט און דיק...

3

## דער איד

פולע בתי־מדרשים, מיט די אלע ישיבות,
שלעפט ער אויף זיך אָהן א שיעור, אָהן א ברעג:
אי ליכט, אי קעראָסין, אי אלע ווײלע נדבות,
אי פודען ווייס־ברויט, אי די גאַנצע וואָך טעג,
היינט אָפּגעגעסענע עלוים, ישוב׳ישע חתנים,
פערזעסענע בחורים, און אלטע פרושים,
קינפטיגע מגידים׳לעך, מלמדים בין הזמנים,
מנהלים, משגיחים, מיט די אונטער־שמשים;
אן אנדערער איז פריי פון אלע לאַסטען,
קיין שטיינער ליגט איהם אויף זיין וועג,
זיין רובעל עודף, בלייבט ביי איהם אין קאַסטען,
קיין פרוש — וואָכער, קיין קלויזניק — טעג;
און דער אָרעמער ישראליקעל ווערט אויסגעריסען,
פון דעם הויקער וואָס הינטען וואַקסט אויס,
ווי ער וויל נעהמען אין מויל נאָר א ביסען,
רייסט דער הויקער פון הינטען ארויס...

אָהָ!

רייט אויף דער קליאַטשקע, חברה קבצנים!
רייט! — כל־זמן זי לעבט,
היינגט זיך אָן, דאַרמאַיעדניקעס, וויפיעל איהר ווילט!
די קליאַטשקע — זי טהוט און שלעפט!...

4

## דער איד

אז ער ווערט געלאַדען אויף א שמחה, אמאָל אין א חודש,

נעהמט מען איהם בעריסען ווי ער עסט נאָר אָפּ פיש,
בעטערס און סאַרווערס, און אלע כלי־קודש,
און פופצעהן קבצנים, מיט די טעלער ביים טיש,
אויף זעקס שעה נאָכאַנאַנד ווערט ער פערזעסען,
געדריקט און געקוועטשט, — שוויץ, מחותן, שוויץ!
ער וו״ל נעבעך שלאָפען, דאָ נויט מען איהם עסען,
דעם מאָגען פערדאַרבט ער, און פערקיהלט זיך
פון היץ...
אָן אנדערער, אז ער ווערט ערגעץ געלאַדען,
געניסט ער פערגעניגען פיעל דערביי!
ניט זיין קעשענע ליידעט דערביי קיין שאָדען,
ער עסט און טאַנצט, און שטענדיג פריי;
און דער אָרעמער ישראליקעל, קען ניעמאלס געניסען
פערגעניגען פון זיין שטיקעל וועלט;
ווילסטו זיך פרעהען, — טאָ ווער אויסגעריסען,
און גיב נאָך, ברודער, געלט!

אָה!

שמאָקטשקעט, חברה, זויגט ביי דעם אידען,
זויגט און ציהט די ברוסט!
שוין טויזענדער יאָהר אז איהר זויגט און איהר בייסט, —
אנטוואוינען וועט מען אייך אויביג ניט!...

5

דער איד

אַז ער ווערט שוין זאַט מיט בזיון, מיט בושה,
ער קען שוין ניט אויסהאַלטען און פערלאָזט שוין זיין
וועלט,
געפינט זיך נאָך דאמאָלס א חברה־קדישא,

מען בע׳גזל׳ט די יתומים, און מען רייסט קבורה־געלט !
אז ער האָט געלאָזען ירושה פאר זיינע עלענדע קינדער,
געפינט זיך א חברה: וואָס מען שטעלט זיי בדלות,
אויפ׳ן בית־עולם די שמשים, די גבאי׳טעס בעזונדער,
צאָהל זיי פאר גערטעלע, פאָרעשקע, פאר סיבה און טלית.

און אנדער, אז עס קומט זיין צייט צו שטאַרבען,
קיין חברה׳ס פון איהם א האָר געניסט,
מיליאָנען געלט מאָגען די קינדער אַרבען,
זיין גראָב, זיין ערד גיט מען עס אומזיסט ;
און דער אָרעמער ישראליקעל קען קיין מנוחה ניט קריגען,
אפילו ווען ער לאָזט שוין די וועלט ;
ווילסטו, איד, שטאַרבען, — ווילסטו אין דער ערד ליגען...
— טאָ גיב־זשע, ברודער, געלט !
אָה !
לופעט, חברה ! חברה־קדישא !
אויף דערויף זייט איהר דאָך געבויט :
שערען און מעלקען איז גוט, ווען דער שעפס לעבט,
און שינדען — ווען ער איז טויט !...

1882

# בטוח אני באלה

1

ווען איך זעה דאָרטען א קאָמוניסט,
וואָס בעדויערט די געדריקטע דער וועלט,
און שרייט אין איין קול, אז דער קאַפּיטאַליסט,

זאָל זיך טהיילען מיט דעם קבצן זיין געלט, —
בין איך שוין זיכער, אז ס'איז פּוסט אין זיין בוזים,
דרום טראָגט ער אויף גבירים פּערדרוס,
ער וויל זיך נעבעך טהיילען, און שרייט: „קאָמוניזם!“ —
דען פאַר צוליינגען זיינע, איז ער זיכער געווים!

2

און ווען איך זעה דאָרטען אַ פּריצ'על געהט,
און א מלוה א פיאַווקע ביים זייט,
דער אידעל געהט אָרעם, דער קריסט — רייך געקליידט,
און ריידען ביידע מיט פריינדליכקייט, —
בין איך שוין זיכער, אז אין א האַלב יאָהר ארום,
בלייבט שוין ביים אידעל זיין אייגענס דורכאויס,
אין סיעזד, אין פּאַלאַטע, — געוואונען אומעטום,
און דער ווערט פון מאַיאָנטיק נאַקעט ארויס!

3

ווען איך זעה פאר פּסח, א רב זיצט פערקלעהרט,
און מוטשעט מיר צופיעל דעם ש״ך,
דעם „טור“, דעם „בית יוסף“, צודרעהט ער, צוקעהרט,
בלעטערט דעם ט״ז און דעם ב״ח, —
בין איך שוין זיכער, אז ניט פיעל וועט געווערען,
וועט זיין נייע צעטלעך אויפ'ן שוהל־הויף געקלעפּט,
נאָך פּעקלעך, נאָך לאַסטען, אויף דעם וואָגען דעם שווערען,
און די אָרימע קליאַטשקע — זי טהוט און שלעפּט!

4

ווען איך זעה דאָרטען, ביים טאָוואַרנעם וואָקזאַל,
זואו עס וואוינען פיעל אידען דערביי,

און איינער דאָרט, פּלוצלונג, שטייגט אין קאַפּיטאַל,
און בויט דאָרט א גרויסעס געביי, —
בין איך שוין זיכער, אז דאָס איז געוואָרען,
פון זיין אָרעמען שיינקעל, פון זיין בולקע מיט נישט,
ער איז נאָר א ביסענקע גוט־פריינד מיט די קאָנדוקטאָרען,
און דאָ שרייען די קרעמער אויף די פאַבריקען אומזיסט!

5

ווען איך זעה א מחבר פון דער העברעאישער שפּראַך,
דרוקט זיינע פּאָעזיע פאר לייט,
און צאָהלט פאר פּאַפּיער, האָט קאָסטען א סך,
לייגט דערויף זיין געלט און זיין צייט, —
בין איך שוין זיכער, אַז זיין מיה איז פערפאַלען,
וואָס ער שרייבט און דרוקט, ווערט בדלות דורכאויס,
מ׳וועט איהם נאָר קריטיקירען אין די אידישע זשורנאַלען,
און ער וועט מיט זיין קרן ניעמאלס ארויס!

6

און ווען איך זעה דאָרטען א פערליעבענדע פּאָר,
האָט לייכטזיניג פערליעבט זיך אין איהר,
ניט אָנגעפרעגט זיין שכל, אין איהר כאַראַקטער ניט קלאָר,
אָהן א שום בערעכענונג אויף פריהער, —
בין איך שוין זיכער, אַז נאָך דער איין שעה,
וועט ער זיך אַרומזעהען זיין צרה — ווי גרויס!
„שרה׳לע" — אַ צרה, „חיה׳לע" — אַ חיה רעה,
און „קעצעלע" דראַפּעט איהם די אויגען ארויס!

7

און ווען איך זעה דאָרטען א גאַלאַנטען הערר,

„ראַמען־רעכט“ היט ער גאַנץ פיעל,
מיט שפּילקעס און קלאַפּע, — פאַלקאָם קאַוואַליער,
שטעלט איהר נאָך א שטוהל צום קאַדריל, —
ביז איך שוין זיכער, אז זיין אייגענע ווייב,
איז איהר בעקאַנט דער טעם פון זיינע הענט...
טראָגט צרות אין הארצען, שינאַקעס אויפ'ן לייב,
און קלאָגט אויף דער שעה, וואָס זי האָט איהם
דערקענט!

1883

# דער חילוף

כי טוב לי אז מעתה (הושע ב' ט"ו).

1

הונדערטער יאָהרען זיינען אוועק,
קיין ענדערונג האָט ניט געגעבען,
פונקט ווי דער זיידע לעבט אין אַלטען וויעק,[1]
אזוי פלעגט דער אייניקעל לעבען;
אין אונזערע יאָהרען
איז נייעסען געוואָרען,
געביטען דעם פיהרונג אין גאַנצען:
אין מסחר, אין הדר,
אין בילדונג, אין קליידער,
רק נייע מנהגים פערפלאַנצען.
נאָר אויב דאָס איז שוין דער פיהרונג וואָס דארף זיין
געשווינט, —
אָסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

2

פּעדציִיטען דער לעבען, ווי בענוגענד, ווי שטיל —
אין דירה, אין עסען, אין קליידען,
די אויגען פון מענשען פערלאַנגען ניט פיעל, —
גליקליך ווי אדם אין גן־עדן ;
היינט שלעפּט מען דאָס יאָך,
די געזינט בעט רק נאָך,
דאָס קלעקט ווי אין ים אַ טראָפּען...
יעדער טאָג איז אַ טאָרג,
אויף אַ נייעם סאָרט זאָרג,
ביי נאַכט דרעהט די קישעלע צו קאָפּען,
און אויב דאָס איז די גליקען וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט !

3

אַמאָל האָט אַ אינגעל אַ ביישפּיעל געהאַט,
פון פּאָטער'ס מנהגים און סדר ;
גלויבען און מדות, פאָלקס־שטאָלץ און שטאַט,
זעהענדיג אין שטוב און אין חדר ;
היינט ציעלט מען דערויף,
צו פערזאָרגען זיין גוף,
מען קוקט ניט זיין גייסט צו דערהויבען, —
דאַן קומט ארויס,
א דור וואָס דורכאויס,
אָהן פאָלקס־ליעבע, אָהן זיטען, אָהן גלויבען.
און אויב דאָס איז די ערציהונג וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט !

4

פערצייטען אַ ווייבעל האָט נאָר געוואוסט בלויז
צו זיין דעם מאַן איבערגעגעבען:
ערצויגען די קינדער, געווירטהשאַפט אין הויז, —
ווי גליקליך וואַר זייער לעבען!
היינט ווערט פערבראַכט,
איהר טאָג מיט איהר נאַכט,
מיט מענער, געסט, יונגע און שעהנע...
פון די בעלער הוטשאַק, (2
גלייך אויפ'ן קאַטאָק, —
צום מאַן איז זי פּשוט אַ שכנה.
און אויב דאָס איז שוין די דאַמע וואָס דאַרף זיין געשוינט,—
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

5

פערצייטען, אַ קלויז מיט תורה וואַר פול,
בעלי־בתים ביים שיעור געזעסען,
געלערענט, געדאַווענט, גענעכטיגט אין שוהל,
דער פונק איד זאָל זיך ניט פערלעשען;
היינט זינגט אַ כאָר,
דער עולם שווייגט גאָר,
כלי־קודש אין שוואַרצע קאָסטיומען;
די „שטעט" שטעהען פּוסט,
דער בעל־הבית האָט קיים גוסט,
יום־כפור אין שוהל נאָר צו קומען.
און אויב דאָס איז די קדושה וואָס דאַרף זיין געשוינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

6

פערציייטען, פינף הונדערט גילדען נדן,
האָט געגעבען די גרעסטע אָסאָבע,
געקליבען אַ געראָטענעם, אַ עילוי, אָ מאַן,
און צוויי קליידלעך אין גאַרדעראָבע;
היינט ווערט מען גראָה,
ביז מען דערלעבט די שעה,
קען איהר גלייכען דערקריגען;
איהרע קליידער נעהמט צו,
זיין געלט און זיין רוה,
ער שרייט און שרייט, ביז ער ווערט אנטשוויגען...
און אויב דאָס איז אונזער נחת, וואָס דאַרף זיין געשוינט,—
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

7

פאַרצייטיגע דורות, ווי געזונט און ווי רויט,
צום טייוועל זיך ניט אָפּגעגעבען,
דעם מענשענס אָרגאַן פלעגט זיין פעסט געבויט, —
ווי געזונט און ווי לאַנג וואַר דאָס לעבען!
היינט צו דרייסיג יאָהר,
ווערט גראָה די האָר,
קיין ציינער ניט אויבען, ניט אונטען;
דער — נערוועיאיש, דער — דאַר,
דער — א מאָגען־קאַטאַר,
פרואווט קריעגט היינט א מענשען א געזונטען.
און אויב דאָס איז דער פאָרשריט וואָס דאַרף זיין
געשוינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

8

דער מתמיד פלעגט האָבען נאָר איין אָבאָראָט,
צו לערנען און נעמען די „סמיכות“,
א רב פלעגט ער זיין נאָר איינער אין שטאָט,
איינער אין כבוד, אין יחוס;
היינט זעהט מען אין שטאָט,
דאָקטוירים אָהן שטשאָט,
כמעט באַלד שוין מעהר פון חולאים,
מען פאָהרט נאָך ארוים,
איבער שטעטלעך דורכאוים,
ווי די בעלי־תפלות אויף ימים־נוראים.
און אויב דאָס איז דער שטודיום וואָס דאַרף זיין געשווינט,—
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

9

פערצייטען, געשעפטען שטעהען געזונט,
קיין שטורעם־ווינט פלעגט זיי ניט ריהרען;
מיט אייגענע קאַפּיטאַלען געבויט זיי פון גרונט,
און דורות פלעגען זיי עקזיסטירען.
היינט ווערט עס געשטעלט,
אויף פרעמדע געלט,
די פערדיענסט געהט אוועק אויף פראָצענטען,
מיט טערמינען, מיט ביינק,
אז אָן דער זייט א געליינק,
פאַלט דער דאָקטאָר מיט די פּאַציענטען.
און אויב דאָס איז דער מסחר וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

10

פערצייטיגע יאָהרען, א גביר אין א שטאָט,

האָט געהאט אַן אַלמער מיט ספרים,
מיט צדקה צו לייטען, מיט פרומקייט צו גאָט,
אן אכסניא פאר רייך און פאר אָרעם;
היינט וועט זיך מיט מיר,
אויב ביי יענעם גביר,
וועט איהר דאָרט אַ חומש געפינען;
אויסער די קאָרטען,
שמעקט קיינער ניט דאָרטען,
קיין אידען א נראָשען פערדינען.
און אויב דאָס איז דער נגיד וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

11

פערצייטען, דעם מאַן אז א פינגער טהוט וועה,
האָט די ווייב שטאַרק זיך בעקימערט,
געזוכט מיטלען, רפואות, און הילף אלערליי,
זי האָט זיך דעם לעבען פעראומערט;
היינט מאָג ער זיך זיין,
אין יסורים, אין פיין,
איז זי ניט פון די פערצייטיגע נאַרען,
זי האָט זיך א כלל,
אז אויפ׳ן לעצטען פאַל,
דאַרף דאָס איהר אויך גאָר ניט אַרען...
און אויב דאָס איז דער זיווג וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

12

פערצייטען, דער איד האָט אמונה געהאט,
מיט דער האָפענונג אלץ דורכגעקראָכען,
אז עס טרעפט אן עת־צרה, דעם כלל צי דעם פרט,

האָט איהם געראַטירט זיין בטחון;
ווי ער לאָזט עס איין,
פאַלט אין ספק אריין,
קען דאָס איהם קיין טרייסט מעהר ניט געבען,
און אז עס טרעפט אן אונגליק,
די צייט גיט א דריק,
ענטזאָגט ער זיך באַלד פון זיין לעבען.
און אויב דאָס איז די השכלה וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלווינט!

13

דער געמיינער פלעגט וויסען זיין גראַד גאַנץ וואויל,
אויפ'ן גביר די אויגען ניט גלאָצען,
אַ זשופּעצע פון קיטיי אויף אַ גילדען אַן אייל,
„ראַצע־מאָרע — זאָגט ער — זאָל טראָגען דער קצין"
היינט א מיידעל מיט באָב,
איז איהר וואָהל־צייג צו גראָב,
צו פּראָסט איז שוין אַטלעס — מאַנטינע;
און ווען די שכנים דערזעהען,
דעם שיק און דעם ברען,
פערגרעסערט עס אין דאָפּעל די שנאה.
און אויב דאָס איז דער פּראָגרעס וואָס דאַרף זיין
געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלווינט!

14

אמאָל האָט דער אידעל גאַנץ איינזאַם געלעבט,
צום קריסט פלעגט ער זיך ניט מישען,
ער האָט נאָר צום רובעל פּרנסה געשטרעבט,
פון גאוות וויל ער ניט וויסען;

היינט איז ער כלה'ס צד...
אין קלוב, אין מאַסקאַראַד,
אויפ'ן גאַס זיין שיקאַזנע קאַרעטע,
און אז ער גיט נאָך א נעהם,
זיין „ליעבכען" ביי עם,
מאַכט שוין די שנאה א סמעטע.
און אויב דאָס איז די התקרבות וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

15

אינגבער פלעגט זיין א רפואה צום בויך,
מיענטע האָבען אַלע פערשטאַנען;
די קינפעטאָרין פלעגט זופען איהר נאַסאַטקע ווי יויך,
און א געזונטע פון בעט אויפגעשטאַנען;
היינט איז א מאָדע ארויס,
מיט די בעדער דורכאויס,
קאַרלסבאַד, עמסען, איטאַליע;
אונז איז נאָר בעוואוסט,
אז די קעשענע ווערט פוסט,
אָבער אויף העלפען איז דאָס נאָך א שאלה...
און אויב דאָס איז די נייעסען וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער בייטען געלוינט!

16

אַמאָל פלעגט דער אידעל זיין תקיף אין שטאַנד,
ווען ער האָט זיך ארום פריץ געריבען,
קויפען — פערקויפען, פלעגט געהן דורך זיין האַנט,
זיין פריץ פלעגט איהם פשוט ליעבען;
היינט ווען ער שטודירט,
ווערט הויך אויפגעפיהרט,

וויַ לאַסקער אָדער ווי קוראַנדע 3)
און ווערט אין פּאַרלאַמענט,
דעם קאַנצלער׳ס קאָנקורענט,
גענִיסט מען קולאַקעס מיט שאַנדע.
און אויב דאָס איז די גליקען וואָס דאַרף זיין געשווינט, —
אסור, אויב אונז האָט דער ביטען געלוינט!

1883

# דער אריסטאקראט

נבלע ישראל, עתה הוי בגוים
ככלי אין חפץ בו.
(הושע ח׳ ח.)

פיעל דאַנק איך און לויב גאָטעס נאָמען,
וואָס ער האָט מיר די אויגען אויפגעמאַכט,
האָט געשיקט אויף מיין שטעדטעל „פּאָגראָמען״,
דאָס האָט מיך פון חלום ערוואַכט;
איך האָב אָבגעלעבט אַ לעבען אין טומעל,
פערדאָרבען מיין קערפּער, מיין גייסט,
אויף מיין האַרצען איז אָנגעוואַקסען שימעל,
פערלאָרען מיין שטאָלץ און מיין דרייסט;
געזוכט פריינד פון פ ר ע מ ד ע נאַציאָנען,
מיינע ברידער פערהאַסט און פעראַכט,
לסוף האָט מען מיר ניט געוואָלט קאָנען,
אין די אויגען וואַר איך אויסגעלאַכט;
פערדאָרבען מיין ווייב, מיינע קינדער,

קיין רוהיגען לעבען געהאַט,
געגען מיין פאָלק און מיין שטאַם אַ זינדער,
איך האָב געוואָלט זיין אַנ'אַריסטאָקראַט!

2

פון די אַריסטאָקראַטיזמוס מיט די פינסטערע נעמען
האָב איך שוין, לויב גאָט, אַ בעגריף,
טאָ וואָס זאָל איך מיך איצטער שעהמען,
דערצעהלען אייך מיין יחוס בריעף? —
תלמוד תורה האָט מיך ערצויגען,
אין ישיבה אויף דער הילצערנער באַנק,
נאָר אַ ישוב'ניק וואַרפט אויף מיר אויגען,
ער האָט פאַר מיר דרשה געשאַנק,
ער האָט פאַר מיר אַ דיקע בהמה,
צו איהר נאָך אַ ציעג אין נדן,
אָט בין איך מיר געוואָרען כדומה,
פון אַן אַלטען בחור — אַ יונגער מאַן.
מיין גליק האָט גענומען דאַן שפּיעלען,
אַ פּאָר טויזענד ווי איך האָב נאָר געהאַט,
דאַרף זיך מיר צו מיין אומגליק פערוועלען
צו ווערען אַנ'אַריסטאָקראַט.

3

ענטזאגט באַלד דעם אידישען רבי'ן,
פון אַ אידישען ספר קיין שפּור;
איינגעפיהרט אַ קריסטליכען לעבען,
מען זאָל מיינען דאַס איז קריסט פון נאַטור;
קריסטמעס געשטעלט מיר אַ יאָלקע,
בעפּוצט איהר מיט פרוכטען, מיט ליכט,
אַ נדבה אויף אַ רוסישע „קאָשצאָלקע“

און קריסטליכע בעדיענונג איינגעריכט —
אי אַן אַם, אי אַ דיענסט, אי אַ קוטשער,
קאַצאַפּעס אין געשעפט, און־און־אום,
אַ באָנע, אַ לאָקאַי, אַ שווייצער,
און יעדערן פערקליידט זיין קאָסטיום;
שבת געטהאָן ווי אום דער וואָכע,
זונטאג געפייערט אַקוראַט...
דאָס יודענטהום אין גאַנצען פערבראָכען,
און געוואָרען אַנ'אַריסטאָקראַט.

4

מיין ווייב — די ישוב'ניצע די פּראָסטע —
זי טאַנצט מיר אויך נאָך צום גראַם,
געוואָרען גיך אויס בעל הבית'טע,
אויס ווירטהין, אויס ווייב, נאָר „מאַדאַם“;
ביז האַלבען טאָג געלעגען אין בעט.
— זי וואַר נעכטען אין מאַסקאַראַד —
דערנאָך ערשט געמאַכט די טואַלעט,
אַרויסגעפאָהרען מיט שיק, מיט פּאַראַד;
אָפּגעשטאַט אַ צוויי־דריי וויזיטען,
געקומען אַ היים מיט קוראַזש,
געהייסען איבערשפּאַנען דעם שליטען
און באַלד — אויף טעאַטער „בעלעטאַזש“;
אַן אָרימאַן אין קאָרידאָר ניט דערלאָזען,
דאָס האָט זי געהיט ווי אַ כוואַט,
וואו אַ איד, האָט זי פון זיך געבלאָזען,
זי איז שוין אויך אַריסטאָקראַט.

5

די אַם, און די דיענסט און די באָנע,

האָבען מיט די קינדער אַ פּעולה געטהאָן,
אַז דער איד איז אַ שר, אַ סכנה.
שריי־זשע „סמערדיט! פּאַשאָל וואָן!"
זיי האָבען די קינדער געלערנט
צוזאַמען מיט די מילך פון די בריסט:
— „צייט דער איד האָט גאָטעס זוהן ערצערענט,
„איז ער פערבליבען אויף אייביג פערוויסט,
„הפקר איז אַלץ וואָס איז זיינע,
„הפקר זיין לעבען, זיין געלט".
און איך פלעג עס הערען די טענה,
און דאָס האַרץ האָט מיר דאַמאָלס געקוועלט;
מיינע קינדער זיינען פערבליבען
שונאים דעם כלל און ד'עם פּרט, —
ניט מיר מיינט מען, נאָר —די א י ד ע ן די דיבען(1
איך בין דאָך — „אַריסטאָקראַט!"

6

מיין טאָכטער פלעגט אויסגעהן שפּאַצירען
אין ברילען, מיט דאַרווינ'ס אַ באַנד;
קאַוואַלערען פלעגען איהר שטענדיג פיהרען
מיט אָפיצערען געאַרעמט ביים האַנט.
ניט געוואוסט וואו די קיך איז געשטאַנען,
ניט געוואוסט פון אַווירטהשאַפט אין הויז,
אַ בוך האָט זי אַזוי פיעל פערשטאַנען —
פיעל איך די גמרא אין קלויז;
ביים פּיאַנאָ פלעגט זי ליטען אויסגעבען,
ווי אַ קוימענקעהרער עסט ווייסע קעז, —
קיין גאַמאַ(2 האָט זי ניט געוואוסט אין איהר לעבען,
קיין בעקאַר, קיין בעמאָל, קיין דיעז(3

דערפאַר פלעגט זי האַסען אַ אידען,
גענבערענט פראָסט זיין אָרט אין דער טהאַט,
און איך בין געווען פול צופריעדען,
איצט בין איך אַריסטאָקראַט.

7

אין הויז פלעגט שטענדיג זיין בעלער,
צו אַלעמען אַ קאָנטרע־וויזיט,
רוסיש פלעג איך ריידען פול פעהלער,
נאָר קיין זשאַרגאָן — גאָט בעהיט!
אויף מאַסקאַראַדען פלעג איך מיר פאַרהולען,
אין וואַלצערס, אין קאָנטרעדאַנס;
אין קלוב פלעג איך פיעל געלט פערשפּיעלען
אין סטוקעלקע, אין פּראָפּעראַנס;
ענינים פון אידישען צבור
ניט נעהמען קיין אַנטהייל אין דעם,
אַ מחבר פלעגט ברענגען אַ חבור —
דער דיענער מיט די הינד גלייך אויף עם;
אויף פסח קיין קמח עניים,
קיין הקדש, קיין שוהל און קיין שטאַט,
אויף מיין שוועל ניט אַרויף די גבאים,
איך בין דאָך אַריסטאָקראַט.

8

מיין זוהן גיב איך שטודירען,
און דאָס לעצטע פונק לעשט זיך אויס גיך;
ער זעהט דאָך ווי צו הויז פלעגט זיך פיהרען,
אָט האָט ער אַ ביישפּיעל פאַר זיך —
אַ רייך קינד און ווייס פון קיין גלויבען,

און מיט שלעכטע חברים שפּאַצירט,
פלעגט אָפט מיך בע׳גנב׳ענעו, בערויבעו,
און האָט די רעגיערונג בעריהרט:
עפּענטליך גערעדט אויפ׳ן קייזער,
וואָס יעדעס וואָרט שמעקט מיט סיביר,
אַז איך פלעג מיך געבען אַ בייזער,
מיט פעראַכטונג, אויסגעלאַכט פון מיר;
מיין האַרץ איז אין מיר שיער צושפּרונגעו,
„מכת דם" ווי פּרעה געהאַט,
אַ בת קול האָט מיר דאַן געקלונגעו,
אַז דאָס איז אַן אָנפאַנג פאַר „אַריסטאָקראַט".

9

מיין ווייב — האָבען געזאָגט אַריסטאָקראַטקעס —
אַז אַ געזונדע פרוי איז זעהר געמיין,
אַ רויטע געזיכט פּאַסט פאַר די יאַטקעס,
אַ „מאַראַס" קליידעט „בלאַס" זעהר שעהן...
האָט זי אויף זיך גענומען אַ נדר
— זיצענדיג אויף מאַסקאַראַד —
אויף זומער צו פאָהרען אין די בעדער
אָבצוצעהרען זיך אין מאַרינבאַד.
צוריק איז זי געקומען אַ בלאַסע,
דאַר ווי אַ סקעלעט, ווי אַ כאָרט,
און דאָ פרעגט מיר די באָבע אַ קשיא:
צי זאָל זי איהר אָבטרעטען דעם אָרט...
דעם פּעבעל מיט איינזעקטישע נגונים,4)
האָבען מיין נאָמען בעפלעקט און בעשמאַט,
האָב ברודער „צ פ ר ד ע און כ י נ י ם"
דו ביזט דאָך אַן אַריסטאָקראַט.

## 10

ווי דער פּעבעל האָט מיך אָבגעשטויסען,
ביי קריסטען פֿאַררעכענט מיר פֿאַר דול,
דעם גלויבען איז שוין צו שפּעט צו טוישען...
האָב איך אויפגעקלערט אַ רעפֿאָרמירטע שול,
דעם שבת אויף זונטאג פֿערבייטען,
אַן אָרגעל, פון קריסטינס אַ כאָר,
דאַוונען אָהן היטלען ווי „ביי לייטען",
און צוזאַמען מיט פרויען צו־פּאָר;
אַ סידור פון בערלין אויסצושרייבען,
פון גייגער'ס[5] גע'רעפֿאָרמירטעס הויז,
פון דאַוונען א צעהנטעל זאָל בלייבען,
וואו „ירושלים", וואו „משיח" — אַרויס,
צו מיין דעה דערטאַפּט באַלד אַ קרוב,
דאָ האָט די השגחה קיין ברירה געהאַט,
טאָ נאַ־זשע דיר די פֿיערטע מכה „ערב",
דו ביזט דאָך אַן אַריסטאָקראַט.

## 11

אָט דאָ האָב איך דערזעהן צו מיין שאַנדע,
אין וואָס מכת „ערב" בעשטעהט:
חיות, אַ „באָסע קאָמאַנדע"
האָבען אונזער שטעדטעל מיט פֿערדען פֿערשנעעט.[6]
מיינע דיענער האָבען זעלבסט אָנגעוויזען
וואו עס ליעגט ביי מיר ציערונג אין פּעק;
געענדיגט די שעפּסעלע גריזשען,
און גלייך איבער'ן שטעדטעל אַוועק;
מיין זוהן אַז מען גיט איהם „פּאָ שייע"[7]

האָט ער מיר אַ קשיא געפרעגט:
„ראַזווע מי טאָזשע יעווריעאי?“[8]
אָט די קשיא האָט מיר פאַר אַ תירוץ געקלעקט.
מיר זיינען אַוועק באַלד קיין קיעוו,
אָבער דעם זעלבען פעסט האָט זי אויך געהאַט,
דיר קומט דאָך דער „דבר“ מיט חיוב,
דו ביזט דאָך אַן אַריסטאָקראַט.

12

אין קיעוו האָבען מיר זיך געוואָגעלט
אַז מיר זיינען אין אַ כקראָפּעל אַריין,
מיט שטיינער האָבען קאַצאַפּעס געהאָגעלט
נו, „שחין“ און „ברד“ מוז דאָך זיין. —
ווי קין האָט מען אונז געשליידערט,
צום גרענעץ, קיין עסטרייך, קיין בראָד,
דאָרט האָט געשווירבעלט, געוודערט
פון בעררייבטע אַ גאַנצער נאַראָד.
ביז פופצעהן טויזענד מענשען אָנגעהאַנגען
אויף גאַליציען, וואָס איז זעלבסט הונגעריג,
ברויט אַז מען פלעגט נאָר דערלאַנגען —
פערשלונגען ווי דער היישעריג,
פון דעם היישעריק דער „ארבה“, ווי אַ כמאַרע
האָב איך שוין קיין קרעפטען געהאַט.
דיר קומט דאָך דער ארבה, ווי פרעה,
האָסט דאָך געוואָלט זיין אַן אַריסטאָקראַט!

13

א דירה האָב איך געהאַט דאָרט א פיינע,
אין א פינסטערען קעלער דאָרטען,

האָב איך דען צו גאָט א טענה ?
„חושך“ קומט מיר על פּי דין.
פון די גרויסע מיטינגען־סך’ען,
וואָס מענשען האָבען געלט אויפגעמאַכט,
ברייגנט מען אונז עסען און זאַכען.
אויף די באַהנען צום ים גלייך געבראַכט,
ווי מען זעצט אונז אוועק אויף די שיפען,
ווערט פּלוצלונג א גאַנצער געשריי:
זשאַנדאַרען האָבען מיין זוהן אָפּגערופען,
פערהאַפטעט, געפיהרט קיין ראָסיי.
פון מיין בכור, מיין איינציגען יורש,
קיין געדוס עד היום ניט געהאַט,
טאָ נאַ דיר שוין „מכת בכורות“
און זיי שוין אויס אַריסטאָקראַט.

14

פּתח תקוה[9] האָט אונז שוין צוגענומען,
געגעבען א פּעטע שטיק ערד,
פערהאָלפען אין אביסעל מזומן
געקויפט מיר בהמות מיט פערד;
מיר בעארבייטען די קאָלאָניע גאַנץ פּראַקטיש,
פון צייטונגען ווערען מיר געהערט,
די וועלט קען עס זעהען אַלעס פאַקטיש
אַז דער איד איז אויך פעהיג צו ערד.
עס לערנען אונז די צרות, די נויטען:
אז דער איד מוז זיין „איד“ איבעראַל,
איין איד מוז זיך בינדען צום צווייטען,
זאָנסט געהט פערלאָרען דער „כלל“.
אז די מכות האָב איך אין רוסלאַנד געקריגען

עס איך היער די קניידלעך צו זאַט,
אין פעלד זינג איך מיט פערגעניגען,
אַט דאָס ליעד פון „אריסטאָקראַט"...

1883

# די לבנה

איהר אַנבליק אויף אונזער ערד.

1

צווישען די שטערען, די מיליאָנען פּלאַנעטען,
וואָס שוועבען און פליהען, אין אונבעגרענעצטען פּלאַץ,
צווישען די זונען, מיט די טויזענדער קאָמעטען
וואָס קיינער דערגעהט ניט זייער מאָס, זייער שאַץ;
צווישען די אַלע, בעמערק איך אַ שטערען,
גרויס ווי אַ פויסט „די ערד" רופט מען דאָס;
אויף דעם קליינעם קערפּער קריכען דאָרט מילבען,
זיי רופען זיך „מענשען" איך וויים ניט פאַר וואָס?
שוואַך זיינען זיי ווי אַ פליג;
לעבען אַ גאַנץ קליינע צייט,
און פערברייגגען די ווייל׳ע אין קריעג,
אין קנאה, אין שנאה, אין שטרייט;
דער שטאַרקער דעם שוואַכען בערויבט,
ניטאָ גאָר קיין יושר ביי זיי —
איך ווער פון די קולות פערטויבט,
פון די טויט־קרעכצען מיט דאָס געשריי!

2

נאָך אײדער דער ערד־קױל, איז געװען בעזעסעו,
װען עס װאַר קײן ים, קײן באַרג, קײן בױם,
װען זי װאַר אַ קױל פײער, דער װאָלקען פלעגט איהר לעשען,
ביז איך שױן געפלױגען מיט איהר גלײך אין רױם.
פון איהר ערשטען מענשען איז שױן אַרױס אַ קין,
װעלכער האָט פערגאָסען זײן ברודער׳ס בלוט;
און הבל׳ס גװאַלדען הער איך ביז איצט שרײען,
װײל די קינדער געהען אין זײן מאַרשרוט.
װאָס איך זעה זיך אָן פון די דרײ:
פון ליעבע, פון כבוד, פון געלט,
נאָך זײ געהט האמבאָג,1) מערדערײ,
און מאַכען נאָר חרוב די װעלט!
דער דערשלאָגט דעם מיט זײן פען,
דער טאַקע פראַסט מיט זײן שװערד —
איך מוז עס געהן נאָהענט און זעהען
מיט בלוט װי מען פאַרבט עס די ערד!

3

װאָס איך זעה בײ די מילבען, זײט טױזענדער יאָהרען,
זײ קענען זיך ניט צוטײלען מיט אַ פרײע שטיק ערד;
דאַן זײנען ריטער און קעניגע געװאָרען,
ערגאַבערען פעלקער, דורך ביקס און דורך שװערד;
די װערען פרינצען, די אונטערטאַנען,
איבער טױזענדער לײבקנעכט — א י י ן אַריסטאָקראַט;
דער אײנער אויף לוקסוס, פערשװענדעט מיליאָנען,
די האַרעװען און שאַפען — און קײן ברױט ניט צו זאַט!
און אײן לאַנד װאָס איך זעה זיך אָן

וואָס דאָרטען צוטהוט אַ טיראַן:
בעשאַפט זיך אַנ'אינקוויזיציאָן,
בלוט פליצט דאָרט ווי פון אַ קראַן,
די בעסטע לייט ווערען געשטיקט,
דאַמען ברייננגט ער אין גרויס נויט;
נאָך סיביריען ווערען זיי פערשיקט,
און לאָזט זיי פערשמייסען אויף טויט.

4

דאָרטען צוקריגען זיך צוויי דיפּלאָמאַטען:
מען האָט מיט אַ וואָרט זיין קייזער בעריהרט,
ווערט פּלוצלונג „נאַבאָרען" אַ קינד פון אַ טאַטען,
מיליאָנען ווערען דאָרט צום שלאַכט-פּלאַץ געפיהרט,
דאָרט שניידט מען מענשען גאָר אָהן רחמנות,
דאָרט קייקלען זיך קעפּ, די בלוט איז נאָך הייס,
דאָרט קלאָגען יתומים, דאָרט שרייען אלמנות,
דאָרט זעטיגען זיך פייגלעך מיט זייער טאַטענס פלייש!
די הרוגים צעוואָרעמט די זון,
דען ווער וועט עס קוקען אויף זיי?!
די לופט ווערט פערדאָרבען דערפון,
עס צעלייגט אין שטעדט מענשען ווי היי!
וואָס האָסטו האָסטו מיך גאָט איינגעבויגט,
איך מוז געהן אַזוי נאָהענט צו דר'ערד?
איך זאָל זעהען ווי עס ווערט דאָ צעלייגט
אַ האַלבע מדינה פון שווערד! —

5

איך קען עס אויך ניט צוזעהן די גרויסע רציחות
וואָס אַ טיראַן צעטהוט איצט, איבער אַ שוואַכע נאַציאָן,

וואָס איך גערינק נאָך איהר זיידען, איהר אַדעל, איהר יחוס
ביז דוד, ביז משה׳ן, פון אברהם׳ען אָן.
פון פרעה׳ן אַ ערשטען, וואָס זיי האָבען צעליטען!
פון כשדים, פון בבל, עמלק, אַרם;
פון רוים, פון שפּאַניע, געברענט, געשניטען
און ביי דיזען טיראַן נאָך עד היום!
דעם נאָמען האָט ער זיי פארשוועכט,
און טרייבט זיי אַרום אויף דער וועלט,
ער גיט זיי קיין מענשליכע רעכט
און זויגט זייער בלוט, זייער געלט!
געפינען קיין רעכט אין געריכט,
וואָס אונגלויבליך, קען זיי אַלץ געשעהען —
איהר וואָלקען פערדעקט מיין געזיכט,
איך קען די ר צ י ח ו ת ניט זעהען! —

1885

# צו די שטערען

אויף איך שטערען, געהט ביי אונז א זאַגע,
אז יעדערער פון אייך, איז א גאַנצע וועלט:
מיט ים מיט יבשה, מיט נעכט און טאגע,
איהר זייט מיט מענשען אויך בעזעעלט;
אייך זעהען, בעטראכטען ווען איך וואָלט קאָנען,
צו האָט איהר אויך פעלקער, מיט אונזער ערד צוגלייך,
אָדער איהר ווייסט ניט, פון פערשיעדענע נאַציאָנען;

## אָה, גליקליכע מענשען! ווי וואויל איז אייך!

בײַ אונז אויף דער ערד:

פרידען, שטיל
ווי מען וויל,
גיט גאָר ניט אין לאַנד,
מיליטער
וואָס מעהר,
אימער דעם שווערד אין האַנט!
ענגלאַנד מיט אינדיאַנער
שנאים פון דער וויעג,
טערקען מיט סלאַוויאַנער
אייביג שטרייט און קריעג.
דער שווערד
אויף דר'ערד
רוהט ניט איין מינוט,
רק שטרייט
און שניידט
אז די ערד פאַרזינקט אין בלוט!

2

וואו נעהם איך פליגלען צו אייך צו פליהען,
זעהן וואו איהר דאָרט אין בילדונג האַלט;
ווילט איהר זיך גאָר וועגען דעם ניט בעמיהען;
איהר זייט נאָך ווילד, אין אַפּענגעשטאַלט;
אָדער איהר זייט שוין אלעס דערגאַנגען,
די פערבאָרגענע נאַטור — מיט גייסטער צוגלייך;
איבעראַל איז אייך ליכטיג, קיין פאַרהאַנג פערהאַנגען...
אָה, גליקליכע מענשען, אַזוי וואויל איז אייך!

ביי אונז אויף דער ערד:

מען איז בלינד
ווי א קינד
מען ווייס קיין אָנהייב ניט,
עס האָט קיין ווערט
וואָס מען קלערט,
מען מאַטערט מאַרך אומזיסט.
וואָס איז די לעבענס קוועלע.
ווי דיינקט זיך אין דער שטיל ?
ווער איז גייסט און — זעעלע,
וואָס איז דעם מענשענס ציעל ?
דער מאַשין
פון זין,
ווי טרוימט זיך אין שלאָף ?
מען בלייבט פּוסט
אונבעוואוסט,
עס ווייס קיין פילאָזאָף !

3

איך וואָלט וועלען זעהן די שלעכטע געזיכטער
וועלכע מוזען ביי אייך, צום משפט שטעהן,
וואָס איז די עבירות ? ווער איז דער ריכטער ?
גיט אויך א לאַער, וועלכער מאַכט זיי ריין ?
איהר זייט פיליכט געבענשט, מיט די נאַטירליכע נאמנות,
איהר קומט צונויף אויפ'ן גאַס, מיט די בושלען צוגלייך ?
און ריכטעט מיט אמת, אָהן כאַבאַר אָהן מתנות,
אָה, גליקליכע מענשען אַזוי וואויל איז אייך !

בײַ אונז אויף דער ערד:

כאַבאַר
איז די שטאַר
וואָס די אויגען פערשטעלט,
זײַ א דיעב
נאַר ג י ע ב
אַ העלפּט א י ה ם פון דײַן געלט.
פּערויבטע שרײַען מאַסען,
דער ריכטער מאַכט זיך שטום!
דער וואָס ברענט אָפּ גאַסען
געהט זיך פרײַ ארום.
דער אַקטיאָר
פון רעוויזאָר 1)
ווערט נאָך גאַר ניט אַלט,
וואו מען געהט
וואו מען שטעהט
זעהט מען זײַן געשטאַלט.

4

עס איז מיר זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען
אויף וועלכע שטופּע אײַער בילדונג שטעהט,
זײַט איהר פּראָסט און עהרליך, מיט א רײַנעם געוויסען,
ווי מיר אַמאָל, — נאָך יונגערהײַט;
אָדער איהר זײַט שוין אין פּראָגרעס געשטיגען,
דאָס געוויסען ג ע ז י ט ע ט, בײַ אַלעמען גלײַך,
קײַן פאַלשע הערצער, איז ניט צו קריגען?
אָה, גליקליכע מענשען, אַזוי וואויל איז אײַך!

בײ אונז אויף דער ערד:

דעם קינד
געשווינד
טרײבט מען אין דער סקול,
און דער אָסטראָג 2)
פון טאָג
ווערט נאָך מעהרער פול;
ווער אין בילדונג גרעסער
קוקט נאָר רק פאר זיך,
די בילדונג שלײפט דעם מעסער
דעם צווײטען קוילען גיך.
בעטרוג
מיט קלוג
געהן גלײך געפּאָרט;
ווער פײן
וויל זײן,
קריגט אויף דער ערד קײן אָרט.

5

שפּיעלט בײ אײך אויך, א ראָלע „יחוס“
ווי בײ אונז, אָט דאָ אויף דער ערד?
א „לאָרד“ און „גראַף“ בעקומט דער די סמיכות
דער וואָס שטאַמט פון אַראַבסקע פערד?
אָדער „דעמאָקראַטען“ און „אַריסטאָקראַטען“,
איז גאָר אײער לעקסיקאָן אין די ווערטער ניט רײך
איהר זײט גלײכע יחסנים, ווי קינדער פון אײן טאַטען,

אָה, גליקליכע מענשען אזוי וואויל איז אייך!

ביי אונז אויף דער ערד:

דעם קנעכט
איז שלעכט
הפקר איז זיין גוף;
געדריקט,
געשטיקט,
און מאַכט די מויל ניט אויף.
זיין גאנצע האָרעוואניע
געהט אַוועק צום ווירט,
עס העלפט גאָר ניט קיין טענה
דען דער „פויסט" רעגירט.
פערשמאַכט,
פעראַכט
פערעכענט ווי א פערד;
דער „באַראָן"
דער „פאָן"
צו איהם געהערט די ערד.

6

האַלט איהר נאָך פיליכט, ווי אונזערע ערשטע מענשען,
אז א שרעק פון א דונער אייך „גלויבען" ערקלערט;
אָדער אייער שכל, איז שוין אריבער די גרענעצען:
איהר ווייסט די ווארהייט, גאָר אונגעשטערט?
האָט אייך דאָרטען ווער איין „תורה" געגעבען,
איין אמונה, איין גלויבען פאר אלעמען גלייך?

דאַן ווייסט איהר קיין רעליגיאָנס האַס, צייט אייער לעבען,
אָה, גליקליכע מענשען, אזוי וואויל איז אייך!

בײ אונז אויף דער ערד:

דער וואַטיקאַן 3)
ברענט דאַן
מענשען אין דער גלוטה;
מאַהאַמעד
מאַכט פעט
שטיקער ערד מיט בלוט.
מלחמות אָהנע גרענצען
האָט רעליגיאָן געבראכט,
קרבנות פון מענשען —
אויף איהר אַלטאַר געשלאַכט.
מען שרייט
פאַר לייט:
„איך בין פון גאָט געשיקט"
און מיט דעם
גוטען שם
ווערגט מען און מען שטיקט.

7

איז בײ אייך אויך געווען א שם, חם און יפת
וואָס די קינדער פערגעסען זייער שנאה ניט.
און גענומען זיך צו שם'ען, דערשטיקען ביז א נפש,
און מען גיט זיך א נאָמען „אַנטיסעמיט"?
גיט דאָרט אויך בײ אייך אזוי אן אומה אידען
וועלכע האָט קיין רוה. ווי דער שפענדעל אין טייך?
אָדער איהר לעבט זיך אלע, אין ליעבע און פריעדען,

אָה, גליקליכע מענשען, ווי וואויל איז אייך!

ביי אונז אויף דער ערד:

פון אַרם
דער פלאַם
וואָס האָט אברהם'ען געברענט,
ער היצט
ביז איצט
און ווערט נאָך ניט פערלענדט;
וואו דער איד זאָל קומען
געפינט ער ניט קיין רוה,
וואו ער ווערט פערשוואומען
נעהמט מען איהם ניט צו;
איבעראל
א באַל
מען וואַרפט פון האַנט צו האַנט,
א ציעל
צום שפּיעל
און זעהר אינטערעסאַנט...

8

האָט איהר אויך ווי מיר, אייזענבאַהנען,
אייערע שטערען צושניטען און געמאכט א וועג?
איז דען לופט־באַלאָנען, ביי אייך פאראנען,
זייט איהר מיט די „קונסט" שוין גאָרביים ברעג?
און אייערע דאקטוירים, וואָס בעזוכען קראנקע
קוקען געווים ניט פון זיי — ווערען רייך,
און זייערע רפואות, איז א לעבענס געשאַנקע,
אָה, גליקליכע מענשען, אזוי וואויל איז צו אייך!

ביי אונז אויף דער ערד:

דער סטודענט
ער נעהמט
צעהן טויזענד נדן,
ווערט רייך,
קויפט גלייך
קאַרעט און פערד און שפּאַן;
פערגעסט נאָך דעם עקזאַמען
וואָס ער געלערענט האָט.
פאָהרט און קלייבט צוזאַמען
דאָס ביסעל געלט פון שטאָט:
אויב עס שאַדט
זיין ראַטה
איז איהם דער צער ניט גרויס;
דער נס,
אז דער מת
זאָגט קיינעם ניט אויס. —

9

עקזיסטירט דען ביי אייך אויך די מטבע,
וואָס זי טיטולירט אויך „אביון" און „גביר"?
זי איז „למדן" און „יחסן" האָט די מאַכט און די דעה,
אמת און יושר, פאַלען פאַר איהר?
אָדער איהר לעבט זיך, ווי מיר פערצייטען
איהר שפּייזט זיך פון בוימער, פון ערד, פון טייך?
איהר ווייסט ניט פון צרות, וואָס „געלט" קען בעדייטען,
אָה, גליקליכע מענשען, אזוי וואויל איז אייך!

בײ אונז אויף דער ערד:

„אַמור"[4]
מיט א שוואור
פערקויפט מען אלץ פאר געלט;
דאָס האַרץ
איז שוואַרץ
פון דרויסען איז פארשטעלט.
דער צדיק גערט אין טלית
און האַלט אָפען די הענט,
דער מלוה שטעלט בדלות
מיט זיין גרויסען פראָצענט.
דער בעפאַלט
און וואַלד
און ברייננט אום פון דער וועלט;
דער צינדט
א געזינד
און אלעס נאָר פאר געלט...

10

ווען וועלען שוין קומען, די גוטע צייטען
וואָס די פראָפעטען, האָבען פאָרגעזאָגט?
אז טהיערע מיט שאָף, וועלען מעהר ניט שטרייטען
דער שעפס וועט ניט זיין פון וואָלף געיאָגט;
קוה און בער, געשפאַנט אין א וואָגען
א קינד וועט פיהרען ביידען גלייך
און איהר שטערענלייט וועט דאמאָלס זאָגען
אָה, גליקליכע ערד־מענשען, אזוי וואויל איז אייך!

ביי אונז אויף דער ערד:

רעליגיאָן
נאַציאָן
וועלען דאן זיין ווילד,
קיין טרער
ניט מעהר
נאָר מ ע נ ש אין גאָטעס בילד, —
א סאָכע מיט א קאָסע
וועט מען מאַכען פון שווערד,
עס וועט ניט זיין קיין רשע
אויף דער גאַנצער ערד;
קיין טיראַן,
קיין אָבמאַן,
קיין פאַלשקייט אין געריכט,
עס ווייזט
נאָר גייסט
אויף יעדעס געזיכט.

1885

# דער נייַנצעהנטער יאָהרהונדערט

1

פון אזיע אין איירָאָפּא בין איך אין אַכסניא
פארקראָכען,
האָב זיך אויסגעמאָטשעט שלאָפען, אין א שמאָלען
קאָרידאָר;

צו קאָפּען אמונה, אונטערן זייט בטחון,
און האָב אָפּגעדרעמעלט זיבעצעהן הונדערט יאָהר. —
האַרט און קאַלט, צונויפגעקאָרטשעט אין איינעם,
נאָר דער שלאָף מאַכט פערגעסען גליק און אַסטראָג,
איך האָב אין שלאָף ניט געשפּירט מיין שטאַנד דעם
גמיינעם,
פּלוצלונג מען שרייט: „שטעה אויף! עס איז שוין טאָג!"
פריינד פון אלע עקען
האָבען מיר גענומען וועקען,
מאַספּים און החלוץ
און בכורי עתים,
מענדעלזאָהנ׳ס קאָמפּאַניע מיט;
דער „תעודה" מיט אַ האַמער
שטעהט און קלאפּט אין קאמער,
יש״ר, רעגינאַ, ערטער,
לעטערים, לוצאַטאַ,[1]
זינגען מיר א מאָרגענס ליעד.
זיי פּלעגען דאמאָלס זאָגען:
— „עס הויבט שוין אָן צו טאָגען,
אַלע אורחים
זיינען אויפגעשטאַנען,
זיי וואַרטען נאָר אויף דיר מיט טהעע".
— „זעה, ווי אַלע נאַציאָנען
ווילען דיר פריינדליך קאָנען,
זיי נאָר ניט פערווילדעט,
גלייך מיט זיי געבילדעט,
האַכטו רעכטע גלייך מיט זיי".
— „זאָל שוין דיין שלאָף
נעמען א סוף,

גיב נאָר א קוק צום הימעל ארויף!
וואָס ליעגסטו אין שמוץ,
נעהם זיך צו נוץ,
עס איז גרויסער טאָג, ישראל שטעה אויף!"

2

איך האָב אויסגעריבען די אויגען, בעטראכט גלייך
דעם הימעל,
עס האָט מיר געדוכט, אז מען זעהט שוין א שיין,
פון טעלעגראַפען, פון באַהנען איז אין אייראָפּא א
טומעל,
די גאנצע פּאָליטיק שיינט פיינער צו זיין. —
רוים די פאַנאַטישקע, מיט איהר דעה די ברייטע,
האָט איהר אייראפּא געלעגט ביי איטאַליען אין זאַלאָג,
נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, האָט שוין לאנג געמאכט
פּליטה,
איבעראל הומאַניזם, — עס איז שוין באַלד טאָג.
באַלד זיך איינגעוואַשען
מיט זייף פון בילדונגסקלאַסען,
מיט צוויי ראַבינער שולען —
און מיט גימנאַזיום
בילדונג, עקסטרא פּאָרווערטס געהט. —
די זשופּיצע מיט די האָקען,
די דעליע מיט די שטראָקען ;(2
אראָפּ די אַלטע שמאַטעס,
איך בין אויס פאַנאַטיש ;
אייראפּעאיש אויסגעקליידט.—
איך האָב שוין אויך יוריסטען,
דאָקטוירים און ארטיסטען,

כודאָזשניקעס(3 די גרעסטע,
רעכענער די בעסטע
און מאַגיסטערס אָהן א סוף. —
דער לאָמפּ וואָס ברענט אין ווינקעל,
פערדרעהט, געמאַכט איהם טונקעל;
וואָס נוצט דער לאָמפּ פון גלויבען,
בשעת די זון שיינט אויבען?
ווי קומט עס צו א פילאָזאָף?
דער תלמוד פערהאַסט,
די פרייהייט פערקנס׳ט,
פאר פרייהייט געגעבען דעם גייסט מיט דעם גוף.
און ציטונגען פול,
מאַכען מיר דול:
„עס איז גרויסער טאָג, ישראל שטעה אויף!“.

3

וואַרטענדיג אויפ׳ן פריהמאָרגען, געהט אָפּ א האלבער
יאָהרהונדערט,
איך וואַנדעל אין דער פינסטער, געקוועלט און געפּלאָגט!
אויף מיינע פריינד די וועקער, ווער איך שטאַרק
פערוואונדערט,
וואו איז דאָס דער טאָג, וואָס זיי האָבען געזאָגט? —
שווארצע וואָלקענס, גערדיכטע שטיקער אלע,
אין שוידערהאַפטע פאָרמעס, איך געה שיער אראָפּ
פון זין!...
די שוועבט מיט עלילת־דם, די מיט א „קניגע־
קאַהאַלע,(4
און דאָ ציהען זיך שטיקער צו רומעניען אהין! —
פון גרויסע שרעק און קומער

געה איך צוריק אין צימער,
איך הער קיין שאָשק, קיין מינדסטער, —
נאָר דורך חושך, פינסטער...
פאַלען פאַל איך וואו איך טרעט!
איך בלאָנדזשע צו די געסטע,
איך הער נאָר כראָפּען פעסטע,
איך פּרואוו דעם דיענער וועקען,
קריג איך מיט א שטעקען,
ער האָט מיר גלייך דעם קאָפּ געפּלעט.
עס האָט מיר באלד פערדראָסען,
וואָס איך האָב דעם לאָמפּ פערלאָשען,
וואָלט דער לאָמפּ נאָך ברענען,
וואָלט איך לעזען קענען,
וואָלט דערווייל פערגעסען נויט. —
אמונה האָב איך פערטריבען,
אין פינסטערניס געבליבען;
ווען זי לייכט אין הערצען,
ווערט לייכט אלע שמערצען,
פעהלט זי — איז ערגער ווי דער טויט!
אומזיסט וואָס איך האָף
אויף דעם זיסען שלאָף,
קיין מינוט קען איך האלטען די אויגען פערמאַכט. —
איך טרעף שוין ניט גאָר
צו מיין קאָרידאָר,
אַך, ווי איבעל, ווי סקוטשנע, ווי לאַנג איז די נאַכט!

4

דער זעלביגער דיענער, וואָס איך האָב פון איהם דעם קלאַפּ געקראָגען,

האָב אויפגערייצט אויף מיר אין אכסניא אלע געסט,
פאר דעם ווירטה זעלבסט רכילות האָט ער אויך
אָנגעטראָגען,
אַז איך בעאונרוהיג די אורחים, פאַרנעהם נאָך זייער קעסט.
מען האָט מיר שוין באַלד געזאָגט גאנץ אָפען,
אַז איך בין אין אכסניא אלעמען צו לאַסט, —
איך בין אַ נאַכט־וואַנדלער, זיי ווילען שלאָפען,
בכן איז ישראל אַן איבעריגער גאַסט.
פלוצלונג פון די זאַאלען
איז מען מיר בעפאלען,
געוואָרגען און געביסען,
אלעם אויף מיר צוריסען,
מיין געלט פון טאַש נאָך אויך בערויבט.
עס ווערט נאָך אלעס ניט שטילער
די מויל פון מיינע בילער,
געמאכט מיר פאר א זינדער,
איך קוילע פרעמדע קינדער,
און אלע ליגענס ווערט געגלויבט.
איך ווייס ניט קיין פּריטשינע,
פון וואנען שטאַמט די שנאה ?
פאר קעסט און פאר נאַכטלעגער
צאָהל איך ווי מיינע שלעגער,
ווארום ווער איך מיינע רעכטע אָן ?
ביטער איז דעם שוואַכען
עלענד אין אלע פאַכען,

ניטאָ ווער עס זאָל שרייען:
„אָה, דו מערדער קין
וואָס האָט הבל דיר געטהאָן?"
מען וואָלט נאָר געקענט,
וואָלט מען דיר געברענט,
דערפאר וואָס איך האָב מיך פון שלאָף אויפגעוואַכט. —
און דאָ פון מינוט
ווערט ערגער, ניט גוט,
גוואַלד, ווי גרויזאַם, ווי לאַנג איז די נאַכט!

5

יעצט זעה איך ריכטיג, שיער א פאַלשע נבואה,
עס האָט בעגייסטערט מיינע וועקער צו וועקען מיר אין מיטען נאַכט,
אויף איינצושלאָפען ווידער איז שוין ניטאָ קיין רפואה,
אַך, ווי פערצווייפעלט, ווי אומגליקליך זיי האָבען מיר געמאַכט!
איך האָב קיין צייטונג געלעזען, קיין בוך ניט פערשטאַנען,
האָט ווער פון מיר געלאַכט, האָב איך אויך ניט געוואוסט.
אין צעהן גילדען א וואָך איז מיין הוצאה בעשטאַנען,
אויף צו פערלעבען טויזענדער, האָט זיך מיר ניעמאלס געלוסט;
צייט איך נעהם מיך בילדען
פליהט ווי פוך מיין גילדען,
מען מוז שוין ברייטער לעבען,
אין גימנאַזיום קינדער געבען,

שפּאָרען קען איך ניט פון זיי. —
געוואוינט צום לוקסוס שטענדיג,
ווערט עס אַלץ נויטווענדיג,
די קוואַלען ווערען חסר,
זוך איך וואָס ניט כשר,
ווערט נאָך גרעסער דער געשריי.
ווי ביטער איז מיין לאַגע,
צייט די אידען פראַגע ;
מען פלעגט פון מיר ווען לאַכען,
אין צייטונג חוזק מאַכען,
וואָס קימערט מיר — מען זאָגט „דוראַק“ ?
צייט איך בין אויפגעשטאַנען,
און האָב א בוך פערשטאַנען,
שרייט מען שטאַרק פון שנאה:
איך שאַד צו דער מדינה,
און שפּיר שוין גאַנץ אָפט א קולאַק.
איך האָב שוין קיין מאַכט,
פון דער שרעקליכער נאַכט,
עס קעהרט מיר מיין מח, פון אומגליק, פון פּלאָג,
פינסטער און שטום,
און שונאים ארום,
גוואלד, ווי דערלעב איך עס זאָל שוין זיין טאָג.

1885

# דער ענטפער

יראו את ה׳ בני ומלך ועם שונים אל תתערב:
(משלי כ״ה, כ״א)

1

איך האָב געהערט דיין ליעד, איך האָב געהערט דיין קלאַגע,
אויף דיינע וועקער דיך איצטער פערדריסט,
עס איז ווירקליך אונאנגענעם דיין איצטיגע לאַגע,
אַבער פערצווייפלען, דארפסטו קיינמאָל נישט.
בלעטער דורך דיינע אַלטע יאָהרען,
וואָס מען האָט איבער דיר צוטהאָן,
פיעל מאָל ביזטו געווען פערשפילט, פערלאָרען,
און צום סוף נעמסטו פאָרט דעם קאָן. —
דאָך ביזטו אויך עטוואס שולדיג,
פאר דיין ליפּיגקייט,
דו ביזט אייביג אומגעדולדיג,
כאַפּסט רק פאר דער צייט.
האָסט דערזעהען אַ בלאַסק אין הימעל,
טאָגט שוין מן הסתם,
הייבסט און וועקסט נאָך לייט פון דרעמעל,
און פערלעשט דעם פלאַם. —
ווער האָט דען דעם גלויבען געמאָסטען,
צו וויסען פונקט די וואָג?
און פיעל וואָלט דיר דען טייער קאָסטען,
אז ס׳וואָלט ברענען ביי טאָג?! —

2

און דאָס וואָס דו בײנקסט און דערמאָנסט די אַלטע
צײַטען,
אַז דו פּלענסט דעמאָלס ניט שפּירען דעם שטאָך
פון נאָל,
ווײס איך געוויס, אַז דו וואָלסט זיך יעצט ניט בײַטען,
צו זײַן אונוויסענד, און ניט שפּירען ווי אַמאָל.
שטרעב נאָך בילדונג, ווי ווײט דו קענסט בעגרײַפען,
כאָטש דײַנע שׂנאים, שטעהען דיר אין וועג.
דען נאָר מיט בילדונג קענסטו דײַן צוקונפט שטײַפען,
נאָר דורך בילדונג קומסטו צו אַ ברעג.
דאָך קינדער מיט פּראָסטע מוחות,
שטופּט ניט אויבען אָן,
עס געהט לאיבוד געלט און כּוחות —
בעסער א פּראָפעסיאָן.
און די וואָס האָבען שוין פעהיגקײטען,
און שטײַגען אין פּראָגרעס,
פון קרומע וועגען, פון נאַרישקײטען —
היט זײ, האַלט אין פרעס;
לעהרען זײ רעליגיאָן און טוגענד,
וואָס זיטליך וואָס עס טויג,
דאַן וועט מען פון אויבען קוקען אויף דײַן יוגענד,
גאָר מיט אַן אַנדער אויג.

3

איך ווײס גאַנץ גוט, אַז קענען די אנטיסעמיטען,
וועסטו ניט זײַן יוצא, אויף קײן אַרט און פּלאַן;
פיעל זאָלסטו זיך פון פערדאָרבענהײט פערהיטען,
בלײַבסטו בײַ זײ רק ניט קײן פײַנער מאַן.

נעהם ניט אין אַכט די רייד פון זייער באַנדע,
די היסטאָריע וועט אַלץ ווייזען צו לעצט. —
זייער נאָמען פערבלייבט אימער צו שאַנדע,
דיין זין, דיין ציעל, פערבלייבט אייביג געשעצט.
נאָר פיליכט האָסטו עטוואָס פעהלער,
שאַף אָפּ, עס איז ניט שעהן !
מאַכסטו הלוואות טאָ מאַך ראיעלער,
זיי יוצא פאר זיך אליין.
שאַף דעם לוקסוס אָפּ אינגאנצען,
דאָס שטעכט לייטען די אויגען אויס,
צאָהלסט צו טייער פאר דיין גלאנצען,
דאָס צאַפּט דיר די מאַרך אַרויס.
און ווען דו ווערסט זיין געליבט ביים טאַטען,
לאַכסטו אויס די פיינד,
אָט דאָס גיט דיר די וואַהרע ראַטהען,
און אלטער גוטער פריינד. —

# דאס אונשטערבליכע פאלק

## 1

צום וואונדער שטעהען אין מצרים די פּיראַמידען,
שטומע מאָנומענטען אויסגעשטעלט ;
אָבער משה האָט דאַן פאָרמירט אַ פאָלק אידען,
אַ לעבעדיגע פּיראַמידע אויף דער וועלט.
נאַציאָנען בליהען פאַר זיינע אויגען,

שטייגען הויך אין דעם גרויסען פלאָר;
וויַ פוך, ווי רויך ווערען זיי צופלויגען,
און ער שטעהט פעסט פיערטהאַלבען טויזענד יאָהר!
ווי זיין סוכה'לע אויף איהר שוואַכע שטעלע,
וואָס שטעהט זיך צו אַ ווענטעל צוגעקלעפּט,
און זי לאַכט אויס די גרעסטע ציטאַדעלע,[1]
זי האָט אייביג זיי איבערגעלעבט.
ענדליך ווערט די בוימעל אַרויפשווימען פון אויבען,
צולעצט בלייבט גילטיג זיין וואָרט, זיין שטים,
דען ער בלייבט אייביג, פונקט ווי זיין גלויבען,
ווי זיין גאָט, וואָס ער גלויבט אין איהם.

2

יעדעס פאָלק האָט זיך איהרע דריי פעריאָדען,
איהר יוגענד, איהר מיטעל און איהר עלטער צייט;
דאַן ווערען פערמאַכט אויף אייביג איהרע לאָדען,
און זי פערגעהט שוין אין איהר עוויגקייט.
די דריי פעריאָדען געהט אויך דער איד אַריבער,
פונקט ווי אַ מענש, פונקט ווי אַ נאַציאָן;
נאָר צו זיין עלטער טרייסעלט איהם דורך אַ פיבער
און דאַן קומט איהם זיין יוגענד ווידער אָן.
ווי דער קערענדעל, וואָס ווערט אין דער ערד בעהאַלטען,
אזוי צופוילט דער איד אויך אויף דער וועלט;
נאָר פּלוצלונג שפּראָצט אַ יונגער דור פון אַלטען, —
קנאָספּען בליהען, ווי עס לאָזט נאָר אָפּ די קעלט.
זיין לעבען איז געוועקסעלט, מיט דערניעדער און דערהויבען, —
נאָכ'ן ווינטער קומט שטענדיג זיין פריהלינג צו איהם,

בכן בלייבט ער אייביג, פונקט ווי זיין גלויבען
ווי זיין גאָט, וואָס ער גלויבט אין איהם.

3

ער איז געבוים ער זאָל אייביג קענען עקזיסטירען;
ער זאָל ניט אונטערגעהן ווי די פעלקער אַלערליי;
נאָר עס קען דאָך טרעפען אַז ער וועט זיך אַסימילירען
דאַן מוז ער שטאַרבען גלייך מיט זיי.
דרום האָט מען אַ שנאה אַריין געגעבען,
וואָס דאָס איז פאַר זיין אייביגקייט אַ גליק;
אַז, ווי ער וויל מיט זיי צוזאַמען לעבען,
שטויסט מען איהם מיט שנאה אָפּ צוריק.
ווי ער וויל מיט די שכנים זיך פערגלייכען,
עסט און טרינקט צוזאַמען ביי איין טיש,
נעהמען באַלד די שכנים איהם אויסווייכען
ווי ר' עקיבא'ס משל פון פוקס מיט די פיש.
זיין היסטאָריע איז וואונדערבאַר, איהר פיהרט אַ
האַנד פון אויבען,
קיין פרעמדע בלוט זאָל זיך ניט צומישען אין איהם,
בכן בלייבט ער אייביג, פונקט ווי זיין גלויבען
ווי זיין גאָט, וואָס ער גלויבט אין איהם.

4

אָבער ווען די שכנים טראָגען אויף איהם אַ שנאה,
טאָ ווי וועט ער קענען צווישען זיי באַשטעהן;
מען וועט דאָך איהם מיט זאַקאָנעס פאַרצאַמען זיין
חיונה,
דאַן קען ער פאַר הונגער גיך אויסגעהן.
דרום האָט מען אין איהם אַריין געגעבען
אַ קראַפט, וואו ער שפּייז-שטאָף געפינט.

אַז מען פאַרצאַמט איהם אַלע מיטעלס לעבען,
זוכט ער זיך זיין שפּייז־מיטעל פון ווינט.
מען זאָל איהם קיין שטעלע און קיין ערד ניט געבען,
דאָך זוכט ער זיך אַ פּרנסה אויס.
און צאָהלט אין שול, און פאַר זיין זוהן אַ רבי'ן,
און זיין טאָכטער געהט נאָך שבת שעהן אַרויס.
אַן אַנדער פאָלק וואָלט פון הונגער אויסגעהן אָדער
אין וועלדער רויבען, —
און ער שפּייזט זיך דורך ווען דער מויל־שלאָס הייננט
אויף איהם.

בכן בלייבט ער אייביג פּונקט ווי זיין גלויבען,
ווי זיין גאָט וואָס ער גלויבט אין איהם!

5

אָבער ווען די פעלקער טראָגען אויף איהם אַ שנאה
און ער איז מותהלאַז, גאָר אָהן קראַפט און מאַכט,
דאַן קען דאָך טרעפען אַמאָל אין אַ מדינה
אַ בעפעהל און פאַרניכטען איהם אין איין נאַכט.
דרום אויף זיין געשיכטע ליגט די פליכטען,
אַז דער איד מוז זיין צעוואָרפען איבעראַל,
אַז אויב עס טרעפט מען וויל אַ פּ ר ט פערניכטען,
בלייבט דאָך אויף דער גאַנצער וועלט דער כ ל ל.
פיעל מאָל האָט מען אַ גליעד איהם אָפּגעשניטען,
דאָך האָט פון זיין צאָהל ניעמאַלס געפעהלט;
אַ קליין ווייל׳ע האָט ער שמערצען געליטען,
זיין עקזיסטענץ מוז בלייבען אויף דער וועלט.
אַ הייליגע שפּראַך איז איהם געגעבען פון אויבען,
פאַר די צעוואָרפענע גליעדער א י י ן ש פּ ר אַ ך
און איין שטים,

בכן בלייבט ער אייביג, פונקט ווי זיין גלויבען,
ווי זיין גאָט, וואָס ער גלויבט אין איהם!

6

ווייל ער מוז וואוינען אין אַלערליי אַקלימען,
מוז שטענדיג זוכען פאַר זיך אַן אַנדער אָרט,
האָט מען איהם געבויט אַז ער זאָל קענען שטימען
מיט יעדער לופט וואו ער בעזעצט זיך דאָרט. —
יעדעס פאָלק וואו עס ווערט געבאָרען,
דאָרט מוז עס זיין אייביגע יאָהר;
בייט זי ערטער ווערט זי גיך פארלאָרען,
אַז פיעל דערציהט זי ביז צום פערטען דור.
דאָס האָבען שוין בעשלאָסען פראָפעסאָרען,
אַז דערמיט איז דער איד איינער אויף דער וועלט,
אַז וואו ער קומט איז ער דאָרט ווי געבאָרען,
אין די גרעסטע היץ, צו אין די גרעסטע קעלט.
די זעלטענע מתנה איז איהם געגעבען פון אויבען
ער זאָל קענען שטימען מיט יעדען אַקלים,
בכן בלייבט ער אייביג, פונקט ווי זיין גלויבען
ווי זיין גאָט וואָס ער גלויבט אין איהם.

---

### צווייטער טהייל.

1

טאָ וואָס זעה איך דיר, מיין פאָלק אידען,
דו ביזט אַראָפּ פון מוטה,
קענסט זיך ניט ענטשיידען,
וואָס מיט דיר זיך איצטער טהוט.
דו זעהסט:
מען פרעסט,

מען פיהרט מיט דיר צו שטרענג;
מען דריקט,
מען שטיקט,
מען שפּאַרט דיר אָן צו ענג.
האָסט געהאָפט: די ציוויליזאַציע
וועט שטילען דיין געשריי,
דערקענען וועט יעדע נאַציע
אַז דו ביסט גלייך מיט זיי;
דער פערשטאַנד
אין לאַנד
וועט שטייגען זעהר הויך, —
און — „גלייך
מיט אייך,
האָב איך מיין רעכטע אויך."
לסוף, — ווען אייראָפּא איז געבילדעט,
עס קלינגט די וועלט מיט איהר,
ווערט זי פּלוצלונג אַזוי פערווילדעט,
און שטעהט אויף געגען דיר.

2

דו האָסט אַן אַלטע עצה,
אין לייד וואָס דו זאָלסט טהאָן,
בויגסט נאָר איין די פּלייצע,
ווען כוואַליעס קומען אָן.
די וועל
וועט שנעל
אויף דיר אַריבער געהן;
בויג אויף
דיין גוף

בלייבסטו ווידער שטעהן.
דאָס איז דיין רפואה
וואָס דאָקטאָר־תלמוד הייסט:
אין צרות אַ ישועה,
אין פינסטערניס אַ טרייסט.
אָבער דערצו
מוזטו
גלויביג זיין ביז גאָר,
און אַ בליק
צוריק
דיין געשיכטע וויסען קלאָר.
אָבער צייט דו לאָזט דיין גלויבען,
דיין היסטאָריע ווייסטו ניט,
ווערט דיר דונקעל אין די שויבען
און דאָס האַרץ פערוויסט.

3

דער ערשטער פון דיין אומה
האָט גערייזט פון שטאָט צו שטאָט,
געלערענט מענשען קרומע
צו גלויבען אין איין גאָט.
דער אַסענס[2]
פון מענש
האָט ער דיר דאַן געשטעלט;
און געשעצט,
צו לעצט
בלייבסטו אויף דער וועלט.
דו ביזט זייער זיידע
זיי וואַקסען אין דיין שוים,

די צוויי רעליגיעס,ביידע
שטאַמען פון דיר אַרויס.
מיט דער צייט
וועלען לייט
בערעכענען ביי זיך:
ווי שלעכט,
אומרעכט
מען האָט בעהאַנדעלט דיך;
ווי דו ביסט געוועז אַ קרבן
פאַר זייער שווערמעריי,
און וואָס דו ביסט ע ט וו אָ ס פערדאָרבען
ליגט די שולד אין זיי.

4

ווען כשדים און מצרים
פעראַכטען דיר דיין ווערטה,
ווען בבל און פרסים
שטירצען דיך צו דר'ערד;
ווען רוים
האָט שוין
דיין טעמפּעל אויך פערברענט;
דיין גייסט,
דיין דרייסט
האָט מען דריקען ניט געקענט.
עס קומען חשמונאים
פערפעסטען דיין נאַציאָן,
עס שטעהען אויף תנאים
פערשטייפט דיין רעליגיאָן.
קיין קויל,

פּיסטויל, —
פערשוואַכט ניט דיין געפיהל.
דו לעבסט
און שטרעבסט
צו דיין גרויסען ציעל.
מעגסט מ'ט פרייד די קניפּלעך צעהלען
פון דיין לעבענס שטריק,
אַז די וואָס שיסען אין דיר קוילען,
שפּרינגט ז י י אָפּ צוריק.

5

ווי די אידענע נעהמט פּאַלייען
די שבת-גאָגעלאַך,
עס פליהט אַרויס די קלייען
די קערנער בלייבען דאָך.
עס דרעהט,
עס וועהט,
עס פאַלט אַרויף, אַראָפּ.
דעם שערסט[3]
פון גערשט
אָן דער זייט פאַלט עס אָפּ.
אַז דער איד נעהמט זיך די מאָרע
די שכנים נאָך צו געהן,
קומט באַלד אַ פּעריאָדע
וואָס טרייסעלט און מאַכט ריין.
די ברוד[4]
פון יוד
פון מולטער וואַרפט אַרויס;
דער גריץ,

דער נײַן
פאַלט צוריק אין שוים.
שווער מײַן פאָלק איז דיר די ווײַלע,
לײַדסט און ווערסט פערשלאַפט,
דערפאַר די זריעה ווערט ניט קאַליע
בלײַבסט רק דויערהאַפט.

6

און דאָס וואָס ווערט פערשפּרונגען
פון מולטערל אויף דר'ערד,
איז דערפון געדרונגען
אַז דאָס האָט שוין קײן ווערטה.
ווער פײַן,
מעג זײַן
אין גרעסטען אומגליק,
עס ברומט
און קומט
אין מולטערל צוריק.
אַז ס'טרעפט אײנס פון מיליאָנען
אַ קערענדעל פאַלט אַראָפּ,
מעגט איהר זיכער בעקאָנען,
אַז ווײַט פליהט ער ניט אָפּ.
פון נויט,
פאַר ברויט
האָט ער דאָס געטהאָן,
טהוט גוטס,
ברײַנגט נוץ
זײַן אַלטע נאַציאָן.
איהר זאָלט זײַן נאָמען ניט בערויבען,

ער איז פון אונז אַ גליד.
ער קען זיין אין אַן אַנדער גלויבען,
דאָך בלייבט ער אַ א י ד !

7

טאַ זיי־זשע מיין פאָלק מונטער,
לאָז ניט אָפּ די וואָג,
די נאַכט געהט באַלד אַרונטער,
עס קומט דיר אָן דיין טאָג.
עס בייט
די צייט
זי שטעהט ניט אויף איין שטעל ;
נאָך לייד
קומט פרייד
און שיינט דיר ווידער העל.
אין דיין גליק, דער גרעסטער,
האָט אַ המן ניט געפעהלט,
און באַלד שיינט אויף אַ אסתר
וואָס מאַכט דיר פריי דיין וועלט.
זיין סוף,
זיין שטראָף
בעקומט דיעזער אויך.
און דו
האָסט רוה
און שטייגסט ווי מרדכי הויך.
ווען פון המן׳ס פאַלען בלעטער,
עס וואַרפט זיי הער און הין,
פירכטעסט דו ניט פאַר שלעכט־וועטער
דו בלייבסט אייביג גרין !

1885

# טרויער געדיכט

איבער דעם טויט פון ר׳ יהודה ליב לעוואנדא.

1

ביסלעכוויים טריקענט אויס אונזערע קוואלען,
פערשוואַכט ווערט פון טאָג אונזער מאַכט;
אונגעריכט איז יעצט א שטערן געפאַלען,
פון די וואָס בעלייכטען די נאַכט.
ס'האָט נאָך ביי אונז ניט פערטריקענט די טרערען,
וואָס גאָרדאָן, סמאָלענסקי, אונז פעהלט;
דאַרפען מיר פלוצלונג די בשורה דערהערען
לעוואנדאָ — נישטאָ אויף דער וועלט!!
האַלט אָפּ גאָט דיין האַנט!
שטראָף ניט נאָכאַנאַנד!
אָפּרוהען לאָז אונז עטוואָס...
וואָס קען פון אונז זיין?
צו אָפט גיסטו אונז איין,
טראָפּענס פון ביטערען כוס! —

2

זעהר פיעל מיה האָסטו זיך פאָר־געגעבען,
געשילדערט דיין פאָלק, און די צייט;
אין דיינע ווערק שפּיגעלט זיך זייער לעבען,
די גוטע און די שוואַכע זייט.
דעם פערגעניגענס דורשט זוכסטו צו לעשען,
דיין ציעל האָט ביי דיר מעהרער ווערטה;

שטענדיג אליין אין דיין צימער געזעסען,
דיין פאָלקס-לאַגע אימער געקלערט.
קיין דענקמאל ברויכסטו,
פון שטיין אויף דיין רוה,
קען דיר פערגעסען ווער גיך ?
ווער דיך האָט געקענט,
בויט א מאָנומענט,
גאַנץ טיף אין הארצען ביי זיך.

3

גליק פאר זיין פאָלק פלעגט ער ווינשען און האָפען,
געפיהלט שטאַרק זיין פרייד און זיין שמערץ ;
אויב עס האָט אידען וואו עטוואָס געטראָפען,
רעגט איהם דאָס אויף באַלד זיין הארץ.
אונגליקען וועלכע גאַנץ אָפט מיט זיי שטרייטען,
פערשוועכען איהם באַלד זיין געזונט,
סיבות וואָס קומען פאָר די לעצטע צייטען,
שטירצט איהם אין גאנצען צום גרונד. —
פיעל זין געהט צור שטראַנד !
פיעל געהט עס פערשטאַנד
מיט איהם אין קבר אריין !
פיעל וואָלסטו געבראכט,
הילפע און מאַכט,
ווען דו וואָלסט נאָך ביי אונז זיין ! —

4

לאַנג און טריי דיענט ער די מלוכה,
אָלס אידישער — געלעהרטער אין לאַנד,
און דערפאַר וועהלט איהם אוים גאָט'ס השגחה,
צום אָפּוואַשען ריין א בלוטשאַנד.

דאן ווען א בילבול האָט זיך אָנגעפאנגען,
בעשולדיגט דאָרט מענשען מיט בלוט;
דאן איז ער מוטהיג מיט אמת געגאנגען,
און איינגעשטילט דעם פייער גלוטה.
דו שטיצע! דו וואַנט!
דיין פעדער אין האַנט!
דו טרייער פאָלק'ס פאטריאָט!
דו אויסנאַם, דו בחיר!
מען פערלירט אין דיר,
קאַפּיטאן פון אונזער פלאָט! —

5

דיין שוואַך פאָלק האָט אין דיר איהר וואונש געקראָגען,
די שמוק וואָרסטו אין איהר פערמעג;
יונגערהייט האָסטו שוין א ליכט געטראָגען,
בעלייכטען פון בילדונג די וועג;
ווי דו זעהסט אז „בילדונג" פערשטעהט ניט יעדער,
מען מיינט נאָר דעם אויסערן פוץ —
ווייזטו גלייך מיט דיין סאַטירישע פעדער,
אַז ברייננגט שאדען אָפט מעהר ווי נוץ...
אז ס'האָט זיך ערוועקט,
דער ציונס־פּראָיעקט,
אָפּפערסטו אויף דיינע טעג;
געשטרעבט שטאַרק צו איהר;
נאָר גאָט זאָגט צו דיר:
„שטאַרב דאָ ביים ירדן, ביים ברעג!" —

6

דאָ קלאָגט די וואַרהייט: „ווי זאָל מיר ניט קריינקען,
„דער טויט איצט פון דעם ליטעראַט?
„ריכטיג זאָ מאָלען און ערענסט זאָ דענקען!

„אויף יעדעס ווערק ליגט מיין פּעטשאַט“.
ציון קלאָגט: „איך מוז אין דר׳ערד אוועקלייגען,
„מיין קינד וועלכער ליעבט זאָ פיעל מיך!
„וויירוס—געבאָרען, אין ווילנא ערצויגען,
„און צפון פערשלינגט עס אין זיך!“ —
דיין נאָמען דיין גלאַנץ,
אָה, פלעכט דיר א קראַנץ,
פון בלומען דאָרט אויף דיין רוה;
פון אונז אָפּט א טרעהר,
בעלעבט דעם קראַנץ מעהר,
אונפערוועלקט בלייבט ער ווי דו! —

1885

# מיינע געפיהלען

1

אַ טענה האָב איך גאָט צו דיר:
דאָס האַרץ וואָס דו בעשאַפסט אין מיר,
איז זי פערקניפּט,
און דיין פאָלק פערליעבט,
וואָס דו ציהסט פון מצרים אַרויס,
איך זאָל עטוואָס שפירען,
מען וויל זי בעריהרען,
גיסט זי זיך ווי וואַסער אויס.

2

מיין האַרץ עלעקטריש׳ קראַפט האָט

מיינע נערוועז — אַ טעלעגראַפנער דראָט,
איין ברעג איז אָנגעטהאָן
אויף מיין נאַציאָן,
דער צווייטער ברעג קומט מיר צום לונג;
זיי זאָל וואָס געשעהען,
איך זאָל עס הערען, צו זעהען,
פליהט מיר אין האַרצען דער פונק.

3

קוועק־זילבער איז מיין נאַטור,
און אידען מיין טעמפּעראַטור:
ווען זיי לייכט די צייט
די זון פון פרייהייט,
הויבט מיך אין דער הויך מיין קאָפּ.
ווען שנאה און קעלט
פערפיהרט זייער וועלט,
פאַל איך אַראָפּ און אַראָפּ!

4

ווארום גאָט בין איך אַזוי געקוועלט,
ערגער פון דער גאַנצער וועלט!
מען זעהט דאָס פאָלק פאַלט
און מען בלייבט זיך גאַנץ קאַלט.
קיינעם גיט דאָס ניט אַ ריהר!
איך זאָל נאָר וואָס לעזען,
וואָס דאָרט איז געוועזען,
פערגליווערט דאָס בלוט גלייך אין מיר!

5

אין אַ שטאָדט אַז עס טרעפט אַ בעפאַל,

אַ גזירה עס קומט אויפ'ן כלל,
אַ גאַזעט, אַ יודעפאַב[1]
טרעט זיי אָן גראָב,
צעשפּרינגט מיר אויף שטיקער מיין האַרץ!
איך קען שוין ניט האָפען,
אויף עסען, אויף שלאָפען
ניט איבערצוטראָגען דעם שמאַרץ!

6

מען בעשולדיגט אַ אידען אין סוד—[2]
ברענט מיר דער ספק ווי גלוטה:
איז ער נעבאך ריין,
נאָר עס העלפט ניט זיין ניין,
פּלאַצט מיר בודאי מיין גאַל;
איז ער אַ בעל עבירה,
האָב איך דערפאַר מורא
פאַר דעם חילול השם אויפ'ן כלל!

7

אַ איד זאָל וואָס ניט פיינעס טהאָן,
פאַלט מען באַלד אויפ'ן כלל אָן,
עס ווערט אַ געשריי,
זשיד און יעווריי,
כאָטש ער בייט שוין לאַנג זיין גלויבען אוים;
פון די בעריהמטע פּערזאָנען
ווערט מען קיינמאָל דערמאָנען,
אַז ער שטאַמט פון אידען אַרויס.

8

זעה איך פערדאָרבענהייט עטוואָס,

אַ איד גיט דאָרט אַ פאַלשע מאָס,
קיין סאָוועסט(3 האָט ער גאָר ניט,
און טהוט וואָס מען טאָר ניט,
ווײנט מיר מײן האַרץ אין דער שטיל!
איך וויים, אַז דער דלות
ער מאַכט עס אַלעס,
דער גלות פערדאַרבט זיי זאָ פיעל!

9

ווען איך געה פארביי אַ שול
און זעה דאָרט שמוציגקייט פול,
גיט מיר אַ נעהם
דער חילול השם,
מײן בלוט שפּריצט פון האַרצען אַרויס;
מיר טראָגען דעם גלויבען
דעם ריינעם פון אויבען
און ווי שמוציג דאָס זעהט ביי אונז אויס!...

10

ווען איך זעה אַן אַריסטאָקראַט
פיהרט דאָרט אַ גאַנץ רייכען שטאַט,
בלייב איך אין אונמאַכט,
ווען איך בעטראַכט:
וואָס האָט דאָס פאָלק פון איהם פּראָפיט?
אַקטריסעס מיט באָננעס,
די טהייערע מתנות,
און אויפ'ן כלל איין פעניג ניט!

11

האָסט מיך גאָט אין אַזוי אַ צייט געבראַכט,

וואָס דאָ איז טאָג, און דאָ איז נאַכט ;
דאָ שטעהען נאָך קאָזאַקען
די פּאות אונז האַקען,
מען טרייבט אונז אין ראַבינער שול ;
פלוצלונג אַ ווינטער,
מען רוקט זיך אַהינטער,
אין גימנאַזיום זיינען אידען צופול.

12

איך וויים גאָט אַז דו ביסט גערעכט :
ישראל איז אַוועק שלעכט,
האָסט איהם אין יעדען לאַנד
געפיהרט פאַר'ן האַנד,
פלוצלונג ער וויל געהן אַליין,
פאַר אַ בחור אַן אַלטען
פאַר'ן פאַלע זיך האַלטען,
זאָגט ער, עס איז איהם ניט שעהן.

13

ווי דו זעהסט ער בראַקירט מיט דיך,
האָסטו איהם געלאָזען פון זיך ;
ער איז אַוועק
וויט, וויט אַ שרעק,
ער זינגט שוין גאָר אַ פרייע ליעד ;
נאָר אַ באָסע־קאָמאַנדע
דערמאָנען איהם מיט שאַנדע,
אַז ער איז געבאָרען אַ איד.

14

אמת, אַזוי דאַרף ניט זיין,
ער איז אומגערעכט, ער לאָזט דיר איין,

פיהר־זשע זיך מילד,
מיט זיינעם אַ שולד,
פערזינדיגט, טאָ נעהם שמיים איהם אָפּ;
אָבער ווער קען עס דולדען,
אַז פאַר די קליינע שולדען
דערלאַנגסט איהם מיט אַ דובינע אין קאָפּ?!

15

דאַרפסט ניט גאָט אין כעס זיין,
געה אין זיין לאַגע אַריין,
ער איז געלעגען יאָהרען לאַנג
אין געטא, אין דראַנג,
פלוצלונג אַז ס'שטראַהלט איהם די זון,
ווער וויל ניט געניסען
דעם ווינטעל דעם זיסען...
וואָס איז די עולה דערפון?

16

טאָ גיב־זשע גאָט כאָטש איצט אַ בליק,
ווי דיין קינד קעהרט זיך צו דיר צוריק:
ער האָט אָנגעהויבען דיינקען,
און שטאַרק זיך פערביינקען
נאָך דעם לאַנד וואס דו שיינקסט איהם אמאָל,
צו פערזייען אין גאַנצען,
אין ביימער פערפלאַנצען
פערגרינען איהר באַרג מיט איהר טהאָל,

17

טאָ נעהם איהם ווידער פאַר'ן האַנד,
פיהר איהם צוריק צו דיין לאַנד;

איך וועל פליהען ווי אַ טויב,
איך וועל שמעקען די שטויב,
יעדעס גרעזעלע, ווי זיס דאָס איז מיר!
מיין פאַמיליע אין גאַנצען
וועלען זייען און פלאַנצען,
און איך וועל דאָרט זינגען פאַר דיר.

18

וואו זעה איך דעם פּיראַמיד
וואו ירמיה זינגט זיין קלאָגעס ליעד,
וואו זעה איך דעם שטיין,
וואו ישעיה אַליין
די פּערלען פון פּאָעזיע בינדט.
אַ מחיה נשמות,
וואו הושע און עמוס
פרעדיגען דאָרטען דיין קינד.

19

וואו די עכאָ פון יותם׳ס משל קלינגט,
וואו דבורה איהר עהרליך ליעד זינגט.
וואו בנימין כאַפּט דאָרטען
זיין כלה אין גאָרטען;
וואו דוד׳ל פּיטערט די שאָף
און שפּילט אויף זיין פידעל
און זינגט זיך זיין לידעל.
אָה גאָט! וועק מיך אויף פון מיין שלאָף!

20

אָה, פליגלען, גוואלד פליגלען גיב מיר,
לאָז מיך דאָרט שוועבען אין איהר,

אונטער איהר הימעל דעם בלאָען,
אין לבנון דעם גראָען,
ביים שילוח וואָס פליסט זיך גאַנץ שטיל;
וואו עס איז ענטדעקט גאָטעס עהרע
וואו עס קלינגט די אַטמאָספּערע,
אָט דאָרט, נאָר דאָרט שטרעבט מיין געפיהל.

21

אין דאָס לאַנד וואו זיין אויג קוקט נאָר,
פון אָנפאַנג ביז ענדע יאָהר,
וואו כהנים פּראָפּעטען,
לויים, פּאָעטען,
זינגען א הימן צו דיר;
ציה מיך פון רומאַניע,
און מיט זיי אין קאָמפּאַניע
וועל איך דיר אויך זינגען א שיר.

1886

# די קאנטראסטען

(אָדער שני הפכים בנושא אחד)

אי אתה יכול לעמוד על אופיא של אומה זו.
נתבעין לעגל ונותנים, נתבעין למשכן ונותנים.
(ירושלמי שקלים).

1

איין כלל איז בעשטימט, ווער עס האָט נאָר געלעזען,
אַ כלל אין נאַטור און אין לעבען:
צוויי געגען־עקסטרעמען זאָל זיין אין איין וועזען,

דאָס קען פאַר קיין פאַל ניט געבען;
פיער מיט וואַסער, זויער מיט זאָדע,
ווערמע מיט קעלט זאָלען שטימען;
עס ווערט אַ מלחמה, אַ שטרייט מיט הכבדה
ביז איינס מוז דאָס צווייטע בייקומען.
וואונדערבאַר איז דער איד, ער בעזיצט דעם
קאָנטראַסט,
איהר געפינט אין איהם צוויי פאַראַלעלען,(1
ווי פון פייער מיט וואַסער וואָלט ער זיין פערפאַסט,
ווי אין זיין איין קערפער וואָלטען לעבען צוויי זעעלען.
דער איד איז אַן אייביגע חדה,
קיינער ווייס ניט דעם בעשלייד,
זיין יעדערע איינציגע מדה
בייט אַלע ווייַלע איהר קלייד.
די פסיכאָלאָגיע
גיט זיך פיעל מיה,
זיינע כוחות הנפש זעהן טיף,
און וואָס מעהר מען קלערט
זעהט מען פערקערט,
אַז מען האָט גאָר פון איהם קיין בעגריף;
ווי קען צוויי עקסטרעמען אין איינעם זיין געמישט?
טרוי מיר מיין פאָלק; איך פערשטעה דיך נישט!

---

## ענוה און גאוה.

2

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט,
וואָס זאָל אַזוי פיעל הכנעה פערמאָגען,

וואו ער געהט, וואו ער שטעהט, קיין בזיונות איהם פעהלט
און ער קען עס אַלעס פערטראָגען ;
„זשיד" און „איסכרענאַם", אָבער און ווידער,
זידלען און שימפּפען און שפּאָטען,
ער בויגט איין דעם קאָפּ און ער מאַכט ניט קיין גערודער,
ווי ער וואָלט זיין פון ליים געקנאָטען ;
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פונקט דער קאָנטראַסט
וואָס אין שול קען מען איהם ניט האַווירען ?
חמישי און אחרון פּאַר איהם רק ניט פּאַסט,
היינט צו „אתה הראת" און צום גבאי פיהרען ?...
ביים ספר צו שטעהן מיט'ן טייטעל —
אָט דאָ איז זיין וועלט און זיין גליק,
גבאות איז זיין עהרע קוויטעל
כבוד אויפ'ן זאָלאָטניק.(2
און בעריהרט איהם אַ האָר,
ווערט שוין אַ ספּאָר
און פּעטש און בזיונות, אַז ס'קלעקט ;
אין די סודען ווערט פול,
מען פער'חתמ'ט די שול
און די גאַנצע נאַציאָן ווערט פערפלעקט.
הכנעה מיט גאוה ווי קען דאָס זיין געמישט ?
טרוי מיר מיין פאָלק, איך פערשטעה דיך נישט !

---

## שפּאַרזאַמקייט און לוקסוס.

3

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט,
וואָס זאָל קענען אַזוי לעבען עקאָנאָמיש,

פיהרט זעהר שפּאַרזאַם זיין הוצאה געלט,
מען דערהאַלט נעבאך קוים די נשמות ;
אויף תאוות, הולטייען, אויף שיכרות, אויף קאָרטען,
ווי לייט אָפט פערשפּילען נחלאות,
זונטאג קאָסט לייטען אין שיינק מעהרער דאָרטען
ווי דעם אידען׳ס אכטאָג הוצאות ;
טאָ, ווי קומט עס צו איהם פּונקט דער קאָנטראַסט
אויף קליידער פיעל געלט אויסצובריינגען ?
איבער די קרעפטען צו שלעפּען אַ לאַסט,
אין שווערען לוקסוס זיך אָנצושטריינגען !
דעם אביונ׳ס, דעם קבצנ׳ס אַ מיידעל
געהט שבת אין זיידענס אַרוים,
בעפּוצונג צו יעטווידער קליידעל,
אַז זיין ביסעל מאַרך צאַפּט עס איהם אוים.
מען צאָהלט וואָכער־געלט
און קיין מאָדע פעהלט,
קיין שירעם, קיין האַנדשוה, קיין הוט,
מען קוקט רק אַרויף,
און פּרובט שניידט עס אויף,
טריפט דאָרטען דעם פאָטער׳ס בלוט.
שפּאַרזאַם און לוקסוס, ווי קען עס זיין געמישט ?
טרוי מיר מיין פאָלק ! איך פערשטעה דיך נישט !

---

## רחמנות און אכזריות.

4

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט
וואָס זאָל אזוי פיעל רחמנות בעזיצען,
אַלערליי וואָהלטהאַטען איז פול מיט זיין געלט,

איהם זעהט מען אַלעמען שטיצען:
אַ נשרף, אַ מגיד, אַ יחסן מיט עניוות,
קבצנים פון מזרח, פון צפון,
אַ טאָג פאַר אַ קלויזניק, ברויט אויף ישיבות,
ווער עס בעט, איז זיין האַנט אָפען;
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פונקט דער קאָנטראַסט
די אכזריות געגען זיינע קאָלעגען?
ווען יענער באַנקראָטירט, איז ער פון פרייד איבער־
ראַשט,
ווען יענעמס שטיבעלע ברענט, וואַרעמט ער זיך
אַנטקעגען.
איין איד זאָל דעם צווייטען בעגראָבען
זעהט מען מעשים בכל יום,
מען זוכט נאָר דעם חבר אויסהאָבען,
שטיל אונטערשניידען דעם בוים,
און ביי וועלכע נאַציאָן
זעהט מען דאָס אָן,
מסרים אויף יעטווידער טריט,
צי אָפען, צי שטיל,
צי אַ פּאַסקוויל,
דער דאַנאָס צי איז אמת, צי ניט.
רחמנות און אכזריות, ווי קען עס זיין געמישט?—
טרוי מיר מיין פאָלק, איך פערשטעה דיך נישט!

---

## ליעבע און ראסטשאט.(3

5

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט
דאָס פאַמיליען־לעבען זאָל אַזוי פּרעכטיג גלאַנצען,

ער גיט איבער זיין ווייב, זיין האַרץ און זיין געלט;
זי גיט זיך אויך איבער אין גאַנצען.
קיין פאַלשקייט, קיין אום־טריי, קיין פרעמדען ניט ליעבען,
קיין סמ׳ען אַ מאַן ווי ביי לייטען,
דעם איינעם וואָס זי האָט איינמאָל אויסגעקליבען
וועט זי איהם אויף קיינעם ניט פערבייטען.
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פונקט דער קאָנטראַסט,
אַז ביי אַ שידוך זאָל גאָר געלט עקזיסטירען?
מיט נדן און מיט קליידער, צו לעגען אַ לאַסט,
אַז איהר איז אונמעגליך דאָס אויסצופיהרען.
פריילינס גיט אונטער אידען,
וואָס קענען בעגליקען אַ מאַן,
זיין לעבען וואָלט זיין העכסט צופריעדען,
שטערט איהר די וועניג נדן.
דאָס האַרץ ווען זי גיט,
טאָ וואָס זוכט ער פּראָפיט? —
וואָס שפּיעלט דאָ אַ ראָלע די געלט?
פאַר די גאַבע פון גאָט
ווי קומט דאָס ראַסטשאָט?
זי פערזיסט דיר דיין לעבען, דיין וועלט.
ליעבע און ראַסטשאָט, ווי קען דאָס זיין געמישט?
טרוי מיר מיין פאָלק, איך פערשטעה דיך נישט!

---

## געבונדען און צושיידט.

6

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט,
וואָס זאָל אַזוי פיעל חברות גרינדען.

אין די קלענסטע שטעדטעל, קיין צעהן חברות פעהלט,
דער איד איז אין אַלע פערבונדען.
הכנסות אורחים, חונן דלים, תלמוד תורה, קברנים,
עין יעקב און הכנסת כלה,
ביז עס שרייען אין צייטונג די אידישע שונאים,
אַז ביי אידען איז דאָ אַ „קאַהאַלאַ״.4)
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פונקט דער קאָנטראַסט,
אַז פאַר דעם כלל וויל גאָר קיינער ניט דאַגה'ן ?
מען זאָל מאַכען תקנות, מען זאָל ניט טהאָן וואָס ניט פּאַסט,
איז מען צאַן קדשים, נאָר ליגען און שווייגען ?
אַזוי אַ סאָרט פּירוד לבבות,
זעהט מען ניט ביי קיין נאַציאָן,
דער איד קען נאָר געבען נדבות,
אַליין אָבער וויל ער נישט טהאָן.
רבנים פאַר זיך,
זיינען ביי זיך אַ „איך״,
מען קוקט נאָר: „מען טאָר ניט, מען מאָג,״
און דער גביר זאָגט: „גלויבט מיך,
איך האָב אַרבייט פאַר זיך״,
און דערווייל פאַלט די אומה פון טאָג!
געבונדען און צושיידען, ווי קען עס זיין געמישט ?
טרוי מיר מיין פאָלק, איך פערשטעה דיך נישט!

---

## צניעות מיט פּריצות.

7

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט
מיט די צניעות פון זיין משפּחה.

א אידישע מיידעל זיצט אין געצעלט,
ערציהט זיך מיט די שטרענגסטע השגחה;
אַ לעהרער, אַ הויז־פריינד, אַן אָפּטער איינגעהער,
מיט חשד־אויגען קוקט מען אויףביידען,
זיין וואָרט און זיין מינע, בעאָבאַכטעט מען זעהר,
וואָס זייטיגס מיט איהר ניט צו ריידען.
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פונקט דער קאָנטראַסט,
אַז ווי ער הייסט איהר אַ קרעמערקע ווערען,
אַבי ווער עס רייכט די האַנט, און אַ וואָרט וואָס ניט פּאַסט,
און מיט סחורה אויף סטאַנציעס, און זאָל איהר ניט
שטערען?
וואו איז שוין די צניעות, די בושה,
הערט ווערטער וואָס קריכען פון האַלז,
„וואָס טהוט מען ניט צוליעב פּרנסה?"
אָט דאָס איז זיין תירוץ אויף אַלץ.
און בעריהמט זיך אין שטאָדט
וואָס פאַר אַ טאָכטער ער האָט,
„ביי פריצים איהר חן אָהן אַ שיעור"
און עס ווערט ניט בעקלערט,
ווי פערדאָרבען דאָס ווערט,
און דער פאָטער איז דער מערדער פון איהר!
צניעות מיט פריצות, ווי קען עס זיין געמישט?
טרוי מיר מיין פאָלק, איך פערשטעה דיך נישט!

---

## אמונה און כפירה.

8

ניטאָ קיין נאַציאָן ווי דער איד אויף דער וועלט
זאָל אַזוי שעצען זיין טהייערעס וועזען;

פֿאַר זיין אמונה, זיין בלוט איינגעשטעלט,
פֿאַר איהר זיך נאָר מקריב געווען,
ליידען און צרות, וואָס ניט אויסצוזאָגען,
ביי פֿאַפּסטען מיט ויכוחים געשטריטען;
ער האָט מיט געדולד אַלעס איבערגעטראָגען,
דעם א י י נ ס אויף דעם ד ר י י ניט פֿערביטען.[5]
טאָ ווי קומט עס צו איהם, פּונקט דער קאָנטראַסט,
אַז ווי ער הויבט נאָר אָן פֿרייהייט צו שפּירען,
פֿאַלט איהם באַלד זיין אמונה אַזוי פֿיעל צו לאַסט.
זוכט מיט כונה זיין „יוד" צו פֿערלירען?
אין בבל, צייט זיעבציג יאָהרען,
האָט ער שוין פֿערגעסען זיין שפּראַך,
מיט פֿרעמדע אַ חתן געוואָרען,
און אין שפּאַניען די זעלביגע זאַך.
און אָט די לעצטע צייט,
בעמערקט נאָר ווי ווייט
ישראל פֿערקריכט אויף די ווענט;
אַז ווען ניט דער גליק,
וואָס מען שטופּט איהם איצט צוריק,
וואָלט איהר איהם שוין ניט דערקענט.
אמונה און כפירה ווי קען עס זיין געמישט?
טרוי מיר מיין פֿאָלק! איך פֿערשטעה דיך נישט!

1886

# נאך דעם נייעסטען זשורנאל

1

עס איז ארוים א מאָדע ביי אידען,
צו ערציהען מיט בילדונג א קינד;
געווים מאָג דאָס פאָלק זיין צופרידען,
ווי עס שטייגט ביי אונז מענשען אצינד:
ענגליש רעדט ער מיט גראַמאַטיק,
אויך אנדערע שפּראַכען — א פּראַכט!
פיזיק, געאָגראַפיע, מאַטהעמאַטיק,
א פערגעניגען! — ווער עס בעטראכט;
נאָר די מאָדע געהט פאָרווערטס, געשטיגען,
זי כאַפּט זיך רק איבער'ן קאָפּ;
בכן, נעהמען עלטערען זיך קליגען,
העברעאיש אין גאנצען אראָפּ!
„וואָס לוינט — זאָגט דער פאָטער — צו מוטשען
„דאָס קינד צו א געשטאָרבענער שפּראַך?
וואָס האָבען מיר דען פאר א נוצען
פון העברעאיש, — פון גאַנצען תנ"ך?" —
לסוף פרעמד בלייבט ער פון זיינע ברידער,
פון זיין היסטאָריע, פון אידישען כלל,
פערשטעהט אפילו קיין וואָרט ניט אין סידור, —
נאָר נאָך דעם נייעסטען זשורנאל!

2

אויף דער וועלט איז ארוים א לעהרע,

די פרויען צו שוינען א סך ;
צו שעצען זיי, — געבען זיי עהרע,
ווייל זיי זענען צערטליך און שוואך.
געווים מוזען מיר זיך בעמיהען,
צו געבען די דאַמען דאָס רעכט,
ווייל זיי טראָגען, זיי האָבען, זיי ערציהען
דעם גאַנצען מענשען-געשלעכט ;
נאָר די מאָדע מוז נייעסען אויסטראכטען,
לעגט זי פאָר איהר נייעם פלאַן :
„וואָס דאַרפען מיר די דאַמען אַכטען ?
„וואָס נוצען ניט צו א ראָמאַן ?" —
די פרעמדע, די יונגע, די שעהנע,
זיי טראָגט מען פראָסט אויף די הענט,
און צו די אייגענע, די אַלטע, די געמיינע,
צו זיי ווערט קיין בליק ניט געווענדט ;
די ווייב זיינע שעצט ער פאַר לייטען,
און דער שטיל אָבער בעקומט ער איהר גאַל :
צוקיילט איהר, צובײלט איהר די זייטען, —
גאָר נאָך דעם נייעסטען זשורנאל !

3

עס איז אַרויס א מאָדע צו פרעגען
ביי דער מיידעל אויף איהר פאַרטי, —
אויב דאָס איז ניט איהר ווילען דאַגעגען,
אויב זי שטימט איין אויך דערצו. —
געווים האָט עס נאַריש געגעבען,
אז דער פאָטער האָט געטהאָן וואָס ער וויל,
דען זי נאָר דאַרף מיט איהם לעבען,
און לעבען איז א הערצענס-געפיהל ;
נאָר די מאָדע לעגט פאָר נייע פלאַנען,

אז ביי פאָטער פרעגט מען שוין נישט.
לעזט זיך אָן מיט שונד ראָמאַנען,
און געפינט דאָרט וואָס איהר הארץ געלוסט.
מיט דעם מיינונג זוכט זי א חתן,
און ווערט באַלד געפאנגען אין פלען, —
פון ליעבע איז די אויגעלעך פערגאָסען,
קען זי שוין דעם תכלית ניט זעהען.
ער פערשטיקט איהר אַטמאָספערע,
ביז ער דערגרייכט איהר די גאַל, —
ער בערויבט איהר, איהר געלט מיט איהר עהרע,
לאַכט איהר אויס — נאָך דעם נייעסטען זשורנאל!

4

אַמאָל ווען די בילדונג נעהמט קלינגען,
דער איד כאַפּט זיך אויף פון זיין שלאָף,
האָט דאמאָלסט מיין האָפנונג געשפרונגען, —
דאָס יודענהאָס נעהמט שוין א סוף!
א וואָנט ווען מיר האָבען פון אייזען,
בעשיצער פאר אונז אלערליי,
וועלכע וועלען פאר לייטען דערווייזען,
אז דער איד איז ניט ערגער פון זיי;
נאָר די מאָדע האָט ניעמאלס קיין גרענצען,
זי לויפט פאָרווערטס, — ווערט גאָר ניט מיעד:
טרעפט שוין ביי אונז זעלכע מענשען,
וואָס האַסען זעלבסט דעם נאָמען „איד“...
פון אַהלוואַרד*) איז ער זעהר צופרידען,
פון אלע זיין גלייכען געווים.
אז מען לאַכט אין טהעאַטער פון אידען,
פלאַסקעט ער „בראַוואָ!“ און „ביס!“ —

וואו עס שמוצען אנטיסעמיטען
דאָס יודענטהום אין פרט און אין כלל,
מוז ער זיין הייפעל צושיטען,
מיט די שמוץ פון דעם נייעסטען זשורנאל!

5

אין אַזיע פלעגען די פרויען,
פעררעכענט זיין ווי א שקלאווין,
אין האַרעם פערשפאַרט — ניט צו שוינען
פון די אָרימע ביז קעניגין.
אמעריקא האָט ערקלערט שעהנער
מט איהר ציוויליזאציאָן, —
אז פרויען זאָלען האָבען ווי מענער,
גלייכע עמאַנציפּאַציאָן;
נאָר די מאָדע קען אויף איין אָרט ניט זאַמען,
לויפט און מעסט מיט ריעזען־שפּאַן,
טרעפט שוין אזעלכע מאַדאַמען,
וואָס הערשען שטאַרק איבער דעם מאַן.
איהרע ווינשונגען זענען פערשיעדען,
אַכטעט ניט זיין אידעאל! —
ניעמאלס שטעלט ער איהר צופריעדען,
פערשווענדעט נאָר זיין קאַפּיטאַל;
טרעט אויף איהם ווי איבער שמאַטעס,
שקלאַף איז ער מעהר אלס געמאַהל,
און ליעגט ביי איהר אונטער די פּיאַטעס, —
גאָר נאָך דעם נייעסטען זשורנאל!

6

אמאָל פלעגט דער איד לערנען מוסר
פון „חובת הלבבות“ גאַנץ אָפט,

די ווייב זיינע — פון „קב הישר“,
אין מיט דעם אויך די קינדער געשטראָפט.
ניט לאַנג דאָ געפינט ער א היתר,
ער וועט שעפּען פון א זיסערען קוואַל, —
ער וועט ליעבערס בעזוכען טעאַטער,
פון דראַמען אויף „אָפּערע בוף!“
נאָר די מאָדע ליופט פאָרווערטס אריבער,
זי שטייגט ארויף און ארויף!
כ'לעבען, מיין אידעל געהט איבער
פון דראַמען אויף אָפּערע בוף!
אויף אָפּענבאַך'ס אָפּערעטקעס,
בעזוכט אויך גאַנץ אָפט אַ באַלעט,
פון באַלעט צו שאַנסאָנעטקעס,
אַבאָנירט זיך א סיזאָן בילעט!
אין קלוב געהט די ווייב אָהן דעם מאַן,
און גאַנץ אָפט אויף א מאסקען באַל,
און טאַנצען זיך פּאוואָלינקע קאַן־קאַן, —
גאָר נאָך דעם נייעסטען זשורנאַל!

1886

# משה מיט זיין דור

1

אָה משה! ביזט ערהאבען גרויס,
יעדער טריט פון דיר האָט ווייט געשיינט;
פון פּאַלאַטש[1] ווי דו ביזט נאָר אַרויס
טרעפּט דיר, וואָס דיין פאָלק טרעפּט ביז היינט.

דיין ערשטער אַרויסגאַנג,
אַלס יונגלינג פון אָנפאַנג,
דערזעהסטו א אידען מען שלאָגט
אָהן אַ פּריטשינע,(2)
נאָר פשוט פון שנאה
ווייל ער נאָמען א י ד אויף זיך טראָגט;
אויף מאָרגען ווידער,
דערזעהסטו צוויי ברידער
פון דיין פאָלק ווי זיי קריגען זיך,
צאַנקען זיך, רייסען זיך,
שלאָגען זיך, בייסען זיך,
שטראָפסטו זיי, מסר'ט מען דיך.
פון יענעם וויעק(3)
איז שוין אוועק
פיערטהאַלבען טויזענד יאָהר;
ווער עס גיט א בליק
אויף דיין אומגליק
קומט איהם נאָר די צוויי פאָר:
פון מ צ ר י טרעפט קולאַקעס
מען שעדיגט איהם זיין גוף;
ביי א י ה ם זעה איך דראַקעס,
מחלקות הערט ניט אויף,
נאָר קריעג
מיט זיעג
איז ביי איהם פון משה'ן אָן,
פאַרמעג
מיט טעג
פערשפיעלט ער דאָ אין קאָן.

2

אָה, ווי גרויס איז דער אומגליק פון א שיף,
ווען זי ברענט אין מיטען ים,
די וואַסער אונענדליך, ברייט און טיף
און זי אין מיטען ברענט אין פלאַם!
אָט דאָס איז דיין לאַגע,
דאָס איז — יודענפראַגע,
א פראַגע ווי רעטעט מען דיר;
פון דרויסען דער וועלענרויש,
אין שיף דער פלאַקער גרויס,
טויט שרעק אין שטוב און ביים טהיר!
די אַנטיסעמיטען
ווי די פּאַראַזיטען,
טרינקען ווי וואַסער דיין בלוט;
ביי דיר אין די דירות
איז קריג און מסירות,
זעהסט ניט וואָס ארום דיר זיך טוהט:
עס טרעפט גאַנץ אָפט
ער ווערט געשטראָפט
פון דעם מצרי'ס האַנט,
נאָר דורך דעם
וויל פון עם[4]
וואַקסט דער אינטריגאַנט:
מיט מסירות דעם כלל בעגראָבען,
שרייבט ער מיט זיינע הענט,
אין צייטונג ביי יודעפאָבען
איז ער קאָרעספּאָנדענט.
מען קען
איצט זעהן

דתן און אבירם,
קוקט איין
פאר'ן שיין,
זיי לעבען עד היום.

3

אָה משה, ווי האָכמוטיג דו ביזט!
קיין הינדערנים האַלט ניט אָפּ דיין וועג;
די וועלען ווי טהורעמס אויף דיר פליסט
און דו שווימסט מיט מוטה צום ברעג!
ביים סנה, גאָט הייסט משה'ן
ער זאָל געהן קיין גושן,
קלייבען מיט זיין האַנט אליין
פון אידען די פיהרער
מנהיגים, רעגירער,
מיט זיי פאר פרעה'ן צו שטעהן,
לסוף אהין געהענדיג,
ביים פלאץ שטעהענדיג,
ער וויל אין הויף אריין געהן,
ער זוכט זיי די זקנים,
ניטאָ זיי קיין איינעם,
געלאָזען איהם איינעם אליין.
פון יענער צייט,
גיט זיך א בייט
ווי פיעל טויזענד יאָהר;
און ביז אהער,
דער כאַראַקטער
איז גלייך צו יענעם דור;
ביי זיך אין קהל־חדר

הערט מען דעות פיעל,
קומט אויס מען דארף א ריידער
צולויפט מען אין דער שטיל;
אין שול
איז פול,
מנהיגים אָהן אַ צאָהל;
וואָס טהאָן
פאַר די נאַציאָן
אנטלויפט מען ווי אַמאָל.

4

אָה משה, ווען דו לייגסט זיי פאָר א לאַנד
צו לעבען פון בעארבייטען די ערד
איז פון אָרעמע, צו סאַי פון רייכען שטאַנד
ווערען דיינע ווערטער ניט געהערט;
די שוטרים פון גושן
זיי שרייען צו משה'ן:
„דו מאַכסט אונז פאַר פרעה'ן צו שאַנד,
מען וועט אונז פעראַכטען,
ווען מיר זאָלען טראַכטען,
אין גושן — פון אַן אנדער לאַנד".
דאָס פאָלק די געמיינע,
הערט ניט די רייד זיינע
— פון ארבייט פון שווערער גענידהט —
בכן אי דער דעמאָקראַט,
אי דער אַריסטאָקראַט,
הערען גאָר זיין עצה ניט.
ביי דיזער צייט,
די רייכע לייט

געפעהלט ניט דיזער פלאַן;
וויל דורך דעם,
האַלט מען עם
פאר אן אונטרייען אונטערטהאַן
צום פעבעל מען נעהמט ריידען:
„קוקט ברידער אהין!“
פון דחקות און פון ליידען,
קריכט זיי ניט אין זין!
הכלל, —
איבעראל,
אויף יעדער טריט און שפור
זעהט מען
אין עם
פון דעמאָלס זיין נאַטור.

5

אָה, מיין פאָלק! דו ביזט ערהאבען גרויס!
דו ביזט אויף אייביג פעסט געשטעלט;
פון דיינע פעהלער זעהט מען אויך ארויס,
אז דו בלייבסט אונשטערבליך אויף דער וועלט.
ביי וועלכע נאַציאָנען,
קען מען דען דערקאָנען,
פון פיער טויזענד יאָהר א נאַטור?
דאָס פאָלק ווערט דאָך עלטער,
אי שוואַכער אי קעלטער,
עס בלייבט ניט פון יוגענד קיין שפור;
און דו האָסט דיין יוגענדזאַפט,
ביזט פול מיט לעבענסקראַפט,
ווי אין דעם מדבר אמאָל;

אויף דיר קומט קיין עלטער ניט,
דיין יוגענד אייביג בליהט,
סאַי דו וואַקסט אויף בערג, סאַי אין טהאָל.
אָט דיזער שכר,
איז נאָר דערפאר
ווייל דו היטסט איין דיין שטאַם גוט ;
פון משה'ן אָן
איז די נאַציאָן
ריין פון פרעמדע בלוט,
מיט פעלקער זיך זיין מתחתן
געפינט איהר ניט ביי עם,
ער וויים זיין טאַטענס-טאַטען
ביז יעקב פון שכם ;
דעם דור
המדבר
זעה איך אין דיר יעצט,
דיך בייט
קיין צייט
יונג בלייבסטו ביזט לעצט !

1888

# קאָלומבוס און וואשינגטאָן

1

גרויסע מענשען אייביג שטרעבען
צו בריינגען נוצען פאַר דער וועלט,
דער שיינקט בילדונג, דער — זיין לעבען,
דער מיט גייסט און דער מיט געלד;
איינער ראַטעוועט טויזענד מענשען
און דער צווייטער אַ מיליאָן,
דער, אַ גאַנצע שטאָדט פון זיין הילף גלענצען,
דער מאַכט גליקליך זיין נאַציאָן.
עס וואַרען מענשען צוויי:
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן,
ביים לעבען האָבען זיי
פיעל גוטעס אויפגעטהאָן;
דער שווימט דעם ים אַריבער
געפינט אַ נייע וועלט,
דער שטרייט ווי אַ גבור
און האָט איהר פריי געשטעלט.
אונגליקליכע פערזאָנען,
פון אַלערליי נאַציאָנען,
שיצען זיך ביי זייער פאָהן,
און אַ גאַנצע וועלט מיט מענשען
הערט מען דורכאויס בענשען
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

2

דאָרט אין צפון[1] גיט השגחה,
אין קוואַל פון דלות און פון שמוץ
ליגט און קוועהלט זיך אַ בעל מלאכה,
פון זיין גרויס מיה האָט ער קיין נוץ;
קאָנקורענטען רייסען זיין ביסען,
באָדט זיך שטענדיג אין ים פון נויט,
ווייב און קינד געהען אָפּגעריסען
און זיינען זשעדנע דאָס טרוקענע ברויט.
גיט איהם גאָט אַ זין
צו ענדערן זיין שטאַנד,
לאָזען זיך אַהין
צו דער פרייער לאַנד.
איין יאָהר לויפט אַריבער,
זעהט, דער מענש פערדיענט!
ליווערט באַלד שוין איבער
אין נויאָרק זיין געזינד;
טאַלאַנטען באַלד געגעבען,
זיי מאַכען שוין אַ לעבען,
זיי זעהען שוין די נויט ניט אָן.
צווישען אַ וועלט מענשען
הערט מען זיי אויך בענשען
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

3

יענעם מסר'ט מען, בלויז פון שנאה,
כאָטש אַלע ווייסען אַז ער איז ריין,
עס ווערט דאָך איינג זיין מדינה,
ער מוז דאָך באַלד צום משפט שטעהן;

און האָט קיין ערות זאָלען איהם בעשיצען
ער ווייס וואָס איהם קומט על פּי דין :
פריהער וועט ער לאַנג אין פעסטונג זיצען
און דערנאָך ווער ווייסט וואוהין...
כאַפּט ער ווייב און קינד
און זיין ביסעל געלט,
לויפט אַוועק געשווינד
אין דער נייער וועלט ;
דאָ געהט אויף איהם קיין ביכער,
מען פרעגט ניט ווער און וואָס,
דאָ זיצט ער זיך גאַנץ זיכער,
ווי אונטער אַ שלאָס ;
און זוכט זיך אוים געשעפטען,
ווי נאָך זיינע קרעפטען,
קיינער קען איהם גאָר ניט טהאָן,
און צווישען אַ וועלט מענשען
הערט מען איהם אויך בענשען
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

4

ווי קלוג, ווי שעהן, איז יענע פריילין,
גליקליך קען זיין פאַר איהר אַ מאַן,
נאָר וואָס העלפט די מעלות, אַז זי קען ניט צעהלען
טויזענד רובעל איהם נדן,
ווען זי זאָל שוין דאָס געלט בעווייזען,
קריגט זי ניט נאָך איהר זוערטה און טהאַט,
דער האָט פיעל פעהלער, דער קען ניט שפייזען
אַ געזינד מיט ברויט צו זאַט ;
קומט איהר אויפ׳ן זין אַרויף

אַ קרוב האָט זי דאָרט,
זי שרייבט זיך דורך מיט בריף
און קומט אין פרייען אָרט.
דאָ זוכט מען קיין פּלענער
פון נדן ווערען רייך,
זי קלייבט אויס פון די מענער
וואָס איהר זאָל פּאַסען גלייך,
און האָט פּאַר איהם חיונה,
אַ קלייד נאָך אַ שעהנע,
נאָך איהר וואונש פון אייביג אָן.
צווישען אַ וועלט מענשען
הערט מען איהר אויך בענשען,
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

5

ביי יענעם פּאַלט שטאַרק די געשעפטען,
איהם האָבען לייט פיעל געלט פערפיהרט.
ער אָבער מאַטערט זיך מיט אַלע קרעפטען,
ביז ער האָט ענדליך געבאַנקראָטירט;
בעלי חובות איהם דריקען, קוועטשען,
פערקויפען ווירטשאַפט ביי איהם פון שטוב,
איינער וויל איהם שוין אין פעסטונג זעצען;
פון הימעל געפאַלען אין טיפסטען גרוב!
ווייזט איהם די נויט אַ פּלאַן,
אַן ענד פון דריק פון רויב,
אַריבער געהן דעם ים
צו דער פרייער טויב.
אנפאַנגס עטוואָס ביטער:
פרעמד די שפּראַך, דאָס לאַנד,

ווערט ער אַ געניטער,
בייט זיך גלייך זיין שטאַנד;
פאַרדיענט שוין היבשע טאַלער,
און ווערט אַ גוטער צאָהלער,
עס קומט ווידער זיין פריהלינג אָן.
צווישען אַ וועלט מענשען
הערט מען אויך איהם בענשען
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

6

זעהט אין צ פ ו ן, פיעל אַקטיאָרען
שפּילען פראַכטפאָל אויף זשאַרגאָן,
נאָר פון זיי אַלע איז אַ תל געוואָרען,
ווייל עס שטערט זיי אַ זאַקאָן:
ווי זיי קומען אין א שטאָדט שפּילען,
פיהלען זיי דעם טעם פון טויט,
ביז עס טרעפט זיי, בעאַמטע ווילען,
עסט מען אויף פון זיך די הויט;
בלייבט ביי זיי אַ פּלאַן:
גענוג צו זיין געשטערט,
שווימען דעם אָקעאַן
צו די פרייע ערד;
דאָ שעצט מען דעם טהעאַטער,
מיט עהרע און מיט דאַנק
זיי זיינען נאָך מותר
אויף קלייבען געלט אין באַנק,
און וואָס מען וויל נאָר שפּילען,
און רעדען וואָס זיי ווילען,
זעהען קיין צענזור ניט אָן,

און צווישען אַ וועלט מענשען
הערט מען זיי אויך בענשען
קאָלומבוס און וואַשינגטאָן.

1889

# צום פעדלער

1

ווי לאַנג וועסטו, אידעל, ארומגעהן און פעדלען?
און פּאַלען צו לאַסט בּיי די שכנים אין לאַנד,
וואָס שרייען אין צייטונגען און שטעכען ווי נאָדלען:
„דער איד איז אַ שנאָרער, און שטעלט אוים די האַנט״!
דען וואָס איז פעדלען? — נאָר בעטען נדבות!
אן אלטער, א קראַנקער, געהט פעדלען בּיי׳ם קריסט,
מען נעהמט פון זיין קערבעל אַ פּין אויף קאַטאָוועס,
אז דאָס זאָל ניט הייסען: מען שיינקט איהם אומזיסט!

2

עס גיט בּיי דיר פעדלער אין קאָונטרי, וואָס רייזען
און פערקויפען דזשולערי[1] — קופער פאַר גאָלד;
און טאָר זיך שוין קיין מאָל אין קאָונטרי ניט ווייזען,
דען ער וואָלט מיט זיין לעבען בעצאָהלט...
קומט נאָך איהם דאָרטען א פעדלער, א צווייטער,
ער מעג זיך שוין גראַדע ווי אָרענטליך זיין —
נעבּטיגט אין דרויסען, אין שלעכטעסטען וועטער,
און קיינער לאָזט איהם אין שטוב ניט אריין!
ווי שווער און ווי בּיטער איז פעדלער׳שער לעבען,

3

פערוואָגעלט ווי קין, וואו טאָג און וואו נאַכט;
צו היץ און צו קעלט איז ער איבערגעגעבען,
קיין היים און קיין רוה, און איז שטענדיג פערשמאַכט!
שלעפּט אויף זיך פּעק, וועלכע איבער'ן כוח,
בעקומט נאָך פון לויפער א „יישר" דערפאר;
דער וואַרפט איהם מיט שטיינער, דער שפּאַלט איהם דעם מוח,
זיין אָרעמעס לעבען איז רק אין געפאַהר!

4

וואָס זוכסטו זיך אידעל אזעלכע פּרנסות,
וואָס מאַכען דיין נאָמען צו שפּאָט און צו שאַנד!
געה לעז אין די צייטונג אויף דיר ליעבע דרשות...
זיי בעסער א פּארמער און נעהם זיך צו לאַנד!
האָב דיר דיין הויז, און דיין פעלד, און דיין גאָרטען,
זעע דאָרט און פלאַנץ דאָרט — מיט אַלעמען גלייך!
ווי עהרליך, ווי זיכער, דיין לעבען איז דאָרטען,
און האָסט נאָך א טשאַנזש2) מיט דער צייט ווערען רייך!

5

עס קומען צו טעגליך רק גרינע און גרינע,
און יעדערער כאַפּט באַלד דעם באַסקעט אין האַנט;
זעה, זאָלסט ניט ליידען, ווי יענע פון כינא...
וואָס זענען פערוועהרט היער צו קומען אין לאַנד!
פערגעס ניט, דו איד, אז פון אלע וועלט-טהיילען
איז היער צו אַנטלויפען דיין איינציגער פּליים3) —
ווען דו זאָלסט, חלילה, אָט די לאַנד פערשפּילען,
וואו לויפט מען שוין דאמאָלסט? אוי, זאָגט, ווער עס ווייס!

6

וואו איז דעם באַראָן הירש'ס גרויסע נדבות,
וואָרום לאָזט איהר שלאָפען אָט דעם קאַפּיטאַל ?!
וואו זייט איהר, גבאים, איהר שטאָט־בעלי־טובות!
האָס זוכט איהר ניט מיטלען צו העלפען דעם כלל.
לאַנד אין אמעריקא איז לייכט צו קריגען,
בעזעצט עמיגראַנטען, גיט לעהרער צו זיי!
זיי זאָלען זיך לערנען, זיי זאָלען זיך קליגען,
צו זעען, צו פלאַנצען דאָרט פרוכט אַלערליי!

7

וואָס זינגט איהר, פּאָעטען, פון בלומען פון פויגלעך,
דאָס ליעד האָט לאַנג שוין איהר צייט אָפּגעלעבט!
דאָס פּאַסט צו פאַרשלעפּערען קינדער אין וויגעלעך,
ניט בעסער דעם קראַנקען זיין היילונגס־רעצעפּט!
איהר זעהט, אייער פאָלק ליעגט יעצט אין סכנות,
מען רעדט פון זיי העכער... וואָס קען זיין דער סוף?
גיסט צו צו דער מוזע איין טראָפּען פון רחמנות,
און פיהרט אויף א וועג די פערבלאָנדזשעטע שאָף!

8

ווער שלייפט מיר די אויגען צו קוקען פון ווייטען?
אך! ווער וואָלט מיר געבען אזא טעלעסקאָפּ!
איך זאָל קענען זעהען די גליקליכע צייטען,
ווי פעדלען און שווינדלען ביי אידען — אַראָפּ!
איבעראַל זאָל איך זעהען נור פאַרמער פון אידען,
און לעבען צוזאַמען, אין שלום און פרייד...
דאַן וואָלט מיין האַרץ זיין בערוהיגט, צופריעדען, —
און איך וואָלט זיי זינגען דעם „שניטער'ס“ א ליעד!

1890

# פערזעהן—פערשפּיעלט

1

אין אמעריקא קלייבען זיך ביסלעכוויים אידען,
פון רוסלאַנד, פון עסטרייך, — פון דער גאַנצער וועלט,
און זענען אין חברות, אין לאַנדשען פערשיעדען,
נאַר מען קוקט ניט דעם גרונד, וואָס דעם כלל אידען פעהלט.
עס פעהלען אונז א אידישע מאַכט אויפצובויען,
צו זאָגען א דעה היער אין פּאָליטיק;
ווען אלע פעלקער יעצט „קלאַבען" זיך סטרויען,
גיבען מיר זיי אָפּ אין האַנט אונזער גליק.
מיר טאָרען אין פרעמדע ניט זיך צופיעל אַנטרויען,
צווי טויזענד יאָהר לערענט אונז די פּראַקטיק...

2

פיעל דייטשען, פיעל איירישע קומען אריבער,
ווערען סיטיזענס, אָהן גוואלד, אָהן געשריי,
בילדען א קלאַב, זייער וואוט וועגט שוין איבער,
און אלע בעאמטע רעספּעקטירען זיי!
ווי זאָל מען דעם אידען אין לאַנד רעספּעקטירען, —
וואוינט אָפּ צעהן יאָהר, און קיין ערשטען פּאַפּיער,
אנדערע לאָזען זיך פון שווינדלער פערפיהרען,
פערקויפען דעם וואוט פאר א דאָלאר, פאר ביער,
ווילען די „לאָו" פון דאָס לאַנד ניט שטודירען,
זאָ קוקט מען, זאָ שעצט מען, זאָ אַכטעט מען דיר! —

3

צוויי טויזענד יאָהר רייזטו אין קעלטען, אין היצען,
 דעם פּאַק אויפ'ן פּלייצע, — צו זוכען א רוה,
קוים בעטסטו זיך איין וואו צו שלאָפען אין קיטשען,[1]
 באַלד הייסט מען דיר מופען, דיין פּאַק נעהמט מען צו.
דאָס האָט דיך ליידער פון מוטה אָפּגעשלאָגען,
געטויטעט אין הארצען דיין שטאָלץ און דיין דרייסט,
ווילסט גאָר אין לאַנד קיין שום דעה ניט זאָגען,
 פאַר וועמען דו שטימסט, און אויף וועמען דו ווייסט.
זוכסט נור דעם דאָלאַר, זאָל זאַט זיין דיין מאָגען,
 געשטאָרבען בר־כוכבא, געשטאָרבען זיין גייסט! —

4

ווען איך זעה מיין פאָלק פון דיר זאָלכע קאָנטראַסטען,
 בלייב איך פערצווייפעלט, מיין קאָפּ ווערט מיר דול,
דאָרט, זעה איך, פערטראָגסטו פּאָגראָמען און לאַסטען,
 דאָ מאַכסטו סקאַנדאַלען פאר שלישי אין שול;
שטעהסטו אום עהרע, — טאָ שטעה אום דיין נאָמען,
 דיין נאָמען „איד" איז נור איין צווייג פון בוים,
פערקויפסטו דיין „וואוט"[2] מיט דעם אידען צוזאַמען, —
 צום פרעמדען געבייַ טראָגסטו ציעגעל און ליים!
זעה ליבערסט דיין יאָרד מיט אַ וואַנט צו פערצאַמען,
 גענוג זיין א שכן, — פערזאָרג זיך א היים!

5

ווען איך האָב דיר נאַכלעסיג אין רוסלאַנד געפונען,
 האַב איך דאַן געקלערט: ניט אָן דיר איז געווענדט,
וואָס קען דען א מענש טהאָן, ווען ער ליעגט געבונדען,
 מיט שטריק פון דיסציפּלינע די פיס און די הענט!
דאָ לעבסטו אין פריידייט, דו דיענסט ניט ביי וועמען,

דאָ ווערסטו „אונטערטהאַן“ ניט מעהר גענענט,
און איך זעה דיר דאָ אויך פערמאַכט דיינע ברעמע,
נאַכלעסיג, פויל, דיינע אויגען פערבלענדט,
פוילסט זיך די ערשטע פּאַפּירען צו נעהמען,
וואָס קאָסט צייט א שטונדע, און קעש צוואַנציג סענט...

6

אין נויארק, אין קאַנטרים, ניט גאַנצע דיסטריקטען,
די לענדלאָרדס, די איינוואוינער, אידען דורכאויס;
ווי לייכט קענט איהר קומען צום גליק דעם געזיעגטען,
בעאַמטע וועלכע איהר ווילט, פון קליין ביז גאָר גרויס!
יעצט ווערט מען פון ליפּער פערוואָרפען מיט שטיינער,
מען קלאָגט איהם אין „קאָורט“—ער געהט ארויס פריי!
ביי די וועגלעך, די אידלעך, ניט גאָר קיין איינער,
דער קלאָב פון פּאָליסמאַן זאָל איהם געהן פערביי...
ער ליעגט ווי א שעפּס אונטער וואָלפישע ציינער,
און אויף די אַלע בלוט, — וועמעס שולד איז דערביי??!

7

פון דער קאָנסטיטוציע דו זעה צו געניסען,
זי פרעגט ניט ביי'ם אידען: ווי קומסטו אהער?
זי וויל פון רעליגיעס, נאַציאָנען, ניט וויסען,
ביי איהר איז ליעב, ווילקאָמען, יעטווידער גר.
און דו, איד, בעזיצט פון א רוסטער די זיטען,
זוכסט נור א ברעקעל, שאַרסט אָפּ א בריליאַנט!
פערגעסט וואָס אין דייטשלאַנד האָסטו יעצט געליטען,
ווען דו האָסט דעם איין פונקט געלאָזען פון האַנט!
מען קוקט אויף'ן אידען ווי אויף פּאַראַזיטען,
מען „סאָקט“[3] און מען נעהמט ניט קיין אַנטהייל אין לאַנד!

8

זייט פּאַטריאָטען, אַמעריקאַניזירט זיך!
שטעהט ניט מיט איין פוס אויף יענעם זייט שוועל!
ווערט אַלע בירגער, און אָרגאַניזירט זיך!
האָט אַלע צום „וואוט“ נאָר איין שטרעבונג, איין ציעל!
דאַן וועט מען קיין אידען אין גאַס מעהר ניט שלאָגען,
ער וועט אויך זיין רעכט געפינען אין „קאָורט“!
דאַן וועט זיך קיין איד ניט ברויכען בעקלאָגען,
דער דזשאָדזש וויל ניט אויסהערען זיינעם א וואָרט!
דאמאָלס וועט איהר ערשט מיט רעכט קענען זאָגען:
„דאָס לאַנד איז פאר אידען דער רוהיגסטער אָרט!“ —

9

ווען דו וואָלסט געווען א מאַכט אויפגעבונדען,
פון אידישע בירגער היער, אַלע באַנאַנד, —
ווען דו וואָלסט פון אַלע אַ צענטראַל קלוב גרינדען,
צו שיצען די אידישע אינטערעסען אין לאַנד, —
דאן וואָלסטו קענען א געגען־מאַכט בויען,
געגען די פינסטערע גלחים היער,
וואָס ווילען צוטרעטען מיט זייערע קלויען,
רעליגיעזע פרייהייט, פאר יעדען, פאר דיר,
וואָס ווילען דעם גרונד־געזעץ אויך איבערסטרויען,
דאָס לאַנד זאָל נור קניהען צו די ווילדע טהיער!

10

יעזואיטען און גייסטליכע זיינען היער מאַסען,
שטילע בריעף פון פּאַבסט ערהאַלטען זיי פיעל;
זיי וועלען אימער ניט רוהען, ניט ראַסען,
ביז זיי וועלען קומען פעסט צו זייער ציעל.
זייער ציעל איז נאָר — די צייט אומצובייטען,

די קירכע זאָל ווידער ערגרייכען איהר מאַכט,
דאָס פאָלק זאָל דאָס פערד זיין, און זיי זאָלען רייטען,
ווי אין מיטעל־אַלטער, — א פינסטערע נאַכט!...
מיט אונזער בלוט איז פערשריבען די צייטען,
געלעגען געבונדען, ווי שעפסען צום שלאַכט!...

11

שטעהט אויף פיקעטען, די אויגען האַלט אָפען!
ווייסט וואָס עס טהוט זיך דאָרט הינטער ארום!...
מיינט ניט אז אייערע שונאים זיי שלאָפען,
זיי זענען אין „ווהייט־הויז" אויך פול אומעטום, —
אויף דער קאָנסטיטוציע האָט ניט קיין בטחון,
דער אמת ווערט דונקעל, ווען דער שקר גילט!...
די וועלט האָט ניט איין מאָל פערבלאָנדזשעט,
פערקראָכען,
און מיר האָבען נאָכהער די קלעפ גוט געפיהלט...
ווייסט ניט אין איין נאַכט וואָס קען זיך פערקאָכען —
האַלט אָפען די אויגען! פערזעהן — איז פערשפּיעלט!

1880

# די „דזשואיש אַליאַנס"[1]

1

דייטשע און איירישע מאַסען,
וועלכע האָבען דאָ[2] אַ גרויסע דעה,
די זעלביגע דעם אידען האַסען,

מיט דער צייט קען אונז שטאַרק זיין נוגע...
און מיר — זענען יעדערער בעזונדער
ווי די שעפּסען צו וואָרפען איבעראַל,
עס געפינט זיך פון אונז ניט קיין גרינדער
צוזאמען בינדען אַלעמען אין כלל
און דאָ געהט צייטונגען פאַרשידענע,
וואָס זענען פון אונז ניט צופרידען
און רייצען אויף אַף דעם אידען
ווי זיי זענען פון ד אָ ר ט געוואוינט.
און ווען מיר זאָלען ניט בעצייטען
בינדען קרעפטען אויך ווי לייטען, —
זעהט מען וואָלקענס פון דער ווייטען
אז דער מח ווערט ערשטוינט;
בעטראַכט־זשע און מאַכט א באַלאַנס
ווי נויטיג אונז אין אַן אַ ל י אַ נ ס
יעדער גליד פון אונזער קערפּער זאָל ניט פענאַנדערגעהן
(דער פעהלער פון אונזערע אבות אבותינו)
ווען דער אַליאַנס זאָל אונז ברייגנען נאָר דאָס אליין,
איז אונז שוין אויך דיינו!

2

אין אמעריקא אַלע נאַציאָנען,
וואָס זענען אהער אָנגעקומען
האָבען געגרינדעט קאָלאָניען,
די ערד אין האַנט אריינגענומען.
ביי אונז קומען טעגליך אָן גרינע
און ווערען פון באָסעס פערפיהרט,
דערפון שטייגט פון ארבייטער די שנאה,
ווייל דער איד אין פּרייז נאָר קאָנקורירט.

ווען מען וואָלט זיי ערד געגעבען,
זיי זאָלען מאַכען דאָרט א לעבען,
ניט אין פעקטאָריס צו שטרעבען
און ארבייטען האַלב אומזיסט;
מיט'ן קריסט ניט קאָנקורירען,
שנאה וואָלט ניט עקזיסטירען,
דאָס לאַנד וואָלט אונז פאַר בירגער שפירען,
מען ארבייט ערד גלייך מיט'ן קריסט.
בעטראַכט־זשע און מאַכט א באַלאַנס
ווי נויטיג אונז איז אן אַליאַנס
מיר זאָלען אין דער פרייער לאַנד אויף א פעסטען
באָדען שטעהן,
דאָס הייסט קוממיות על ארצנו;
ווען דער אַליאַנס זאָל אונז ברייננגען נאָר דאָס אליין
איז אונז שוין אויך דיינו!

3

ווי שלעכט מיר ערציהען די קינדער,
פון נאַציאָן ווייס ניט קיין איינער,
אז עס איז שוין גאָר ניט קיין וואונדער
וואָס זיי פערוואָרפען א אידען מיט שטיינער;
נאָך צוואַנציג יאָהר ווען מיר זאָלען אָפּפאָהרען
וואָס וועט זיין מיט דעם צוקינפטיגען דור?
ניט וויסען, אז מען איז א איד געבאָרען
געענדיגט מיט דאָס יודענטהום ביז גאָר!...
און אום צו בעסערען די לאַגע,
פון אונזער ערציהונגס פראַגע,
מוזען מיר צו דיעזען טאַגע
בינדען זיך א ל ע אין כלל.

ווען מיר זאָלען זיין געבונדען
און צו דעם ציעל שולען גרינדען,
ווי פעדראַגאָגען האָבען ערפונדען
מיט די ערציהונג איבעראַל.
בעטראַכט־זשע און מאַכט א באַלאַנס
ווי נויטיג אונז איז אן אַליאַנס
מיר האָבען ערשט נאָר אָנגעפאַנגען פון מה טובו צו געהן,
האַלטען אונזערע קינדער ביי עלינו...
ווען דער אַליאַנס זאָל אונז ברייננגען נאָר דאָס אליין
איז אונז שוין אויך דיינו!

---

צווייטער טהייל.

1

איצט בעטראַכט ווי ס'איז נויטווענדיג
בינדען זיך באַנאַנד,
אוב איהר ווילט נאָר בלייבען שטענדיג
בירגער דאָ אין לאַנד;
אויב איהר ווילט ניט זיין ווי בלעטער
וואָס פאַלען אָפּ פון בוים,
טאָ לייגט דעם איצט ניט אָפּ אויף שפּעטער
נויטיג איז דער שוים.[1]
איהר וואָלט האָבען דעם בליק
מיט צוואַנציג יאָהר צוריק,
וואָלט איהר איצט גאָר אַנדערש אויסגעזעהען;
פאַרמער אידען פיעל,
לעבען רוהיג שטיל,
פון שנאה וואָלט קיין זכר ניט געווען.

2

צייט צוויי טויזענד יאָהרען שלעכטע
קומט אונז ניט צום האַנט,
אידען זאָלען האָבען רעכטע
ווי דאָ היער אין לאַנד,
איהר קענט גרינדען דאָ אַליאַנסען,
פיעל דאָס האַרץ געלוסט,
קלייבען געלדער און פינאַנסען,
קיינער שטערט אייך ניט.
טאָ בענוצט די צייט און זעהט:
בעט איהר אוים גוט די בעט,
שלאָפט איהר רוהיג גלייך מיט אלע לייט...
ווען איהר פוילט זיך יעצט,
חרטה קומט צו לעצט,
האַרט צו שלאָפען, האַרט אונטערן זייט.

3

דיין ניט שטימען דאָס פערטרייבט דיך
פון דיין אייגען לאַנד,
ענדליך זעהסטו אז ס׳פערבלייבט דיך
אונגליק, נויט און שאַנד;
ביז ווי לאַנג וועט דיינע וואונדען
נאָך ניט זיין פערהיילט?
עס איז שוין צייט צו זיין געבונדען
אין שטיקער ניט צוטיילט!
ביי דיר אין שול, אין הויז
זיי דיר פריי און לויז,
קענסט זיך פיהרען ווי דו ווילסט אליין;

וואָס אַנבעטרעפט דעם כלל —
אַט דאָ איז אויף דיר חל
זאָלסט זיך בינדען, ניט פון וויטען שטעהן.

4

דער אַליאַנס מוז אימער שטייגען,
דאָס געפיהל אונז הייסט
אין די קאָנטרים פלאַנצט אויך צווייגען,
פון פינגער מאַכט א פויסט;
מיט די סענטען זייט צופרידען,
אָנפאַנגס מוז זיין קליין,
עס וועלען שון די רייכע אידען
אויך צו אונז צושטעהן.
זיי זאָלען זעהן — דאָס פאָלק
ארבייט מיט א טאָלק,
דאַן ווערט גבירים טויזענדער פערשאַפט,
דער פאָנד פון דעם באַראָן
וועט אויך העלפען טאָן,
פון אלע גליעדער ווערט איין מענש מיט קראַפט.

5

זאָל אייך דאָס ניט זיין אונמעגליך,
ווי א באַרג די גרוים,
דען די פּראַקטיק וויזט אונז טעגליך,
ו ו י ל מ ע ן, פהרט מען אוים;
עס זאָל דיך מיין פאָלק ניט אַרען,
וואָס מען שלאָגט דיך אָפּ,
דאָס איז מרגלים, בלייבען נאַרען,
עס פעהלט זיי האַרץ און קאָפּ.

מיט ענערגיע טהוט,
פאַלט ניט אָפּ פון מוטה;
קאָכט מען מיטאָג, מוז דאָך געהן אַ רויך.
פעסטיג דעם בעשטאַנד
פון אידען דאָ אין לאַנד,
מיר זאָלען בליהען, וואַקסען, שטייגען הויך! —
1891

# דאס גאלדענע לאנד

1

פון אמעריקא האָב איך אלס קינד געהערט,
ווען מענשען פלעגען רעדען באַנאַנד:
„ווי גליקליך מען לעבט אויף קאָלאָמבוס'עס ערד —
דאָס איז אַ גאָלדענע לאַנד".
איך בין אהער געקומען, דעם ספר דורכגעקוקט,
טרערען, טרויער, איז אויף יעדען בלאַט געדרוקט.
אין די ענגע גאַסען, וואו די מאַסע שטעהט געדיכט,
פיעל אָרימע, פינסטערע, דער אונגליק ליגט אויפ'ן געזיכט;
שטעהען פון פריה ביז ביינאַכט,
די ליפּען פערברענט און פערשמאַכט.
דער איז מפקיר זיין קינד פאר א סענט,
דעם וואַרפט מען פון וואוינונג פאַר רענט,
פיעל גרינע מיט שווערען געמיט
פאַלען פון הונגער אין סטריט,

פיעל דלות מיט קראנקהייט באַנאַנד,
אַלץ אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

2

דעם ארבייטער'ס לעבען שווימט דאָ אוועק
אין א טייך פון זיין אייגענעם שוויים;
האָרעוועט אין ביזי און הונגערט אין סלעק,
און איז שטענדיג אין שרעק מיט זיין פּליים,
ווי א מאַשין א נייע לעגט פאָר איהר פּראָיעקט.
פיעל אַרבייטער הונדערטער, ווערען פון פאַבריק
געסעקט,
לעזט נאָר די סטאַטיסטיק, זעהט מען יעדען מאָל,
פיעל גאַסען־טרעמפּס, קאַליקעס, פערגרעסערט זיך
שטענדיג די צאָהל.
דער פּראָלעטאַר האָט דאָ א ווערט,
פּונקט ווי אין סטריט־קאַרס די פערד,
לויפט, לויפט, ביז וואַנען ער פאַלט.
קיין ארבייטער ווערט דאָ ניט אַלט,
דעם גיט א מאַשינע א ריס,
דער בלייבט פון ארבייט אָהן פיס,
דער ווערט בלינד, דער אָהן א האַנט,
און אַלץ אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

3

דער גרינער פאַלט דאָ פון מוט אראָפּ,
ווען לויפער איהם רינגלען ארום,
דער פּאָליסמאַן זעהט, קעהרט אָפּ די קאָפּ,
ווי הפקר דער מאַן וואָס איז שטום!
דער פּעדלער מיט'ן וועגעל, רק מען שלעפּט אין קאָורט,

פּעדעלט אום זונטאג, שענקט מען איהם אין „טומס“
אן אָרט,
אין די סויטה פּעררייזט ער, דען דאָ איז איהם ניט גוט,
פּיעל פּעדלער דאָרט; הרוגים, קיינער מאָהנט ניט אויף
דאָס בלוט.
האָט איינער דעם קלענסטען טרייעל[1]
שטעלט ער זיין אייגענם אין בייל,[2]
דער לאָיער דאָס זייניגע טהוט,
סאָקט איהם זיין לעצט ביסעל בלוט.
האָב איך מיט גאָלד ניט ערפילט,
דאַן איז שוין מיין משפט פערשפּיעלט,
צוריק גערט די וואַרהייט מיט שאַנד,
און דאָס רופט מען: גאָלדענע לאַנד!

4

פּיעל האָט דאָ א ווערטה א מענשענס קאָפּ,
ניט זיכער קיין איין מינוט.
דאָרט גערט א טריין פון וועג אראָפּ,
א טייך מיט מענשען־בלוט,
ביי סטריט־קאַרס און פאבריקען וואָס לעבענס מען
פערליערט,
דער אַמבולאַנס איז ביזי, רק מען זעהט ער טהוט און
פיהרט.
דאָרטען גראָבט מען קויהלען, פּלוצלונג עקספּלאָדירט,
הונדערטער פאַמיליען ווערען שוין צורואינירט.
פּיעל אָפּפער האָט נויארק געבראכט
פון איהרע פייערס ביי נאַכט;
די שפּרינגען פון דריי פלאָר הויך,
די בלייבען דערשטיקטע פון רויך,

פון פייערעסקייפּ(3 פאַלען אויפ'ן גאַס
קינדער פערברענטע אויף אַש.—
ווי געפעהרליך דער לעבענס-בעשטאַנד,
היער אין דעם גאָלדענעם לאַנד!

5

דאָס פרויען-געשלעכט, גיט היער א בליק,
וואו איז זייער בלומענגעשטאַלט? —
אלס קינד נאָך ארבייט זי אין פאַבריק,
אָהן יאָהרען ווערט זי אַלט,
די שטענגלער פון דער חופה, ערקלערען איהר שטומערהייט,
אַז איהר הייראַטען איז אָפּיום, דערפון ווערט מעהר די קאָפּ פערדרעהט;
איהר האָרעוועו ביז איצטער, איז ווי א נול געשעצט,
געגען די לאַסטען, וועלכע איהר ערווארטען איצט.
ווי גיך עס פערוועלקט שוין די רויז,
זי מוז שוין אַטענדען א הויז,
די בייבי גיט איהר קיין רוה,
זי האַלט אַ דריי באָרדערס דערצו;
מוז וואַשען די וועש און דעם פלאָר,
די קרעפטען ווערט שוואַכער פון יאָהר,
ווי טרויעריג דער פרויען בעשטאַנד,
היער אין דער גאָלדענער לאַנד!

6

אין נויאָרק דאַון-טאַון,(4 קוקט דאָרט אַראָפּ,
וואו די לופט איז אַ רעגעלער פעסט;
מען ליעגט אין די טענעמענטס אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ,
ווי די הערינג אין בארלעך געפּרעסט.

די אַלע סאָרטען שפּייזען, וואָס דער ארימאַן גענישט,
איז מיט פאַלשקייט, מיט הומבאַג, זאָגאר מיט ריזיקע גמישט,
ער איז פון דער פאמיליע דער שפּייזער אין דער נויט,
שטאָפּט מען איהם מיט שעדליכעס, בלייבט א קראנקער ביז אין טויט.

וועד קען עס צוזעהן דעם צער,
ווי קינדערלעך שפּרינגען פון קאַר,
מיט ניוספּייפּערס[5] פול אין די הענט,
ריזיקירען זיך פערדינען א סענט,
אין הויז איז דער דלות דאָרט פול
דאַן רייסט מען אַפּ קינדער פון סקול,
זיי בלייבען פערגראָבט, אָהן פערשטאַנד —
און דאָס רופט מען: גאָלדענע לאַנד! ?

7

נאָר גליקליך לעבט דער רייכער אין איהר,
ער בעזיצט א קעניגרייך,
וואָס אין יוראָפּ א פירסט — איז אין אמעריקא א גביר,
די מאַכט איז פון ביידען גלייך.
אין דעם גרויסען וועלט־ים אַלע טייכען פליסט,
און דער רייכטהום פון דעם מיטעלשטאַנד ציהט זיך צום קאַפּיטאַליסט.
איהם שאדט קיין קאָנקורענציע, זיין קאַפּיטאַל איז גרויס,
ער גיט א שפּיעל א ווײַלינקע, ווערען קליינינקע באַלד אויס;

ווי שטאַרק איז זיין מאַכט און זיין וואָרט
ער האָט די דעה אין קאָורט,
אין סיטי האָלל[6] גילט נאָר זיין שטים,

ציימונגען חנפ'ענען איהם,
באַהנען פיעל, און קויהלען־מיינס,(7
לאַנד וואו מען פאָהרט איז נאָר זיינס,
איבער איהם גיט ניט אין שטאַנד, — —
פאר איהם איז א גאָלדענע לאַנד!

1892

# דער גרינער

1

אמעריקא רעכענט זיך פאר א נייע וועלט,
דער גרינער איז אין איהר ווי נײַ געבוירען;
פאַקען ווערט איהם אויפ'ן שיף געשטעלט
און מאָזעלט ווען ער קומט צופאָהרען.
די פאָקען איז איהם לייכט אריבער,
געענדיגט מיט א קליינעם פיבער;
די מאַזלען איז דוקא ניט גרינג:
פרעמד איז ער דאָ פון אלסדינג;
ער ווייס ניט צו וואָס זיך צו שטרעבען,
פון וואַנען צו מאַכען א לעבען;
ער זעהט פרעמדע מענשען א סך,
איז בלינד אינ'ם לאַנד אין דער שפּראַך.
אָה דו עלענדער! דו ביזט פארווירט!
די פאַלשע האָפנונג, האָט דיך אָהער פערפיהרט!
קיין טאַלאַנט
אין האַנט

ווייס ער ניט ביז היינט,
און האָט
אין שטאָט
קיין גואל און קיין פריינד.
ער טרייט[1]
און בייט
מלאכות אויף זיין וועלט
און ליידט
א צייט
ביז די מאָזלען פעהלט.

2

עס שיינט אז קאָלאָמבוס האָט א געזעץ געשטעלט,
אַז אָפּמאַך מיט זיין געפונענע נייע וועלט;
אז יעדער גרינער וואָס קומט אין איהר אריין
מוז אומבעדינגט פון אָנהויב א פּעדלער זיין.
ער הערט צו פון אלעמען עצות,
און פאַנגט אָן צו פּעדלען מיט מעטשעס,[2]
און ווייל ער ווייס די שפּראַכע ניט,
מוז ער שטעהן אין העסטער סטריט.
פון פּאָליסמאַן ווערט ער ניט גיך פּטור
אז ער פרעגט איהם די לייסענס צי האָט ער.
דאַ זעה איך ער לויפט מיט געלאַף
און שרייט „איין סענט — דער טעלעגראַף!“[3]
און איך קוק אויף דיר, און מיין הארץ מיר ברענט
שרייסט אָפּ א נאַכט, און דו לייזט קיין סענט.
זעהט איצט,
ער שוויצט
ער פּעדעלט שוין מיט רעגס;[4]

שלעפּט זעק
מיט פּעק
און קריכט פינף פלאָר צו זעקס.
זיין געזינד
מיינט אצינד
ער שעפּט געלד יעדער שעה —
און ער,
ווי שווער,
ליגט אין מאָזלען דאָ!

3

ניט ביי אלע גרינע געהט גלייך די מאָזלען פאָרביי.
דאָס בעלאַנגט אָן בעקאַנטשאַפט, גליק און מענש.
אנאנדערער מאָזעלט א יאָהר, צו צוויי, צו דריי,
ביז ער בעקומט עטוואָס אַן עקזיסטענץ.
ער טהוט אָפּ כל עבודת פּרך
און דיענט אַלע געטער, ווי תרח:
ימים נוראים ביי'ן חזן אַ באַס,
דאָ שטעהט ער מיט לעמאָן אין גאַס,
אין א פּעקטאָרי פון בלעך איז שוין גרינגער
נאָר דאָרטען פערגעסט ער א פינגער,
וואָס ער שטעהט אין האָספּיטאל אויס
ביז ער געהט מיט'ן לעבען ארויס!
און דאָ זיין באָרד דערלעגט די וואָג,
אידם בעפאלען ליפּער, טאָג פאר טאָג.
ער טרעט
מיט געבעט
צו די אכטע סטריט
און הערט,

ווי ער ווערט
מיט זלזולים אָפּגעבריהט.
ער פערטרייט
זיין נייט
און טרערען פון איהם פליסט;
דער אַנטוואָרט
איז: פאָרט!
און געהט אוועק מיט נישט.

4

ער טרייט און לערענט זיך אַ גלעזער צו זיין,
מעסט אויס אלע סטריטען פון אפּטאַן.
נאָר קיין איינער לאָזט אַ גרינעם אין שטוב אַריין;
ער קלערט און געפינט א נייעם פּלאַן:
א ביגלער ווערט ער מיט דעם בטחון,
אז אומזיסט וועט ער נאָר טהאָן דריי וואָכען;
נאָר אַז ס'קומט צו די ווײדזשעס[5] עטוואָס
ווערט סלעק־טיים דאָרטען ביי'ן באָס.
ער וויל כאָטש צום יוניאָן בעלאַנגען,
נאָר דאָרט וויל מען איהם ניט עמפּאַנגען;
ער בלייבט א פערוואָגעלטער סקעב,
בעקומט אָפט זלזולים און קלעפּ.
און זיינע בריעף פון יוראָפּ איז מיט בלוט געפאַרבט,
אז זיין גאַנצע געזינד דאָרט פון הונגער שטאַרבט;
ער קלערט
און ווערט
א מלמד פון אלף בית;
ביז זיין שול
ווערט פול

גיסט איהם אָפּ א שוויס.
אין בייסמענט[6]
רינען די ווענט.
און ער הוסט, און שרייט און קנעלט,
ביז זיין ברוסט
ווערט פּוסט,
און זעגענט זיך מיט דער וועלט.

5

ב ייאַלע פעלקער פאַלט דער גרינער קיינעם צו לאַסט,
קומט פון שיף און גלייך פערדינט ער געלט.
פערזאָרגט ווערט איהם אַן אַרבייט וואָס איהם פּאַסט.
אומגליקליך איז דער איד נאָר אויף דער וועלט;
טראָץ דעם, וואָס אידישע באַראָנען
ספּענדען צו דעם צוועק מיליאָנען,
דאָך ווייזט מיר איין מענש אויף דער וועלט
וואָס ווערט אונטערשטיצט פון די געלט ? !
זייער אָפּיס איז פון אונז אונצופרידען
און האַסען דעם רוסישען אידען,
אז זיי האָבען א שאַפּ אויפגעבויט
אַרבייט מען הויל פאַר'ן ברויט.
ווי לאַנג וועלען מיר זיין געפּאַראַליזירט,
אונז פריהרט די פיס, און דער קאָפּ ניט שפּירט;
ערוואַכט
און מאַכט
צום „דזשוּאיש אַליאַנס א ברענטש"
אז קומט אהער
א גר
פערזאָרגט זיין עקזיסטענץ;

א נאַציאָן
מוז טהאָן
פערזאָרגט פאַר יעדעס גליעד,
א פערדראָס,
פארוואָס
פערשטעהט עס ניט דער איד ! ?

1893

# זמן מתן חירותנו

(צום 4־טען יולי).

כאָר:

פייערט אלע אידען דאָ, דעם פאָורטה אָף דזשולייַ.
דאָס איז ביי אונז דער צווייטער פסח היינט !
דאמאָלס ווערען אידען נאָר פון איין פרעה'ן פריי
היינט בעזיעגט איהר פיעלע פיינד !

סאָלאָ:

ווער איז דער היסטאָריקער, זאָל אויפווייזען די צייט,
ווען די אידען האָבען רוה, ווי יעצט אין דיזען לאַנד ?
אין בית ראשון, בית שני, אימער קריעג און שטרייט,
נאָכהער אין גלות, דריקונגען און שאַנד.

כאָר: פייערט אלע אידען דאָ א. ז. וו.

סאָלאָ:

פון אונטערשיעד אין גלויבען, און נאַציאָנאַליטעט,
פון זאַקאָן: „קראָמי יעווריעוו" און צייטונגס זידלעריי;

פון פינסטערע צענזוריע, פון בעליידיגען מאַיעסטעט —
פון שמוציגע אנטיסעמיטען פריי.

כאר: פייערט אלע אידען דא א. ז. וו.

סאלא:

אין יענע צוויי רעפובליקען, מיט איירָאפּאַ בענאַנד,
זענען אידען ביז נאָך היינט פעראַכטעט און פערהאַסט;
די „דעקלארעישאָן אָף אינדעפּענדענס" דאָס פערמאָגט קיין לאַנד
די קאָנסטיטושאָן האַלט אין גאָלד געפאַסט!

כאר: פייערט אלע אידען דא א. ז. וו.

סאלא:

נעהם נור דיין היסטאָריע איד! לעז עס בלאַט פאר בלאַט,
גאַנצע ימים אידיש בלוט בעגאָסען אָט דאָרט;
אין אלע לענדער קוק נאָך היינט, בעטראַכט נור יעדער טהאַט,
אויסער דאָ האָסטו קיין רוהיג אָרט.

כאר: פייערט אלע אידען דא א. ז. וו.

סאלא:

וואַרף אוועק דיין וואַנדער שטאָק! גלייך שוין אויס דיין קאָפּ!
מעהר פון אַלע פעלקער דאָ זינג פרעהליך דאָס געדיכט;
ווען עס ליעגט אין דער פינסטער, זאָ פיעל יאָהרען אָפּ,
דעם ערפרעהט זיין הארץ נאָך מעהר דאָס ליכט —

כ א ר :

פייערט אלע אידען דאָ, דעם פּאָורטה אָף דזשוליי
די ענדע פון דיין לאַנגען קלאָג ;
נאָך זאָ פיעל יאָהרען פּייניגונג, דריקונג, טיראַניי,
ענדליך שיינט דיר העל דער טאָג ! !

1898

## צו מיינע פריינד

די ענטוויקלונג פון מיינע ליעדער
איז די ענטוויקלונג פון מיינע ברידער
פון אכטצעהן פינף און פופציג, פון צייט איך פאַנג זיי אָן.
דער איד איז דאַן געוועזען
פאַנאַטיש און אומבעלעזען ;
שרייב איך פאַר איהם קליינליך, ווי ער פערנעהמען קאָן.
און פיעל דער איד שטייגט העכער,
זיין פאַנאַטיזם שוואַכער,
ווערט מעהר דענקענד מיינע ליעדער, פינקטליך טריט
ביי טריט.
זוכט נאָך די מעטאָדע,
דערקענט איהר זיין פּעריאָדע,
ווי ער שטעהט, אויף וואָסער שטופע געה איך מיט
איהם מיט.

# מיין ליעד און דער איד[1]

ווי גרויס איז מיין ערשטוינונג,
איך זעה יעצט מיין בעלוינונג:
אַ נאַנצע פאָלק קומט דאַנקען איינעם פאַר זיין מיה.
איך זעה אַז איהר פערגעסט נישט, —
די דאַנקבאַרקייט פערלעשט נישט —
איהר צאָהלט מיר אָפּ פון אבענט פאַר מיין מיה פון
דער פריה;
פון מיינע פריהלינגס יאָהרען
ביז איך בין אַלט געוואָרען
געאַרבייט פאַר דער אַלטער וועלט, פיעל לאַסטען
איך פערטראָג!
געאַרבייט פאַר זיי מונטער
ביז די זון געהט אונטער
דער נייער דור פון דעם זייט ים בעלוינט מיר פאַר
מיין טאָג.

# באַמערקונגען און אַפּטייטשונגען צו די לידער.

## דער פּוסטער פראַנט (ז. 21)

1) שטיוועל איז — צונזער געברויכט כמעט אומעטום א י ז (איינצאָהל) אנשטאָט ז י י נ ע ן (מעהרצאָהל).

אויך אין די ענדערונגען פונ׳ם אַרבייטס-וואָרט געברויכט ער די איינצאָהל-פאָרם אפילו דאָרט וואו עס דאַרף זיין מעהרצאָהל. ווי: גלידער ו ו ע ר ט יונג, אנשטאט ו ו ע ר ע ן יונג, א. ד. גל.

## זאָגט קדיש נאָך דער וועלט (ז. 25)

1) דאָס ליעד איז געשריבען אין יענער צייט ווען דורך דער נייער באַהנליניע קיין פּרייסען איז די געטא־בירזשע אָנגעפילט געוואָרען מיט פרעמדע ספּעקולאַנטען און די אידישע פּאדריאטשיקעס (קאָנטראַקטאָרס) האָבען פון דעם שטאַרק געליטען.

2) אָבוואוואטעלעם (רוסיש) — בעלי־הבתים.

3) פאר דעפּוטאַטען.

4) אָטוועטשייען — ענטפערען, פאַרענטפערען זיך.

5) די קאיפּעלע ווערט רק יאַלעווע — מען טרינקט אויף באָרג און די קאיפּעלע, דאָס טונכעלע מיט וויין, ווערט לער. (יאלעווע—די צייט ווען א קוה הערט אויף צו געבען מילך.)

6) קאָנקלעטען — דאַרף זיין — קאָטלעטען.

7) אַ דריאַקע — אַ געשלעג.

8) קינדער, קליינע ערבות — וואָס מיינט עס?

9) ניט קיין וויגאָדע — ניט קיין גוט געשעפט.

10) קרינעלינע — אַזאַ מין קלייד פון אַן אַלט־מאָדישען פאַסאָן.

11) יושקעם — קוימענדעקעל.

## דאָס ליעד פון זייגער (ז. 31)

1) פּראָוועדיר — וועג־פיהרער, פאראויסגעהער.

2) אַ פּאָדלע — אַ שלעכטע.

3) אַ טרענץ — אַ טרייסעל.

## דאָס ליעד פון פויגעל (ז. 38)

1) **איי** — פארקירצט פון — א י י ד ע ר.

2) די סטראָפע, ווי א פּאָר אַנדערע סטראָפען אין אַנדערע ליעדער, איז, ד.ה. עס שיינט בכיון געשריבען געוואָרען פאר'ן רוסישען צענזאָר. אידען, הייסט עס, האָבען עס אליך אַמאָל ערגיץ אנדערשוואו געליטען, אָבער ניט אין רוסלאַנד...

3) **איהר פנים** — מיינט אודאי דעם פנים פון פערוואָגעלטען פויגעל, פון פאָלק ישראל, וואָס ווערט געפּלאָגט און געיאָגט פון אנדערע רויב־פויגלען, פון די גוים.

4) **דער ווירטה פון לאַנד** — די רוסישע רעגירונג. ווידער א סטראָפע פאר'ן רוסישען צענזאָר.

## פון חדר זאָגט מען ניט אויס (ז. 44)

1) **„וואָן"** — טראָג זיך ארויס פון דאַנען!

2) **צום קלפי** — א שמחה אין שול.

3) **באַגאַדעלניע** — מושב זקנים.

4) **א וויץ־שטאָק א פּרייער** — וואָס מיינט עס?

5) **שאפּעט** — פּיליכט מיינט עס ס אָ פּ ע ט, ציהט שווער דעם אָטעם.

## דער זומער מיט'ן ווינטער (ז. 50)

1) די **שפּעקטען** — (אראנזשעריע).

## דאָס ליעד פון אויג (ז. 57)

1) **א פּול** — א שטויב.

## די פערדאָרבענע בילדונג (ז. 66)

1) **סטראָי** — אַנשטעל.

2) **נוטירקין** — ראשי תיבות.

3) אויף רוסיש — דערלאַנג דעם טאַטען מיט א שטעקען.

4) **פּערווי ראזריאד** — ערשטער גראַד, בעסטער סאָרט.

5) **שיניאָן** — אַזאַ זאָרט פאַרקאַמען די האָר, מיט א מין צאָפּ.

6) אויף רוסיש — אַזעלכע וויל איך דורכאויס ניט האָבען.

7) **טאַלקוטש** — מאַרק.

8) **פּרייסלעך, טאַראַקאַן** — אזוינע אינזעקטען, וואָס פּלאָדענען זיך אין הויז פון שמוץ.

### מיר זיינען קינדער (ז. 72)

1) דאָ קרייציגט מען קעצער אין אינקוויזיציאָן —
2) גאַטאָוו — פאַרטיג, גרייט.

### דעם רבי׳ס שליסעלע (ז. 78)

*) דאָס ליעד איז אייגענטליך אַ סאַטירע אויף אַלע פאַלשע בעל־שם־טוב׳ס, עם הארצים, וואָס שפּיעלען אַ ראָליע אַ דאַנק דעם אבערגלויבען און נאַרישקייט פון פראָסטען עולם.

*) שררים — דאַרף זיין ש ר ר ו ת. (קען פּיליוכט זיין — שרים.)

### אַטלעס (ז. 87)

1) מיך — דאַרף זיין מיר.

### דער פּראָם (ז. 92)

1) פּראַוויטעלסטוואָ — רעגירונג.

### דער אַלטער פּאַטער (ז. 96)

1) ליסטאַפּאַד — בלעטערפאַל.

2) עם — צונזער האָט אין גאַר אַ סך פּלעצער געברויכט דעם ליטוויש־וואָלינער עם אנשטאָט א י ה ם. אין מאַנכע ליעדער האָבען מיר איבערגעדרוקט דאָס ריכ־טיגע וואָרט — א י ה ם.

### די פערמאַסקירטע וועלט (ז. 100)

1) שטאָרעם — פאָרהאנגען, גאַרדינען.
2) צום פּאָהיבל — צום אונגליק.
3) ברידקע — עקעלהאַפט, דערעסען.
4) פּענעס — שרייב־פעדערס.
5) קומט אַן יוריע צו מיכייל — מיינט געווים: און נאָך אלע צרות קומט דער גוי און רויבט אַוועק דאָס ביסעל געבליבענע האָב־און־גוטס.

### די געהיימנים פון ערב יום טוב (ז. 108)

1) האַדקע, אָדער גאַדקע — עקעלהאַפט.
2) און פון טיש טרייבען — מיינט געווים, — מען טהוט איהר פון טיש טרייבען.
3) סיפור־מעשה, — געשעהעניש.
4) קען זיך ניט פּאַמעשטשען — ניטאָ קיין פּלאַץ געגוג.

### דער אייזערנער שראַנק (ז. 116)

1) ערקלערט — מיינט, אויסגעקלערט.
2) שטוילער (דייטש) — גנבים.
3) לואידאָרען — פראַנצויזישע גאָלדענע מטבע פון 20 פראַנק.
4) אַ פּולאַרעס (פּויליש) — אַ טויסטער.
5) יציאות — דאַרף זיין הוצאות.

### שטאָק-שפּיעל (ז. 121)

*) די ערקלערונג פון שפּיעל.

### דער פּאַטשטאָווער גלעקעל (ז. 126)

*) ערקלערונג.
1) פּאַטשטאַליאָן — בריעף-טרעגער, בריעף-ברענגער.
2) פּעטשאַט — זיעגעל.
3) תיו ריש למד בית — תרל"ב.
4) סומקע — טאָרבע, זאַק.

### דער איזבאָרשטשיק (ז. 130)

*) איזבאָרשטשיק — דער ממונה אויף די געבורטס פּאַפּירען (סקאַזקעס).
דאָס ליעד איז געשריבען געוואָרען נאָכדעם ווי עס איז אַוועק די צייט פון די „כאַפּערס" — (כאַפּען יונגע לייט פאַר סאָלדאַטען.) און עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אלגעמיינער מיליטער־דיענסט.
1) סראָק — טערמין.
2) זשערעב — גורל (דער צעטעל וואָס פריזיוונִיקעס ציהען אלס גורל פאַר'ן אָפּגעבען.)

### דאָס ליעד פון אייזענבאַהן (ז. 138)

1) ווסטרעטשען — באַגעגענען.
2) קאַלעטשען — שעדיגען, זיך שעדיגען.
3) סווישטאָק — פייפעל.

### די אייזענבאַהן (ז. 142)

*) דאָס ליעד איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1870, שפּעטער ווי די...

ערשטע. אליקום צונזער האָט אַמאָליסטען דערנאָך דאָס נייע באַהנליעד געזונגען.

1) פּאָיעט — אָנטרינקען.

## דער צבוע'יאַק (ז. 151)

1) די נייע וועלט רופען זיי פּאַליש, (פּוילער?)

2) פּאָפּאָס (פּויליש) — אַ אַריינפּאָהר אין אַן אַכסניה.

3) ליכט — אָבצאָהל.

4) שטשאָט — חשבון.

5) באַקלייד איהם אין סאַרע געוואַנט — מיינט, טוה איהם אָן טורמע־קלײדער.

6) פּאָדאַנקעס — אָפּפאַל, דאָס וואָס אויפ'ן דעק.

7) דאָנאָס — מסירה.

## די פערשיעדענע וועלט (ז. 157)

1) „דאַוואַי פּאַרו ן" — גיב פּאַרע (אין באָד.)

סאַטירע אויף די עם־הארצים, וואָס פערשטעהען ניט די וואונדער פון דער וועלט.

2) דער דיכטער רעדט דאָ ווידער פון זיין פּערזענליכען אונגליק, וואָס ער האָט אָנגעוואָרען זיינע 4 קינדער אין 5 טעג צייט אין דער כאָלעריע.

## די לבנה (ז. 192)

1) האַמבאַג (ענגליש) — ליגען, שווינדעל.

## דאָס אונשטערבליכע פּאָלק (ז. 215)

1) ציטאַדעלע — שלאָס, פעסטונג.

2) דער אַסענס — דער עיקר.

3) דער שערסט פון גערשטע — שערסט, דאָס האָריגע, דער אָפּפאַל.

4) ברוד — שמוץ, פסולת.

## מיינע געפיהלען (ז. 229)

1) יודעפאַב — אַנטיסעמיט.

2) סוד — געריכט.

3) סאַוועסט — כאַראַקטער.

## די דזשואיש אַליאַנס (ז. 268)

1) דזשואיש אַליאַנס — א אידישע אָרגאַניזאַציע.

2) **דאָ** — דער דיכטער רעדט פון אַמעריקאַ.
3) **שוים** (שוין) — דער הוה, דער געגענוואַרטיגער מאָמענט.

## צו די שטערען (ז. 195)

1) אַקטיאָר פון **רעוויזאָר** — „רעוויזאָר", קאָמעדיע פון רוסישען שרייבער — גאָגאָל.
2) **אסטראָג** — טורמע.
3) **וואַטיקאַן** — דעם פּאַפּסט'ס פּאַלאַץ אין רוים.
4) **אַמור** — גאָט פון ליעבע.

## משה מיט זיין דור (ז. 249)

1) **פּאלאטש** — הענקער.
2) **פּריטשינע** — אורזאַך, סיבה.
3) **וויעק** — צייט, פּעריאָדע.
4) **עם** — איהם.

## קאָלומבוס און וואַשינגטאָן (ז. 256)

1) **צפון** — דאַרף אודאי זיין „מזרח" — וויל אייראָפּאַ ליעגט אין מזרח אין פערהעלטניס צו אַמעריקאַ.

## די קאָנטראַסטען (ז. 236)

1) **פּאַראַלעלען** — דער דיכטער מיינט דאָ צוויי קאָנטראַסטען. (דאָס וואָרט פּ אַ ר אַ ל ע ל ע ן אָבער מיינט אייגענטליך דעם היפך פון קאָנטראַסט).
2) **זאלאטניק** — לויט, אונץ.
3) **ראַסטשאָט** — אויס'חשבון'ען צי לוינט זיך עס.
4) אַ **„קאהאלא"** — דאַרף זיין „קאַהאַל". „קאַהאַלאַ" איז דער נאָמען פון אן אנטיסעמיטיש ווערק „קניגא קאהאלא" פון משומד בראַפמאַן.
5) **דאָס איינע אויף דעם דריי ניט פערביטען** — דאס איינס — דעם גלויבען אין איין גאָט ניט פערביטען אויף דעם 3 — אויפ'ן קריסטליכען גלויבען אין דער דריי־אייניגקייט — גאָט, יעזוס און דער היליגער גייסט.

## דער אַריסטאָקראַט (ז. 183)

1) **דיבען** (דייטש) — גנבים.
2) **נאָמאָ** — מוזיק־צייכענס (אין נאָטען).
3) **אויך** מוזיק־צייכענס.

4) איינזעקטישע ניגונים — וואָס מיינט?
5) גייגער — רעפאָרמירטער רבי אין בערלין.
6) צונזער רעדט דאָ פון די ערשטע פּאָגראָמען אויף אידען פון די „באסא-קאָמאַנדא“ — ווילדען עולם.
7) פּאָ-שייע“ (רוסיש) — איבער׳ן קאָרק.
8) רוסיש — זיינען מיר דען אויך אידען?
9) פּתח תקוה — אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל.

### דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט (ז. 205)

1) לוצאַטאָ — געלעהרטער איד אין אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט.
2) דעליע און שטראָקען — אַלט-מאָדישע קליידער
3) כודאָזשניק — מאַהלער.
4) דאָס אַנטיסעמיטישע ווערק פון רוסישען משומד בראפמאַן.

### רבי יעקב משלם (ז. 168)

1) ראזקלאַדקעס — געשעפטען, זאכען.

### דער חילוף (ז. 175)

1) וויעק, — צייט, פעריאדע.
2) הוטשאַק אויפ׳ן קאַטאַק — מיינט, איילענדיג זיך לאָזען צום גליטש-פּלאַץ.
3) לאַסקער — דייטשער איד — ערוועהלט אין פּאַרלאַמענט.
קוראַנדע — עסטרייכישער איד — אין פּאַרלאַמענט.

### פּערזעהן — פּערשפּיעלט (ז. 264)

1) קיטשען — קיך.
2) פּערקויפען אַ וואוט — בעת׳ן וואַהל-קאמפּיין פערקויפען פאַר שוחד די שטימע צו פּאָליטישענס.
3) מען „סאַקט“ (ענגליש) — מען זויגט אויס פרעמדען כח.

### צום פּעדלער (ז. 261)

1) דזשולערי — ציערונג.
2) אַ טשאַנס — אַ געלעגענהייט.
3) פּליים — פּלאַץ.

## זמן מתן חירותנו (ז. 284)

1) „דעקליירײשאָן אָװ אינדעפּענדענס“ — די אומאָפּהענגיקײט — ערקלערונג פון אמעריקא פון יאָהר 1776.

## דאָס גאָלדענע לאַנד (ז. 274)

1) טרײַעל — משפּט אין געריכט.
2) פײַן — שטראָף־געלט.
3) פײַערעסקײפּ — פײַער־אױסגאַנג, פײַער־לײטער זיך צו ראַטעװען.
4) דאַון־טאַון — דער אונטערשטער טײל פון שטאָט.
5) ניוס־פּײפּער — צײַטונגען.
6) סיטי־האָל — שטאָט־הױז, שטאָט־פאַרװאַלטונג.
7) קױלען מײַנס — קױלען־גריבער, מינען.

## דער גרינער (ז. 279)

1) ער טרײַט — ער פּרובירט.
2) מעטשעס — שװעבעלעך.
3) „דער טעלעגראַם“ — אַזאַ צײַטונג.
4) רעגס — טראַנטעס, שמאַטעס.
5) װײדזשעס — געהאַלט, שכירות, לױן.
6) בײסמענט — קעלער, קעלער־װױנונג.

## מײַן ליעד און דער איד (ז. 287)